STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07664

GEZAMELTE SHRIFTEN

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ח. זשיטלאָווסקי

געזאמלטע שריפטן

זיבעטער באַנד

די מאָראַל פילאָזאָפיע און דער ענד-ציל

פארלאג ה. בזשאָזא
1932 ווארשע

Copyright 1917
by
Dr. Ch. Zhitlowsky, N. Y.

All rights reserved

Printed in Poland

Dr. Ch. Żytłowski
PISMA t. VII.
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa. 1932.

Druk. „R e k o r d"
Warszawa
ul Zamenhofa 18, tel. 11-37-36

דר. חיים זשיטלאָווסקי

די מאָראַל-פילאָסאָפיע און דער ענד-ציעל

אינהאַלט:

די מאָראַל־פילאָסאָפיע און דער ענד־ציעל.

דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק.

דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס.

הערר דובנאָוו'ס „גייסטיגער" נאַציאָנאַליזם.

די מאָראַל-פילאָסאָפיע און דער ענד-ציעל

די מאראל־פילאסאפיע און דער ענד־ציעל

(רודאלף שטאמלער און זיין סאציאלער מאניזם.)

.1

די לאגע פון דעם מארקסיזם אין דער איצטיגער סאציאלע, און היסטארישער וויסענשאפט האט זיך פאר דער לעצטער צייט זעהר שטארק איבערגעביטען. נאך אין דעם סוף פון די אכציגער יאהרען פון דעם פאריגען יאהרהונדערט האט הערמאן באהר, — יעמאלט איינער פון די אנגעזעהענסטע נאכפאלגער פון דעם דיאלעקטישען מאטעריאליזם, — געקאנט, — אין דעם ערשטען טייל פון זיין „צור קריטיק דער מאדערנע“, — בעקלאגען זיך דערויף, וואס דער געדאנק פון זיין צייט יאגט זיך ניט אזוי „צו מאכען זיין חשבון מיט דעם מארקסיזם“. אט דער „חשבון־מאכען“ האט זיך אבער אנגעהויבען אין מיטען פון די נייענציגער יאהרען, און זואס וויטער, אלץ מעהר שטעהען צו צו איהם בערופענע אדער ניט בערופענע „בעל־חשבון׳ס“.

דער מארקסיזם איז ארום דערזעלביגער צייט ארויפגעשטעלט געווארען אויף דער טאגעס־ארדנונג אין רוסלאנד, וואו ריין ארטליכע און צייטליכע אורזאכען האבען צוגעצויגען צו איהם די סימפאטיע פון א היבשען טייל פון דעם יונגען דור. עס האבען זיך אנגעהויבען אי אין רוסלאנד, אי אין מערב־אייראפא, הייסע דעבאטען וועגען זיין מהות און זיין ווערטה, — דעבאטען וואס זיינען נאך ניט פערשטומט געווארען ביז אויף דעם היינטיגען טאג.

ווילהעלם וואונדט זאגט ערגעץ־וואו, אז זעלטען ווען די וויסענשאפטען ענטוויקלען זיך דורך כסדר׳דיגע, לאנגזאמע אבער זיכערע ערארבערונגען. דאס רוב הויבט א יונגע וויסענשאפט אן מיט א וועלכער עס איז שלעכט איינגעפונדעוועטער אבער דערפאר וויים

פערכאַפּענדער היפּאָטעזע, וועלכע נעהמט אַרום דאָס גאַנצע פעלד, וואָס מען דאַרף אויספאָרשען. מיט קוראַזשירטע שטריכען וואַרפט זי אָן דעם פּלאַן פון דעם קינפטיגען געבוי. די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט בעשטעהט אין דעם, וואָס מען טראָגט אַריין אין דעם פריהער אויפגעוואָרפענעם פּלאַן אַלערליי הוספות, בעגרעניצונגען און פערענדערונגען.

מען קאָן זאָגען, אַז אַ דאַנק דער ברענענדיגער פּאָלעמיק פאַר און געגען דעם מאַרקסיזם, זיינען די סאָציאָלאָגישע און געשיכטס־פילאָסאָפישע בנינים זיינע געוואָרען דער צענטראַל־פונקט פון דעם מאָדערנעם געדאַנק אין דער סאָציאָלאָגיע און אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע, און אַז זיי וועלען אפשר נאָך אַ לאַנגע צייט שפּיעלען די ראָליע פון יענעם לכתחילה־אויפגעריסענעם פּלאַן, וואָס מוז זיך געפינען ביי יעדען איינעם אין די הענד, אויב ער וויל נאָר נעהמען אַן אַנטייל אין דער בעאַרבייטונג פון סאָציאָלאָגישע און געשיכטס־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען אָדער אויב ער וויל לכל הפּחות נאָכקוקען, ווי אַזוי די דאָזיגע וויסענשאַפטס־צווייגען ענטוויקלען זיך און וואַקסען זיך פאַנאַנדער.

כמעט אַלע געשיכטס־פילאָסאָפישע און סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען פון דער לעצטער צייט רעכענען זיך אויף דעם אָדער יענעם אופן מיט די אַנשויאונגען פון מאַרקס און ענגעלס, און כמעט יעדע נייע אַרבייט טראָגט אַריין אַ וועלכען עס איז נייעם אויסטייטש אָדער אַ בעגרעניצונג אָדער אַ פערענדערונג אין דעם לכתחילה אויפגעוואָרפענעם פּלאַן.

דאָס רוב פון די פאָרגעשלאָגענע אויסבעסערונגען, ווי אויך די, וואָס עדוואַרד בערנשטיין האָט אַריינגעטראָגען, האָבען אָבער ביז אַהער געהאַט צו טהאָן נאָר מיט די איינצעלנע זייטען אָדער נאָר מיט די איינצעלנע פּרטים פון קאַרל מאַרקס׳ לעהרע. מען איז אָנגעפאַלען אויף די העגעליאַנישע עלעמענטען אינ׳ם מאַרקסיזם, אויף זיין מאַטעריאַליזם, אויף זיין פעראַלטערטער דרעקענטנים־טעאָריע, אויף דעם עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם אין דער געשיכטע, אויף דער טעאָריע פון דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלען און אַז. וו., און אַז. וו. מען קאָן זאָגען, אַז ס׳איז כמעט ניטאָ קיין איינציגער פונקט פון מאַרקס׳ טעאָרעטישע אַנשויאונגען און פּראַקטישע

פאָדערונגען, וועלכע מען זאָל ניט האָבען קריטיש ערנסט דורכגע־קוקט.

צו דער זעהר קליינער צאָהל פון יענע ארבייטען אָבער, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט ניט אזוי מיט די איינצעלנע טיילען פונ'ם מארקסיזם, ווי מיט זיינע וויכטיגסטע יסודות, און דערצו, ניט נאָר צוליעב דעם פאָלעמישען קאמף, נאָר אויך כדי אוועקצושטעלען אויף זייער אָרט בעסערע און צוועקמעסיגערע בנינים, געהערט דאָס בעוואוסטע ווערק פון רודאָלף שטאמלער וועגען „ווירטשאפט און רעכט", וואָס איז ארויס אין דעם יאָהר 1896.*)

פאנאנדערקלייבען זיך אין יענע נייע טעאָריען, וועלכע שטאמ־לער שלאָגט פאָר אָנשטאָט דעם מארקסיזם, און אויסגעפינען, אויף וויפיעל זיין נייער אופן אויפצונעהמען די סאָציאָלאָגישע און גע־שיכטס־פילאָסאָפישע פראגען קאָן העלפען דער וייטערדיגער ענט־וויקלונג פון די דאָזיגע וויסענשאפטען, — דאָס איז די אויפגאָבע פון אונזער היינטיגען ארטיקעל.

.2

דעם סכום פון אלע פּראָבלעמען, וואָס ווערען אויסגעפאָרשט אין דער סאָציאָלאָגיע און אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע, רופט שטאמלער אָן די ס אָ צ י אַ ל ־ פ י ל אָ ס אָ פ י ע, די פילאָסאָפיע פון דער געזעלשאפט. אלע איידער־מארקסיסטישע פּרובען, וויסענ־שאפטליך אויסצובויען אָט דעם וויכטיגסטען צווייג פון דער מענש־ליכער דערקענטניס, בלייבען, נאָך שטאמלער'ס מיינונג נאָך, אין דעם פרט פון וויכטיגקייט און טיעפקייט ווייט הינטער די טעאָריען פון מארקס און ענגעלס.

„איך דערקען", זאָגט ער, „אין דעם סאָציאַלען מאטעריאליזם די איינציגע שאפט פון דעם בעדייטענדסטען און טיעפען ע ר ש ט ע ן ש ר י ט צו א קריטישער בעגרינדונג פון א וויסענשאפטליכער פילאָסאָפיע פון דער געזעלשאפט".**) דער מארקסיזם האָט, נאָך

*) פראָפ. רודאָלף שטאמלער, „ווירטשאפט און רעכט נאָך מאטעריא־ליסטישער געשיכטס־אויפפאסונג". ליפּציג, 1896.

**) דאָרטען גופא, ז. 399.

זיין מיינונג, זעהר גרויסע פּערדיענסטען: ער שטרעבט וויסענ־
שאַפטליך צו דערקענען די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען; ער בע־
טראַכט די געזעלשאַפט און די מענשליכע געשיכטע ווי א ב ע ־
ז ו נ ד ע ר, איינענטימליכער ענין פון דער מענשליכער פאָרשונג,
וועלכער איז בעשענקט מיט ספּעציפישע אייגענשאַפטען, וואָס נאָר
ער אליין פערמאָגט, און וואָס פאָרדערט דעריבער צו זיין שטודיום
גאַנץ ספּעציפישע מעטאָדען און אופנים.*)

אויסטערליש ווערטפול אין דעם סיסטעם פון דעם עקאָנאָמי־
שען מאַטעריאַליזם איז ווייטער זיין מ אָ נ י ז ם, וועלכען ער
נעהמט לכל הפחות אָן אין פּרינציפּ, זיין שטרעבען צוריקצופיהרען
אַלע אויסערונגען פון דעם געשיכטליכען און געזעלשאַפטליכען לע־
בען צו איין־איינציגען „לעצטען, זעלבסטשטענדיגען אָביעקט פון
דער סאָציאַלאָגישער פאָרשונג". דער פּונקט בעצויבערט שטאַמ־
לער'ן גאָר אויף א הויכען שטיינער. נתפּעל ווערט ער אויך פון
מאַרקס' אָ ב י ע ק ט י װ י ז ם, פון זיין לעהרע, אז אַלע היס־
טאָרישע פערענדערונגען זיינען א פּרוכט פון נ ו י ט װ ע נ ד י ג־
ק י י ט, וועלכע פליעסט פון די גרונד־געזעצען פון דער געזעל־
שאַפטליכער באַלעבאַטישקייט, „וואָס מיט איהר פערענדערונג פער־
ענדערט זיך אַל־דאָס איבעריגע."

רודאָלף שטאַמלער מיינט, אז א דאַנק אַט די אַלע יסודות זיינע,
קאָן דער מאַרקסיזם מיט ערפאָלג קעמפען אנטקעגען דעם ס ו ־
ב י ע ק ט י װ י ז ם אין דער בעשטימונג פון געזעלשאַפטליכע
ציעלען, וואָס וויל ניט וויסען פון קיין אנדערע טעמים, ווי נאָר די
אייגענע וואונשען און אידעאַלען. דער מאַרקסיזם ווייזט אויף, —
און שטאַמלער איז מיט איהם מסכים אין דעם, — אז די אידעען,
וואונשען און שטרעבונגען גופא וואַקסען ארויס על פּי נויטוועג־
דיגקייט פון דעם גרונד און באָדען פון דער געזעלשאַפטליכער באַ־
לעבאַטישקייט. נאָר יענע געזעלשאַפטליכע פאָדערונגען זיינען
אָביעקטיוו בעגרינדעט, וואָס ווערען אויפגעבויט אויף דער דער־
קענטנים פון די גרונד־געזעצען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, —
אַט דאָס דאַרף זיין דער העכסטער קריטעריום פאַר יעדער פּראַק־

*) דאָרטען גופא, ז. 257.

טישער טעטיגקייט, וואָס וויל זיך אָנלעהנען ניט אויף סוביעקטיווע, שנעל־פערפליהענדע מיינונגען, נאָר אויף פעסטע איינגעפונדעוועטע וויסענשאַפטליכע אמת'ען. אזא קריטעריום, מיינט שטאַמלער, איז צום ערשטען מאָל ארויסגעשטעלט געוואָרען פון מאַרקס'ען.*)

אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען דרך־ארץ צום מאַרקסיזם, מיט וועלכען שטאַמלער איז דורכגעדרונגען, קאָן ער, פערשטעהט זיך, פאָרט ניט פערמאַכען די אויגען אויף אַ פולע שלאַפע זייטען זיינע, און די קריטיק פון זיי פיהרט דעם מחבר צו רעזולטאַטען, וואָס שטימען זעהר וועניג צונויף מיט די גרונדלאַגען פון דעם מאַטעריאַליסטישען בליק אויף די געשיכטע און וואָס געהען אין די וויכטיגסטע פונקטען דירעקט להיפך צו זיי.

איינער פון די גרעסטע חסרונות פון דעם מאַרקסיזם בעשטעהט, לויט שטאַמלער'ן, אין דעם, וואָס ער איז ניט דורכגעטראַכט ביז צום סוף און וואָס ער האָט ניט קלאָר געמאַכט, ווי עס דאַרף צו זיין, דעם זין פון זיינע אייגענע גרונד־פרינציפען.

„גראָד דאָרטען, וואו מיר האָבען צו טהאָן מיט די פונדאַמענטאַלסטע יסודות פון דער טעאָריע, בענוגענט זיך דער מאַרקסיזם", — זאָגט שטאַמלער, — „מיט אַנב אורחא אַריינגעוואָרפענע אַפאָריזמען און אָבגעריסענע זאַצען, מיט ניט דורכגעקלערטע בעגריפען".**)

צו אַזעלכע פונדאַמענטאַלע יסודות פון דער טעאָריע געהערט די פראַגע וועגען דער שייכות, וואָס הערשט צווישען דעם עקאָנאָמישען און דעם רעכטליכען לעבען. קלאָר צו מאַכען די דאָזיגע שייכות נעהמט אויף זיך דאָס גאַנצע בוך וועגען „ווירטשאַפט און רעכט."

---

*) שטעלען, וואָס שטרייכען אונטער די מעלות פון דעם מאַרקסיזם, זיינען צוזעעט איבער דאָס גאַנצע בוך שטאַמלער'ס און ווידערהאָלען זיך זעהר אָפט. ווידערהאָלונגען, סטיליסטישע וואַריאַציעס פון איין און דעמזעלביגען געדאַנק, זיינען, ביי זייער גאַנצער שפּראַכליכער שעהנקייט, פאָרט איינער פון די חסרונות פון שטאַמלער'ס גלענצענד אָנגעשריעבענעם ווערק. וועגען די מעלות פון דעם מאַרקסיזם זעה: זז. 18, 22—24, 30, 229. 257, 267, 396 און נאָך אַנדערע.

**) ד. ג. ז. 445.

.3

עס איז זעהר לייכט צו פערשטעהן, פאַר וואָס שטאַמלער קאָנ־צענטרירט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער שייכות צווישען ווירט־שאַפט און רעכט. דער שטאַאַטליכער און סאָציאַלער בנין פון דער געזעלשאַפט עקזיסטירט איצטער אין דער פאָרם פון אַ געוויסען יורידישען סיסטעם פון רעכטען, פּריווילעגיעס און פליכטען, ד. ה. פון יורידישע נאָרמען, וואָס היטען אָב די יסודות פון דעם איצטיגען געזעלשאַפטליכען לעבען. אַלע פּרובען, וואָס מען מאַכט איבער־צואַנדערשען דעם בוי פון דער געזעלשאַפט, טרעטען אין דער לעצ־טער שורה אַרויס, ווי אַ פאָדערונג אַנצונעהמען אַנדערע יורידישע נאָרמען אַנשטאָט די, וואָס הערשען איצטער. אַלע פּראָיעקטען פון ראַדיקאַלע סאָציאַלע רעפאָרמען, אין וואָס עס זאָל ניט בע־שטעהן זייער עקאָנאָמישער אינהאַלט, דרעהען זיך אַרום דער פראַגע וועגען דעם אייגענטומס־ר ע כ ט אויף דעם גרונד־און־באָדען און די איבעריגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען; וועגען דעם פאַמיליען־ר ע כ ט; וועגען דעם רעכט אַנצושטעלען פרייע לוין־אַרבייטער אַ. אַז. וו.

לויט דער לעהרע פון דער מאַטעריאַליסטישער סאָציאַל־פילאָ־סאָפיע, איז דאָס רעכט ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט, אַ פּועל־יוצא פון דעם עקאָנאָמישען לעבען. אַלע ענדערונגען אין דער יורידישער ספערע ווערען אַפריהער פאַרטיג געמאַכט אין די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין די ריין ווירטשאַפטליכע פּראָצעסען. איז — וואָס זאָלען מיר פערשטעהן אונטער די טערמינעס „ווירטשאַפט“ און „רעכט“? איז דאָס אמת, וואָס מאַרקס זאָגט, אַז ווירטשאַפט און רעכט שטעהען איינע צו דעם אַנדערן, ווי אורזאַך צו ווירקונג? און אויב דאָס איז ניט אמת, איז — וואָס פאַר אַן אַנדער שייכות הערשט דאָ צווישען יענע צוויי הויפּט־אויסערונגען פון דעם געזעלשאַפטלי־כען לעבען? — אָט דאָס זיינען די פראַגען, וואָס זיינען געווען פאַר שטאַמלער'ן דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זיין פאָרשונג.

קודם כל קאָנסטאַטירט ער יענע מבולבל'קייט און מטושטש'־קייט, וועלכע עקזיסטירען אין דער הערשענדער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור בנוגע צו די גרונד־בעגריפען וועגען דעם עצם גופא פון

די ווירטשאַפטליכע ערשיינונגען, וואָס דאַרפֿען, לויט מאַרקס'ען, שפּיעלען די ראָלע פון דער „ערשטער אורזאַך“ אין דער געשיכטלי־כער ענטוויקלונג.

פרידריך ענגעלס האָט אויפגעשטעלט די פאָרמעל, אַז „די פּראָדוקציע און דער אויסבייט פון פּראָדוקטען איז דער פונדאַ־מענט פון יעדען געזעלשאַפטליכען בנין; אַז אין יעדער געזעל־שאַפט, וואָס איז היסטאָריש אַרויסגעטרעטען, ווערט די פערטיי־לונג פון די פּראָדוקטען געמאַכט לויט דעם, ווי און וואָס עס ווערט פּראָדוצירט און אויף וועלכען אופן די פּראָדוקטען ווערען אויסגע־בייטען צווישען זיך.“ אָבער — וואָס איז דער זין פון די ווערטער: „ווי“ און „וואָס“? ענגעלס גיט ניט וועגען דעם קיין שום ערקלע־רונגען, און מיט דער הילף פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור איז נאָר ניט אַזוי גרינג פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין דער שאלה.

די מעשה דערפון איז, וואָס דער „אופן פון דער פּראָדוקציע“, צו וועלכען ענגעלס פיהרט צו אַלץ אין דער געשיכטע, ווי צו דער לעצטער אינסטאַנץ, קאָן פערשטאַנען ווערן אין אַ צווייפאַכען זין: אין אַ טעכנישען און אַ סאָציאַלען.

אין דעם ערשטען פאַל הייסט „געזעלשאַפטליכע באַלעבאַטיש־קייט“ דער סכום פון יענע טעכנישע אופנים און פּראָצעסען, וואָס די געזעלשאַפט ווענדט זי אָן אין איהר קאַמף מיט דער נאַ־טור. אין דעם זין רעדט מען, צום ביישפּיעל, וועגען די באַלע־באַטישקייט פון דעם שטיין־צייטאַלטער, וועגען דער ווירקונג, וואָס די ענטדעקונג פון פייער־געברויך האָט געהאַט אויף דער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער באַלעבאַטישקייט וכדומה.

אין דעם צווייטען פאַל האָט מען אין זין די יורידישע יסודות פון דעם ווירטשאַפטליכען לעבען, ווען מען רעדט, צום ביישפּיעל, וועגען דער קאַפּיטאַליסטישער באַלעבאַטישקייט, דעם קאַפּיטאַליס־טישען פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָס איז בעגרינדעט אויף געוויסע יו־רידישע נאָרמען: אויף דעם רעכט פון פּריוואַט־אייגענטום און דעם רעכט פון דעם פרייען אָבמאַך מיט די געדונגענע אַרבייטער.

אָבער די צוויי בעגריפען, — דער טעכנישער און דער סאָ־ציאַלער, — מוזען ווערען שטרענג פאַנאַנדערגעשיידען. „די טעכ־ניק קאָן מען פערגלייכען נאָר מיט דער טעכניק און די סאָציאַלע

באלעבאטישקייט נאר מיט דער סאציאלער באלעבאטישקייט". די טעכניק און די סאציאלע בעדינגונגען פון דער באלעבאטישקייט ווירקען ניט אויף איין־און־דעמזעלביגען אופן אויף די מענשען און ממילא אויך אויף דער געשיכטע. אזא אדער אן אנדער אופן פון דער אגרארישער ווירטשאפט לעגט אוועק זיין שטעמפעל אויף די פיזישע און פסיכישע אייגנשאפטען פון דעם אקערסמאן, אלץ איינס, צו דער פויער איז א לייבאייגענער אדער א שקלאף, אדער א פרייער באטראק אדער א זעלבסטשטענדיגער ערד־בעזיצער. „די הארטע ארבייט ביי ווינד און שטורעם מאכט די פליטען־טרייבער גראב און זייער בענעהמען זיך, ווילד און פער'עקשנ'ט", קיין נפקא מינה ניט, וואס זיי זיינען: געדונגענע פועלים אדער זעלבסטשטענדיגע באלעבאטים. אויף דעם זעלביגען שטייגער פאלען אונטער אויך די פראדוצענטען פון שפילקעס אונטער דער מאכט פון זייער מלאכה, אהן אן אונטערשייד, וואס דער סאציאלער כאראקטער פון זייער ארבייט איז, — צי זיי זענען לוין־ארבייטער, שקלאפען, מיטגליעדער פון א קא־אפעראטיוו, בירגער פון א סאציאליסטישען שטאאט, אדער ברידער פון א וועלכען עס איז קלויסטער־ארדען.

די ווירקונג פון די סאציאלע יסודות פון דער ארבייט איז בעשיינפערליך פון א גאנץ אנדער ארט, איידער די ווירקונג פון איהר טעכניק. מען קאן דעריבער בשום אופן ניט צונויפמישען די צוויי בעגריפען אין איין אלגעמיינעם בעגריף: „דער אופן פון דער פראדוקציע". און פון דעסטוועגען בעגעגענען מיר זיך אין דער מארקסיסטישער ליטעראטור אויף שריט און טריט מיט אזא צונויפמישונג.

ביי קוימסקי, צ. ב., געפינען מיר אן אנטקעגען־שטעלונג פון יענעם פעריאד אין דער געשיכטע, ווען דער הערשענדער פראדוקציאנס־אופן איז געווען דער ערד־ארבייטערישער, צו יענעם פעריאד אין דער געשיכטע, ווען דער הערשענדער פראדוקציאנס־אופן איז געווארען דער קאפיטאליזם. דאס איז אקוראט, זאגט שטאמלער, ווי מען וואלט די פישער־ווירטשאפט אוועקגעשטעלט אנטקעגען דער שקלאפען־ווירטשאפט.

.4

נעהט מען איבער פון די מאַרקסיסטען, ביי וועמען עס הערשט אַ פאָלשטענדיגע פלאָנטערניס וועגען דעם ענין, צו די אַרבייטען פון מאַרקס און ענגעלס גופא, איז גרינג צו בעמערקען, זאָגט אונזער מחבר, אַז די בעשאַפער פון דעם עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם פערבינדען דעם טערמין: „די אופנים פון דער פּראָדוקציאָן" כמעט אַלע מאָל מיט אַ יורידישען זין.*)

אַזוי זעהען מיר אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגען פּרודאָנ'ען, ווי מאַרקס אידענטיפיצירט די פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסע מיט די אייגענטומס־פערהעלטניסע. אין זיין לעהרע וועגען דער אַרבייטס־טיילונג (אינ'ב „קאַפּיטאַל") נעהמט ער פאַר זיין אויסגאַנגס־פּונקט ניט איהר טעכנישע יסודות, נאָר געוויסע סאָציאַל יורידישע בעדינגונגען, וואָס אונטער זייער ווירקונג איז זי אַרויסגערופען געוואָרען אין לעבען. אמת, מאַרקס בעטראַכט אויך די ווירקונג פון דער אַרבייטס־טיילונג אויף דער טעכניק, אָבער בעטאָנען בעטאָנט ער, דער עיקר, דעם אומשטאַנד, אַז „די אַרבייטס־טיילונג אין דער מאַנופאַקטור איז אַ ספּעציפישער פּראָדוקט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן", בעת די מאָדערנע אַרבייטס־טיילונג איז ענטשטאַנען נאָר אונטער דער הערשאַפט פון דער „פרייער קאָנקורענץ".

מאַרקס מאַכט אויך אַ גרויסען אונטערשייד צווישען דער מאַשין, ווי אַ פּראָדוקטיוו־קראַפט, און דער מאָדערנער פאַבריק, ווי אַ געוויסען געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניס. נאָר די

---

*) איך וויל שוין דאָ אויפמערקזאם מאַכען אויף דעם פעהלער, אין וועלכען שטאַמלער פאַלט אַריין. אויב ניט ביי ענגעלס'ען, איז ביי מאַרקס'ען כמעט אומעטום, — אויף וויפיעל מיר געדענקט זיך, — אויסגעהאַלטען די שטרענגע פאַנאַנדערשיידונג פון דריי בעגריפען: „פּראָדוקציאָנס־אופן" (וויזע), „פּראָדוקציאָנס־פאָרם" און „פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניסע". דערהויפּט אין „קאַפּיטאַל". דער „אופן" איז טעכניש, די „פאָרם" איז סאָציאַל און יורידיש, די „פערהעלטניסע" זיינען דער סכום פון ווירקונגען, וואָס שטאַמען פון ביידע פאַקטאָרען, דעם טעכנישען און דעם סאָציאַל־יורידישען. דער פעהלער פערמינערט אָבער ניט דעם ווערטה פון שטאַמלער'ס אַרגומענטאַציע בכלל.

לעצטערע רעכענט ער פאַר אַן „עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע". די ערשטע קאָן מען, לויט מאַרקס׳ מיינונג, אַקוראַט אַזוי ווענינ אָנ־רופען אַן „עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע", ווי די אַרבייטס־פּיה. אָבער דער חלוק צווישען דער פאַבריק אין דעם טעכנישען זין פון דעם וואָרט און דערזעלביגער פאַבריק, ווי אַ געוויסען פּראָדוקציאָנס־פערהעלטניס, — אין וואָס דען קאָן ער ליגען, אויב ניט אין יענע יורידישע בעדינגונגען, אין וועלכע זי, די פאַבריק, איז אוועקגעשטעלט; אויב ניט אין דעם ר ע כ ט פון פּריוואַט אייגענטום, אין דעם ר ע כ ט פון אומבעגרענוצטען קאַפּיטאַל־אָנזאַמלען און אין דעם ר ע כ ט פון אַ פרייען אָבמאַך מיט די לוין־אַרבייטער?

און ווען מאַרקס און ענגעלס רעדען וועגען דער ווירקונג פון דעם מאַשיניזם אויף דאָס ווערען און וואַקסען פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויפּעריזם, איז אויך קלאָר ווי דער טאָג, אַז זיי קאָנען דאָ האָבען אין אויג ניט די ריין טעכנישע אייגענשאַפטען פון דער מאַשינעלער פּראָדוקציע, נאָר יענע געזעלשאַפטליכע, ד. ה. יורידישע בעדינגונגען, אין וועלכע עס געפינט זיך איצטער די מאַשינעלע פּראָדוקציע, ד. ה. ווידער־אַ־מאָל דאָס ר ע כ ט פון פּריוואַט־אייגענטום און פון דעם פרייען אָבמאַך.*)

ביי ענגעלס׳ען ווערט אויך דער עיקר גערעדט וועגען די סאָציאַלע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן, ווען ער שמועסט, צ. ב., וועגען דער מיטעלאַלטערליכער צונפט־פּראָדוקציע אָדער וועגען דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָס איז אייגען דער איצטיגער בורזשואַזיע. און אויך דאָס איז קלאָר, אַז אַלע ערשיינונגען פון דעם פּראָדוקטען־אויסבייט דאַרף מען צורעכענען ניט צו דעם פעלד פון דער טעכניק, נאָר צו דעם פעלד פון די יורידישע בעדינגונגען, אין וועלכע עס שפּיעלט זיך אָב דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען.**)

אויף אַזאַ׳ן אופן זעהען מיר, אַז מאַרקס און ענגעלס ווערען אומגערן אַליין אַראָבגעשלאָגען פון דער וויכטיגסטער פּאָזיציע אין זייער טעאָריע. זיי ווילען אַלע היסטאָרישע פערענדערונגען צוריקפיהרען צו דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, ד. ה. צו דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק. אין דער אמת׳ן אָבער פיה־

*) ז. 253—255.
**) ז. 257

דען זיי צו אין דעם גרעסטען צאָהל פון פאַלען ניט צו דער טעכ־ניק, נאָר צו די געזעלשאַפטליכע, ד. ה. יורידישע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן.

.5

דער לעזער, וואָס איז בעקאַנט מיט דער טעאָריע פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם, וואָלט געוויס געקאָנט ענטפערן אויף דערויף, אַז די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן זיינען פאַר מאַרקס'ען ניט מעהר ווי א פּועל־יוצא פון א געוויסער ענטוויקלונגס־שטופע, צו וועלכען עס האָבען זיך דערהויבען די פּראָ־דוקטיוו־קרעפטען; ניט מעהר ווי א רעזולטאַט פון א געוויסען צו־שטאַנד, אין וועלכען עס געפינען זיך די טעכנישע יסודות פון דעם ווירטשאַפטליכען לעבען.

אָבער שטאַמלער ווייזט מיט רעכט אָן אין אַן אַנדער שטעל פון זיין אַרבייט אויף דעם פאַקט, אַז אַט דער מאַרקסיסטישער גרונד־זאַץ איז גראָד ערגעץ ניט בעוויעזען געוואָרען פון מאַרקס'ען. די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציע מוזען דוקא פיה־רען צו בעשטימטע אופנים, ווי צו פערטיילען די פּראָדוקטען, — זאָגט מאַרקס. אָבער מאַרקס האָט ערגעץ ניט בעוויעזען, אַז עס מוז זיין אַן אורזאַכליכע, כסדר ווירקענדע פערבינדונג צווישען די ערשיינונגען פון דער פּראָדוקציאָן און די ערשיינונגען פון דער פערטיילונג. מען קאָן גריילעך צולאָזען דעם געדאַנק, אַז ביי די־זעלביגע טעכנישע אופנים פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט זאָ־לען קאָנען האָבען פּלאַץ די פערשיידענסטע אופנים פון דעם פּראָ־דוקטען־פערטייל; און צוריק, — אַז איין־און־דערזעלביגער אופן פון דעם פּראָדוקטען־פערטייל זאָל האָבען פּלאַץ ביי די פערשיי־דענסטע טעכנישע טיפּען פון דער געזעלשאַפטליכער באַלעבאַטיש־קייט.

אמת, קויטסקי ברענגט א ביישפּיעל, ווי אזוי אינדיאַנישע יעגער, וואָס פּלעגען פריהער, בעת זייערע כלי־זין זיינען בעשטאַנען דער עיקר פון פיילען, פאַנאַנדערטיילען אינדיווידועל דעם רויב פון דעם אַלגעמיינעם געיעג, און דערנאָך, אַז זיי האָבען זיך בעז־וואָפענט מיט ביקסען, זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו א קאָמוניסטי־

שען פערטייל פון דעם זעלביגען רויב. הייסט עס, אז מיט דעם איבערבייט אין דער טעכניק האָט זיך אויך איבערגעביטען דער פערטייל פון די פּראָדוקטען. אָבער אָט דער ביישפּיעל, מיינט שטאַמלער, בעווייזט גאָרנישט ניט. איןביידע פאַלען איז געבליבען אומבעריהרט די קאָמוניסטישע, ד. ה. אַ געוויסע יורידישע אָרגאַניזאַציע פון דעם אופן גופא, ווי אזוי דאָס געיעג ווערט געפיהרט. וואָלט ניט געווען אָט דער קאָמוניסטישער יסוד, וואָלט דער אריין־פיהר פון פייער־שיסענדע כלי־זין געווים ניט געקאָנט ברייגגען צו קיין איבערבייט אין דעם פערטייל פון די פּראָדוקטען.

מיר ווע‍לען זיך דאָ ניט אריינלאָזען טיעפער אין דער שאלה, אויף וויפיעל איז שטאַמלער גערעכט, ווען ער מיינט, אז די פאָרמען פון דעם פּראָדוקטען־פערטייל זענען דורכאויס אונאבהענגיג פון דעם אופן, ווי אזוי מען בעקומט די פּראָדוקטען. עס וואָלט ניט שווער געווען צו ווייזען, ווי אזוי אין דעם ציטירטען ביישפּיעל פון קויטסקי וואָלט די איינפיהרונג פון פייער־געוועהר געקאָנט ברענגען ניט נאָר צו אַ נייעם אופן פון פּראָדוקטען־פערטייל, נאָר אפילו צו דעם איבערבוי פון די סודות גופא פון דער פּראָדוקציאָן. אויב די אינדיאַנישע יעגער וואָלטען זיך בעשעפטיגט מיט זייער עסק דער עיקר צוליעב דעם פערקויף אויפ׳ן מארק, וואָלט דער אריינפיהר פון בעסערע טעכנישע אופנים געקאָנט ברייגגען מיט זיך א גרעסערע סאָציאלע דיפערענצירונג אין זייער סביבה אפילו אויף דעם באָדען פון א שותפות׳שער וואַרען־ווירטשאפט. עס וואָלט געקאָנט ארויסוואקסען א קלאס פון רייכע, און איהם וואָלט זיך אפשר איינגעגעבען אין גאַנצען צו צושטערען די פריהערדיגע קאָמוניסטישע יסודות און פערביימען זיי אויף קאפּיטאליסטישע פּרינציפּען פון פּריוואט־אייגענטום און לוין־ארבייט.

אָבער שטאַמלער בלייבט, נאָך אונזער מיינונג נאָך, פאָרט גערעכט, ווען ער זאָגט, אז דער מארקסיסטישער גרונד־געדאנק: צו אַ בעשטימטען טעכנישען פּראָדוקציאָנס־אופן מוז אלע מאָל און אומעדום צוגעפּאסט זיין א בעשטימטער אופן פון פּראָדוקטען־פערטייל, — אז דער געדאנק איז ניט בעוויזען. ממילא קאָנען די יורידישע נאָרמען פון דעם ווירטשאפטליכען לעבען בשום אופן ניט

ארויסגעבראכט ווערן פון זיינע טעכנישע יסודות, ווי ווירקונגען פון אן אורזאך.

אויף דעם סמך פון ביישפיעלען, וואָס די מארקסיסטישע לי־טעראטור אליין פיהרט אָן, פלייסט זיך שטאַמלער צו בעווייזען, אז *דער רעכטליכער עלעמענט געפינט זיך אין יעדער געזעלשאפטליכער ערשיינונג און קאָן ניט ווערן אָבגעטיילט פון איהם.*

אָט דעם געדאנק לעגט ער אוועק אין דעם פונדאמענט פון זיין „סאָציאַלען מאָניזם“ און אין דעם גרונד־געדאנק זעהט שטאַמלער דעם הויפט־חלוק צווישען זיין טעאָריע און דעם מאטעריאליסטישען מאָניזם פון קארל מארקס.

.6

מאָניזם איז די צוריקפיהרונג פון פערשיידענע ערשיינונגען צו איין און דעם זעלביגען גרונד־פרינציפ. די איינצעלנע ערשיי־נונגען, וואָס דארפען פעראייניגט ווערען אין איין פרינציפ, קאָ־נען דערביי שפיעלען זעהר א פערשיידענע ראָליע; דעריבער קאָ־נען געמאָלט זיין פערשיידענע ארטען פון מאָניזם.

לאָמיר אָננעהמען, מען דארף פעראייניגען אין איין גרונד־פרינציפ צוויי ערשיינונגען: „אלף“ און „בית“. דאָס קאָן געשעהן אויף פיער פערשיידענע אופנים.

ערשטער פאַל: די ערשיינונג „אלף“ ווערט אָנגענומען פאר דעם איינהייטליכען פרינציפ, און די ערשיינונג „בית“ איז יעמאָלט ניט מעהר ווי אַן איינצעל־פאַל פון איהם, א מאָדיפיקאַציע זיינע אָדער א בעשטימטער צושטאנד אין איהם און שטאַמט פון איהם אָב.

צווייטער פאַל: די גרונד־ערשיינונג אָדער דער פרינציפ איז ניט „אלף“ נאָר „בית“, און דער „אלף“ איז ניט מעהר ווי אן עק־זיסטענץ ארט, א מאָדיפיקאַציע פון דעם „בית“.

דריטער פאַל: „אלף“ און „בית“ שטאַמען ניט אָב איינס פון דעם אנדערן, נאָר זענען צוויי זייטען פון איין און דערזעלביגער גרונד־ערשיינונג, פון איין און דעמזעלביגען „מאָנאָן“. צו די איי־גענשאפטען פון דעם דאָזיגען מאָנאָן געהערט דער סכום פון יענע

אייגענישאַפטען, וואָס געפינען זיך סיי אין דעם „אלף“, סיי אין דעם „בית“. ווי צוויי זייטען פון איין איינציגען מאָנאָן, קאָנען „אלף“ און „בית“, פערשטעהט זיך, ניט פיהרען קיין זעלבסטשטענדיגען זיין. זיי לויפען פ אַ ר אַ ל ע ל איינע צו דער אַנדערער און קאָנען ניט אָבגעריסען ווערן איינע פון דער אַנדערער אָדער פון דעם גאַנצען, צו וועלכען זיי געהערען.

פערטער פאַל: „אלף“ און „בית“ זענען צוויי ניט אָבצוטיילענדע אייגענשאַפטען פון א וועלכער עס איז דריטער זאַך, דעם אמת'ען גרונד־פּרינציפּ, דעם „מאָנאָן“, וואָס שטעקט פערבאָרגען אין זיי. דער מהות פון יענעם פערבאָרגענעם „מאָנאָן“ ווערט נאָך ניט דערקענט, ווען מיר שטודירען אוים די אייגענשאַפטען פון „אלף“ און „בית“. דעם מאָנאָן'ס אמת'ער מהות איז ניט „אלף“ און ניט „בית“ און ניט די סומע פון זייביידען, נאָר עפּעס א מיטעל־זאַך, וואָס האָט זיי ביידען ביכולת אין זיך, פון וועלכען זיי האָבען זיך ביידע ארויסגעשיילט. *)

אויף אלע פעלדער פון דעם פילאָסאָפישען אָדער וויסענשאַפטליכען דענקען, ביי גאָר גרויסע אָדער גאָר קליינע פּראָבלעמען, שטויסען מיר זיך אָן אויף מאָניסטישע קאָנסטרוקציעס. ווייל מען צונויפפיהרען אין איינעם „מאַטעריע“ און „גייסט“, אָדער „מענש“ און „מאַלפּע“, אָדער „קערן“ און „פּראָטאָפּלאַזמע“ אין דעם ביאָלאָגישען „קלייטעל“, אָדער „אינהאַלט“ און „פאָרם“ אין דער ערקענטניס־טעאָריע, — אַלע מאָל ווענדט דער מענשליכער שכל אָן איינעם אָדער מעהרערע פון די אויבען־כאַראַקטעריזירטע אופנים, און אָפט מאָל אויך אלע פיער מיט א מאָל.

פיין און רייך זענען די דאָזיגע פיער טיפּען פון דעם מאָניסטישען דענקען אויסגעארבייט געוואָרען אויף דעם פעלד פון דער מעטאַפיזיק, דער עיקר אין יענעם צווייג איהרען, וואָס האָט צו טהאָן מיט דער שייכות פון דעם אזוי אָנגערופענעם „גייסט“ (דער

*) די פיער טיפּען פון דער מאָניסטישער פילאָסאָפיע לאָזען זיך צוריקפיהרען צו צוויי: דעם ג ע נ ע ט י ש ע ן און דעם ס י נ ־ ט ע ט י ש ע ן. פערגלייך, מיין איינלייטונגס־ווערק „די פילאָסאָפיע“, בד. 1, ז. 18.

„רוחניות“) צו דער אזוי אָנגערופענער „מאַטעריע“ (דער „גשמיות“).

ווי פערטרעטער פון דעם ערשטען טיפּ קאָן מען דאָרטען נעהמען דעם ספּיריטואַליזם, וואָס זאָגט, אז דער „גרונד־פּרינציפּ“, דער מאָגיסטישער תוך פון דער וועלט, איז „גייסט“. די „מאַטעריע“ אָבער איז ניט מעהר ווי אַ געוויסער צושטאַנד פון דעם גייסט אָדער אין דעם גייסט און שטאַמט אָפּ פון איהם. אויב דער ספּיריטואַליזם בויט זיין סיסטעם לויט דעם ערשטען טיפּ, איז זיין היפּך, דער מאַטעריאַליזם, אַ גוטער ביישפּיעל פאר דעם צווייטען. דער תוך פון דער וועלט, זאָגט דער מאַטעריאַליזם, איז די מאַטעריע; „גייסט“ איז ניט מעהר ווי אַ געוויסער צושטאַנד אין איהר און שטאַמט אָב פון איהר.

דער דריטער טיפּ טרעט בולט ארוים אין יענע מאָניסטישע סיסטעמען, וואָס זענען אויסגעוואַקסען אונטער דער השפּעה פון ספּינאָזא׳ס פילאָזאָפיע. אהערצו געהערט דער פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישער פּאַראַלעליזם פון אַ סך מאָדערנע פאָרשער אין דער פּסיכאָלאָגיע, ווי אויך די נאַטור־פילאָסאָפיע פון אזעלכע דענקער ווי לודוויג נואַרע, לאַצאַרוס גייגער און ערנסט העקקעל. „מאַטעריע“ און „גייסט“, — אָדער „אויסגעשפּרייטקייט“ און „דענקען“, — אָדער „בעוועגונג“ און „עמפּפינדונג“, — זענען ניט מעהר ווי צוויי זייטען פון איין און דעם זעלביגען גאַנצען און קאָנען איינע פון דער אַנדערער ניט אָבגעטיילט ווערן.

פאר דעם פערטען טיפּ פון דעם מאָניסטישען געדאַנק קאָן מען אָנפיהרען ווי אַ ביישפּיעל די פילאָסאָפּיע פון שעללינג׳ען, וואָס האָט צוריקגעפיהרט „גייסט“ און „מאַטעריע“ צו אַ דריטער זאַך, וואָס ליעגט אויף זייער גרונט, צו דער „אַבסאָלוטער סובסטאַנץ“, אין וועלכערביידע היפּכים פערליערען זייערע בולט׳ע אייגענשאַפטען און פון וועלכער זיי האָבען זיך ביידע ארויסגעוויקעלט.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם דריטען טיפּ — דעם פּאַראַלעליסטישען — בעשטעהט אין דעם, וואָס ער לייקענט לגמרי אָב, אז „מאַטעריע“ און „גייסט“ זאָלען קאָנען ווירקען איינע אויף דעם אַנדערען. זיי פערענדערען זיך ביידע מיט אַ מאָל. וואַקסט אָן אַ וועלכער עס איז שינוי אין דער איינהייטליכער וועלט־סוב־

סטאַנץ, אַזוי דריקט זיך תיכף דער דאָזיגער שינוי אויס אין איהרע צוויי זייטען מיט אַ מאָל: עס קומט פאָר אַ פּאַראַלעלע ענדערונג אין דעם „גייסט“ און אין דער „מאַטעריע“.*)

טראָגט מען אריבער דעם פּאַראַלעליסטישען שטאַנדפּונקט פון דער ריינער פילאָסאָפיע אין די סאָציאַל-פילאָסאָפיע און אין די געשיכטס-פילאָסאָפיע, יעמאָלט בעקומען מיר דעם פונדאַמענטאַלען מאָניסטישען כלל, אַז יענעס „עפּעס“, וואָס מיר רופען אָן „מאַטעריע“ אָדער „אינהאַלט“ פון דעם געזעלשאַפטליכען אָדער געשיכטליכען לעבען, קאָן בשום אופן ניט אָבגעטיילט ווערען פון דעם „עפּעס“, וואָס מיר רופען אָן דער „גייסט“ אָדער די „פאָרם“ פון דעם געזעלשאַפטליכען אָדער געשיכטליכען לעבען. געשיכטליכער „גייסט“ און געשיכטליכע „מאַטעריע“, סאָציאַלער „אינהאַלט“ און סאָציאַלע „פאָרם“ קאָנען ניט ווירקען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווייל זייערע פערענדערונגען קומען פאָר פּאַראַלעל, אין איינעם מיט די אינווענינסטע פערענדערונגען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען.

מיר האָבען דאָ אוועקגעשטעלט אין איין ליניע די טערמינעס: „מאַטעריע“ און „אינהאַלט“ פון איין זייט, „גייסט“ און „פאָרם“ פון דער אַנדערער. דאָס אייגענע האָט שוין אריסטאָטעל געטהאָן אין זיין סיסטעם**) און זינט יעמאָלט טרעפען מיר אָפט ביי פערשיידענע פילאָסאָפישע דענקער אַזאַ צונויפשטעלונג. מיר מוזען אָבער דאָ בעמערקען, אַז זי פּאַסט ניט גאָר אין גאַנצען צו די מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס פון קאַרל מאַרקס און רודאָלף שטאַמלער.

מאַרקס האָט אין אַלע טיילען פון זיין פילאָסאָפישען דענקען געהאַט צו טהאָן מיט דער שייכות, וואָס הערשט צווישען „זיין“ און „בעוואוסטזיין“, און אומעטום וויל ער בעווייזען, אַז דאָס „בעוואוסטזיין“ שטאַמט אָב פון דעם „זיין“.***) דעריבער פּאַסט פאַר זיין פילאָסאָפיע די פאָרמעל פון „מאַטעריע“ און „גייסט“. רודאָלף שטאַמלער בעשעפטיגט זיך דער עיקר מיט דער שייכות, וואָס

*) פגל. ד. ג. בד. 1, ז. 113.

**) מעהר וועגען דעם פּאַראַלעליזם זעה אין דעם ציטירטען ווערק בד. 1, ז. 246—247.

***) פגל. ד. ג. בד. 2, ז. 169 און ווייטער.

הערשט צווישען דער „מאטעריעלער" זייט פון דעם געזעלשאפטלי־כען לעבען און דער „פאָרמאלער", אָדער דער יורידישער זייט. און דעריבער האָט זיין סאָציאַל־פילאָסאָפיע צו טהאָן מיט דעם מאָ־ניזם פון „מאטעריע" און „פאָרם."

אָבער ווי די מעשה איז, זעהט מען קלאָר, אז די צוויי דענ־קער געהען זיך פאנאנדער דער עיקר דערינען, וואָס זיי ביידע בויען זייערע מאָניסטישע סיסטעמען לויט צוויי פערשיעדענע טיפען פונ'ם מאָניסטישען דענקען. מארקס פלייסט זיך צו פעראייניגען „בע־וואוסטזיין" און „זיין", לויט דעם ערשטען אָדער דעם צווייטען פון די אויבען כאראקטעריזירטע טיפען: דאָס „בעוואוסטזיין" שטאמט אָב פון דעם „זיין", ווערט בעהערשט פון דעם „זיין" און איז ניט מעהר, ווי א צושטאנד אין איהם. שטאמלער אָבער בויט זיין מאָניסטישען געבוי לויט דעם דריטען, דעם „פאראלעליסטי־שען" טיפ: די „מאטעריע", אָדער דער „אינהאלט" פון דעם גע־זעלשאפטליכען לעבען, און איהר „פאָרם" זיינען צוויי גלייך מעכ־טיגע, אויף אייביג צונויפגעוואקסענע, איינס פון דעם אנדערן ניט אבצוזייסענדע עלעמענטען פון יעדער געזעלשאפטליכער ערשיי־נונג.

7.

אָבער — וואָס אזוינס איז „מאטעריע" און אין וואָס אזוינס בע־שטעהט די „פאָרם" פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען?

די „סאָציאַלע מאטעריע", זאָגט שטאמלער אין איינעם מיט די מארקסיסטען, איז דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון דער געזעלשאפט. יעדע עקאָנאָמישע ערשיינונג איז א מאטעריעלע ערשיינונג. דאָס קלינגט דורכאוים מארקסיסטיש. אָבער אין די ווערטער „עקאָנאָ־מישע ערשיינונגען" לעגט שטאמלער אריין אזא זין, וועלכען זיי האָ־בען קיין מאָל ניט געהאט ניט אין דעם מארקסיסטישען סיסטעם, ניט אין דער מאָדערנער שפראך איבערהויפט. אן עקאָנאָמישע ערשיינונג, ווי א שטיק „מאטעריע פון דעם געזעלשאפטליכען לע־בען" איז, לויט שטאמלער, יעדע בשותפות'שע ארבייט פון מענ־שען, וואָס ווערט געטהאָן כדי צו בעפריעדיגען מענשליכע בעדערפע־ניסען, — אלץ איינס, צי יענע ארבייט וויל בעפריעדיגען א בע־

דערפּעניס, וואָס ווערט אָנגערופען אַ „ניעדעריגע“ אָדער אַזאַ, וואָס ווערט אָנגערופען אַ „העכערע“. ס'איז ניטאָ, זאָגט שטאַמלער, קיין ברעקעל סאָציאָלאָגישע נפקא מיניה צווישען דער אַרבייט פון דעם מענשען, כדי אָנצוגרייטען עסענוואַרג, קליידער און געצייג, און דער אַרבייט זיינער אויף די פעלדער פון פּעדאַגאָגיק, וויסענשאַפט, רעליגיאָן, קונסט און פילאָסאָפיע. אַלע צווייגען פון דער מענשליכער אַרבייט האָבען, מיינט שטאַמלער, נאָר איין איינציגען ציעל אין זינען: בעקומען הנאה און פערמיידען צער. דעריבער מוז מען צו דער „סאָציאַלער מאַטעריע“ אויפ'ן גלייכען אופן צורעכענען אַזעלכע פערשיידענע טעטיגקייטען און פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען שאַפען, ווי ערד־אַרבייט און רעליגיע, האָלץ־האַקען און פּאָעזיע, שוסטעריי און פילאָסאָפיע. זיי אַלע שטעלען מיט זיך צוזאַמען דעם „אינהאַלט“ פון דעם געזעלשאַפטליכען זיין.

שטעלט מען זיך אַוועק אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט בנוגע צו דער געזעלשאַפטליכער מאַטעריע, איז, פערשטעהט זיך, זעהר לייכט צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון יענעם גרונד־געדאַנק, פאַר וועלכען עס קעמפּפט דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. אין דער אמת'ן! מיט דער הילף פון אַ גוטען סילאָגיזם קאָן מען דאָס מאַכען אין איינס און צוויי:

דאָס היסטאָרישע לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט איז מענשליכע טעטיגקייט, וואָס האָט צו איהר ציעל די בעפריעדיגונג פון מענשליכע בעדערפעניסען, דאָס הייסט, עקאָנאָמישע טעטיגקייט.

ממילא איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַלץ אין דער געשיכטע מוז אין דער לעצטער שורה צוריקגעפיהרט ווערען צו עקאָנאָמישע ערשיינונגען.

צו אַזאַ ריין „טערמינאָלאָגישער“ בעגרינדונג פון דעם מאַרקסיזם איז שטאַמלער דערגאַנגען כמעט ביז אויף אַ האָר, און אויב ער איז ניט אַריינגעפאַלען אין איהרע נעצען, איז דאָס אַ דאַנק יענעם טיפ פון מאָניסטישען דענקען, צו וועלכען ער געהערט.

דאָס עקאָנאָמישע לעבען איז נור איין זייט פון דעם געזעלשאַפטליכען זיין. אין יעדער עקאָנאָמישער ערשיינונג מוז זיך גע־

פינען ניט נאָר איהר „מאַטעריע“, נאָר אויך איהר „פאָרם“, און ממילא קאָן דאָס געשיכטליכע לעבען קיין מאָל ניט אויסגעטייטשט ווערען ריין מאַטעריאַליסמיש.

די פאָרם פון יעדען געזעלשאַפטליכען לעבענס־מאָמענט, ד. ה. פון יעדער עקאָנאָמישער ערשיינונג בעשטעהט, זאָגט שטאַמלער, אין יענע ר ע כ ט ל י כ ע נ אָ ר מ ע ן, וואָס רעגולירען די עקאָנאָמישע טעטיגקייט פון די מענשען, וואָס ברענגען אריין אָר־דענונג אין זייער געזעלשאַפטליכער צונויפ־ווירקונג. ס'איז ניטאָ קיין איין איינציגע ערשיינונג אין דער געזעלשאַפטליכער טעטיג־קייט, וואָס זאָל ניט זיין נאָרמירט דורך וועלכע עס איז רעגעלן און כללים. דער סכום פון אָט די אַלע רעגעלן, וואָס לעבען און ווערען אָנגעווענדט אין דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, איז דאָס רעכטליכע לעבען פון דער געגעבענער געזעלשאַפט, די פ אָ ר־מ אַ ל ע זייט פון דעם סאָציאַלען געשעהען.

שטאַמלער'ס קאַטעגאָרישע בעהויפּטונג, אז ס'איז ניטאָ קיין איין געזעלשאַפטליכע ערשיינונג אָהן אַ רעכטליכען עלעמענט, וואָס זאָל זיין פערבונדען מיט איהר, קלינגט אַ ביסעל צו גוזמא'דיג. אָבער די גאַנצע גוזמא פערשווינדט, ווי נאָר מיר דערוויסען זיך, אז מיט דעם בעגריף „רעכט“ האָט זיך שטאַמלער בעגאַנגען כמעט אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי ער האָט דאָס געטהאָן מיט דעם טערמין: „עקאָנאָמישע ערשיינונג“. ער האָט דעם בעגריף געגע־בען אַ סך אַ ברייטערע אויסטייטשונג, איידער דאָס ווערט גע־ברויכט אין דער געוועהנליכער שפּראַך. יעדער בשותפות'ער צו־נויפ־ווירקען פון מענשען אויף אַ וועלכען עס איז טעטיגקייטס־פעלד איז שוין פאַר איהם, ווי מיר האָבען געזעהען, אַן עקאָנאָמישע ער־שיינונג. און אַזוי ווערט אויך דער בעגריף „רעכט“ פאַנאַנדערגע־צויגען איבער זיינע געוועהנליכע מאָסען.

צו דעם רעכטליכען לעבען פון דער געזעלשאַפט געהערען ניט נאָר יענע נאָרמען, וואָס פליעסען פון אַ העכערער שטאַאַטליכער מאַכט, און וואָס טראָגען אין זיך דעם כאַראַקטער פון אַ געזעצ־ליכען צוואַנג; ניט נאָר אפילו יענע געבאָטען און פערבאָטען, וואָס געפינען זיך אין דעם אַזוי אָנגערופענעם „געוואוינהייטס־רעכט“. אויך יעדער פרייער אָבמאַך צווישען מענש און מענש, אַלע פאָדע־

דונגען, וועלכע די הערשענדע זיטען שטעלען ארויס, — אפילו די מנהגים און די פאָרשריפטען פון אנשטענדיגקייט און פון דעם עהרען־קאָדעקס, — דאָס אלץ רעכענט שטאַמלער צו צו דער יורידישער אָדער „פאָרמאַלער“ זייט פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָצעס.

אַ דאַנק אַט די אַלע אויסערליכע נאָרמען און רעגעלן, — פון די כּללים פאַר דעם קאָנווענציאָנעלען „שטאַאַט“, וואָס מען דאַרף אָבהיטען אויף אַן אריסטאָקראַטישען פּיקניק, ביז צו די העכסטע פאָדערונגען פון דער שטאַאַטליכער מאַכט, — און נאָר אַ דאַנק אַט די אויסערליכע נאָרמען און רעגעלן בעקומט די מענשליכע טעטיגקייט אַ געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער. מענשען לעבען נאָר אויף אַזוי פיעל אין אַ געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, אויף וויפיעל זייער לעבען איז נאָרמירט דורך אַ וועלכער עס איז אויסערער רעגעל. געזעלשאַפט הויבט זיך אָן נאָר דאָרטען און יעמאָלט, וואו און ווען בעוואוסטזיניגע בעשעפעניסען שטעלען זיך מ י ט ב ע ו ו א ו ס ט־ז י י ן אַוועק ציעלען פאַר אַ בעשטימטער, בשותּפות׳ער „סאָציאַל־זוירטשאַפטליכער“ טעטיגקייט און דורך דעם גופא אַרבייטען זיי אויס אַ געוויסע פאָרם פון מיטאַרבייטערשאַפט, אַ געוויסע אויסערליכע איינאָרדנונג ווי זיי זאָלען זיך בעגעהן איינער מיט די אַנדערע, ווי זיי זאָלען שטעהן איינער צו דעם אַנדערן: ווי העררן און שקלאַוו, אָדער פרייע חברים, אָדער באַלאַבאָס און פּועלים און דערגלייכען. די איינגעאָרדענטע פאָרם פון דער מיטאַרבייטערשאַפט פערקערפערט זיך אין יעדען מאָמענט פון דער בשותּפות׳שער אַרבייט, און נאָר אין די גרעניצען פון דער רעגולירענדער פאָרם קאָן דער סאָציאַל־ווירטשאַפטליכער צוועק, ד. ה., ווי מיר ווייסען, דער „עקאָנאָמישער“ צוועק, פערווירקליכט ווערען אין לעבען.

אין יעדער סאָציאַלער ערשיינונג קאָנען מיר דעריבער אין געדאַנקען פאַנאַנדערשיידען איהרע צוויי גרונד־עלעמענטען: דעם מאַטעריעלען, אָדער עקאָנאָמישען עלעמענט, וואָס בעשטעהט אין די ריין טעכנישע פּראָצעסען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס אונזער בעגעהן זיך מיט דער נאַטור, און, אַ חוץ דעם, דעם פ א ר מ א־ ל ע ן אָדער ר ע כ ט ל י כ ע ן עלעמענט, וואָס בעשטימט און רעגעלט דאָס בעגעהן זיך פון מענש צו מענש, בעת עס קומט פאָר דער ריין טעכנישער פּראָצעס. און יעדע איינצעלנע סאָציאַלע ער־

שײַנונג איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ קאָנקרעטער מאָמענט פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער ווירטשאַפֿט, וואָס מוז ממילא אַלע מאָל בעשטעהן פֿון אַן עקאָנאָמישען אינהאַלט און אַ רעכטליכער פֿאָרם.

די טעכנישע פּראָצעסען קאָנען נאָר יעמאָלט קומען צום פֿאָרשיין און אָנגעווענדעט ווערען אויף דער נאַטור, ווען עס איז שוין דאָ אַ געוויסע רעכטליכע פֿאָרם פֿון מיטאַרבייטערשאַפֿט, וואָס רעגעלט די בעציהונגען פֿון מענש צו מענש. און צוריק קאָן די בעשטימטע פֿאָרם פֿון מיטאַרבייטערשאַפֿט, פֿון צווישען־מענשליכע בעציהונגען, נאָר יעמאָלט אַריין טרעטען אין לעבען, ווען די מענשען פֿערווירקליכען אין דער בשותּפֿות'שער אַרבייט זייערע עקאָנאָמישע ציעלען. ממילא האָבען מיר אַ רעכט צו זאָגען, אַז די מאַטעריע און די פֿאָרם פֿון אַ געזעלשאַפֿטליכער ערשיינונג קאָנען ניט עקזיסטירען איינע אָהן דער אַנדערער, אַז זיי זענען באמת ניט מעהר ווי צוויי זייטען פֿון איין און דערזעלביגער זאַך, — דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבענס־פּראָצעס.

דערפֿון גופֿא פֿליעסט אָבער אַרוים דער צווייטער גרונדזאַץ פֿון דעם פּאַראַלעליסטישען מאָניזם: אַז די צוויי זייטען, — די ווירטשאַפֿטליכע און די רעכטליכע, — קאָנען ניט ווירקען איינע אויף די אַנדערע, ווייל קיינע פֿון זיי קאָן ניט אַרויסטרעטען מחוץ פֿון דער אַנדערער. קיין ווירטשאַפֿטליכער אַקט קאָן ניט געמאָלט זיין אָהן אַ בעשטימטער געזעלשאַפֿטליכער פֿאָרם, אין וועלכער ער שפּיעלט זיך אָב, און קיין רעכטליכער רעגלאַמענט קאָן ניט געמאָלט זיין, אָהן אַ וועלכער עס איז קאָנקרעטער אויספֿיהרונג אין דער געזעלשאַפֿטליכער ווירקליכקייט, אין דעם מאַטעריעלען פּראָצעס פֿון בעפֿריעדיגען מענשליכע בעדערפֿניסען.

אויף אַזאַ'ן אופֿן געפֿינען מיר, אַז די שייכות צווישען ווירטשאַפֿט און רעכט אין דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען איז אַקוראַט אַזאַ, ווי די, וואָס הערשט צווישען גוף און נשמה, לויט דער לעהרע פֿון ספּינאָזאַ, אָדער צווישען דעם „אינהאַלט“ און דער „פֿאָרם“ פֿון דער דערקענטניס, לויט דער דערקענטניס־טעאָריע פֿון קאַנט.

אַזוי זעהט אויס שטאַמלער'ס גרונד־געזעץ פֿאַר דער סאָציאַלער סטאַטיק פֿאַר יעדען מאָמענט פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען זיין. לאָמיר איצטער זעהען, וואָס פֿאַר אַ פּנים עס בעקומט ביי איהם די

סאָציאַלע דינאַמיק, דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטליכע פערענדע־
רונגען.

8.

דעם פּראָצעס, ווי אזוי די רעכטליכע נאָרמען ווערען פערענ־
דערט אין דעם לויף פון דעם געשיכטליכען לעבען, שטעלט זיך
שטאַמלער פאָר אויף אזא'ן אופן.

די רעכטליכע נאָרמען רעאַליזירען זיך, ווי מיר האָבען גע־
זעהן, נאָר אינאיינעם מיט דער „מאַטעריע" פון דער געזעלשאַפטלי־
כער ערשיינונג, — אַלץ איינס, אין וואָס די מאַטעריע זאָל ניט
בעשטעהן: אין דער פערפערטיגונג פון עסענוואַרג און אנדערע גע־
ברויכס־אַרטיקלען, אָדער אין דעם מלמד'ס קנעלען מיט די קינדער,
אָדער אין די זיצונגען פון א וועלכען עס איז וויסענשאַפטליכען
קאָנגרעס. אַלע אַזעלכע געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען אינאיינעם
בילדען דעם סיסטעם אָדער דעם סדר פון דעם געזעלשאַפטליכען
לעבען, וואָס ווערט בעהערשט פון א וועלכען עס איז יורידישען גרונד־
פּרינציפּ, וועלכע נעהמט ארום אַלע רעכטליכע כללים און דינים
פון די איינצעל־ערשיינונגען. זיי, די איינצעלנע, סאָציאַלע ערשיי־
נונגען, וואַקסען און ענטוויקלען זיך אין די גרענעצען פון דער הער־
שענדער סאָציאַלער, ד. ה., יורידישער נאָרמע, לאָמיר זאָגען: אין
דער נאָרם פון שקלאַווערייַ, אָדער לייב־אייגענשאַפט, אָדער פרייער
לוין־אַרבייט. עס מוז אָבער אריינטרעטען א מאָמענט, ווען די
איינצעלנע געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען וואַקסען אריבער די גרע־
נעצען פון די יורידישע נאָרמען, וואָס הערשען אין זיי. זיי ווערט
ענג אין זיי, און מען זוכט פון זיי זיך צו בעפרייען. יעמאָלט
וואַקסט אויס אין די מוחות פון די מענשען דער געדאַנק איבער־
צובויען די שטענדיגע רעכטליכע נאָרמען. עס בעווייזען זיך פּראָ־
יעקטען פון פערשיידענע איינצעל־רעפאָרמען און עס ברענט זיך
פאַנאַנדער דער „קלאַסען־קאַמף".

דאָ האָבען מיר ווידער ביי שטאַמלער'ן א מאַרקסיסטישען
טערמין, וואָס ווערט אָבער געברויכט פון איהם אין א גאַנץ אַנ־
דער זין. א „קלאַסען־קאַמף" איז אין שטאַמלער'ס אויגען י ע ד ע ר
קאַמף, וועלכען איין געזעלשאַפטליכע גרופּע פיהרט אנטקעגען א

צווייטער, כדי אומצוענדערען וועלכע עס איז רעכטליכע נאָרמען. דער קאַמף ווערט אַרויסגערופען פון דער גרופע, וועמעס טעטיגקייט עס איז איינגעענגט אין די אַלטע נאָרמען, אַנטקעגען יענער גרופע, וועמען עס איז נאָך גערוים אין דער תפיסה, אָדער וואָס פיהלט ניט דעם דרוק אויף זיך, אָדער וואָס האָט וועלכע עס איז אייגענע פניות, אַז די אַלטע פאָרמען זאָלען בלייבען ניט־בעריהרט. אַזאַ מין „קלאַסען־קאַמף" קאָן אויסברעכען צ. ב. צווישען די „קלאַסיקער" און די „רעאַליסטען" אויף דעם פעלד פון יענער „סאָציאַל־ווירטשאַפטליכער" טעטיגקייט, וואָס רופט זיך אויף דעם פשוט'ען לשון אָן, — פעדאַגאָגיק.

דאָס שטרעבען צו רעפאָרמען ענדיגט זיך מיט נצחון, ווען די אַלטע סאָציאַלע ערשיינונג ווערט פערביטען אויף אַ נייער, וואָס האָט אין זיך אַ נייעם געזעלשאַפטליכען רעגלאַמענט, ווי ווען, צ. ב., די קלאַסישע גימנאַזיעס ווערען פערביטען אויף רעאַל־שולען, מיט בעזונדערע יורידישע פאָדערונגען פאַר זיי.

מיט דער צייט וואַקסט אָן די צאָהל פון אַזעלכע נייע געזעלשאַפטליכע רעגלאַמענטען אויף אַלע פעלדער פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. אַלע צווייגען פון דער קולטור, פון די ריין מאַטעריעלע ביז צו די גייסטיגע, זיינען מעהר אָדער ווייניגער בעצייט מיט איינצעלנע סאָציאַלע ערשיינונגען וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אַ נייע „מאַטעריע", איינגעקליידט אין נייע יורידישע נאָרמען.

סוף־כל־סוף מוז קומען אַ צייט, ווען דער גאַנצער סדר פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, ד. ה., די רעכטליכע גרונד־פרינציפען, וואָס ליעגען אין זיין יסוד, הערען אויף צו שטימען מיט די נייע איינצעל־ערשיינונגען און הויבען אָן צו דריקען אויף זיי. יעמאָלט ווערען שוין געבוירען פּראָיעקטען, ווי אַזוי ראַדיקאַל איבערצואַנדערשען אַלע שטאַטליכע און געזעלשאַפטליכע יסודות. עס קאָכט זיך פאַנאַנדער אַן ערנסטערער „קלאַסען־קאַמף", וואָס קעמפט שוין ניט פאַר נייע איינצעל־רעגלאַמענטען, נאָר פאַר נייע רעכטליכע גרונד־פרינציפען. דער קאַמף ענדיגט זיך אויך דאָ מיט דעם, וואָס די אַלטע יסודות פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען מוזען מאַכען פּלאַץ פאַר נייע. אָבער די נייע יורידישע נאָרמען קאָ־

נען אויך ניט אריינגעהן אין לעבען, סיידען ווען זיי בעהעפטען זיך מיט א וואסער עס איז סאָציאַלער „מאַטעריע“. זיי מוזען דורכדרינגען מיט זיך יענע אופנים, ווי אזוי די מענשען בעפריעדיגען זייערע בעדערפניסען אונטער די נייע בעדינגונגען. זיי מוזען זיך רעאַליזירען און פערקערפּערען — אין דער פאָרם פון געוויסע רעגלאַמענטען — אין די טויזענדער סאָציאַלע איינצעל־ערשיינונגען, — פון וועלכע עס בעשטעהט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען. נאָר ווען דער נייער גרונד־פּרינציפּ לאָזט פון זיך ארויס נייע איינצעל־רעגלאַמענטען פאר די וויכטיגסטע פּרטים פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען; נאָר ווען די דאָזיגע יורידישע פערצווייגונג דרינגט דורך אומעטום אין לעבען, קאָן מען זאָגען, אז ער, דער נייער פּרינציפּ, האָט באמת געזיעגט.

אָבער באלד נאָך דעם זיעג הויבט זיך ווידער אָן דאָס שפּיעל פון אָנהויב. די סאָציאַלע ערשיינונגען הויבען אָן אויפ׳ס ניי צו וואקסען און אריבערצוואַקסען זייערע רעגלאַמענטען און דער „גלגל החוזר“ פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען טרעט ווידער אריין אין דעם פּעריאָד פון רעפאָרמען און רעוואָלוציאָנען.

אויף אַזאַ׳ן אופן קומט שטאַמלער צו א רעזולטאַט, וואָס קלינגט דורך און דורך מארקסיסטיש: אלע פערענדערונגען פון דעם סאָציאַלען לעבען ווערען דערקלעהרט דורך די פערענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין זיין מאַטעריעלען טייל; די רעכטליכע אנשויאונגען און די פּאָליטישע אידעאַלען פון די מענשען פאַלען ניט פון הימעל אראָב אויף דער ערד, נאָר פאַרקעהרט, וואַקסען ביסלעכווייז ארויס פון „דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט“. מעהר נישט, מען דארף תמיד געדענקען, אז צו דעם „מאַטעריעלען“ טייל פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען דארף אויך צוגערעכענט ווערען די גאַנצע „רוחניות“, — די רעליגיאָן און די פּאָעזיע, און די מוזיק, — און אז די „עקאָנאָמישע סטרוקטור“ פון דער געזעלשאַפט איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די מיטאַרבייטערשאַפט פון מענשען כדי צו בעפריעדיגען מענשליכע בעדערפניסען. און אין אלע בענייאונגס־פּראָצעסען פון דער געזעלשאַפט געהען „ווירטשאַפט“ און „רעכט“ האַנד אין האַנד, לויפען פּאַראַלעל און קאָנען אין דער ווירקליכקייט ניט עקזיסטירען איינע אָהן דעם אַנדערען. קיין וועקסעל־ווירקונג צווישען זיי קאָן ניט געמאָלט זיין.

אָבער ווען שטאַמלער לייקענט לגמרי, אַז אין דער סאָציאַלער ווירטשאַפט זאָל קאָנען זיין אַ וועקסעל־ווירקונג צווישען „ווירטשאַפט" און „רעכט", איז ער פאָרט געצוואונגען מודה צו זיין, אַז צווישען די איינצעלנע צווייגען פון דער סאָציאַלער ווירטשאַפט (עקאָנאָמיק, פעדאַגאָגיק, וויסענשאַפט, קונסט א. אַז. וו.) מוז הערשען אַ וועקסעל־ווירקונג. פרעגט זיך די גרויסע שאלה, וואָס האָט ביז איצטער אינטערעסירט די מוחות פון אַלע סאָציאָלאָגען: ווי ווירקען די דאָזיגע צווייגען איינער אויף דעם אַנדערען? לויט וואָס פאַר אַ מאָס און לויט וועלכע געזעצען? איז אפשר קאַרל מאַרקס גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז יענע סאָציאַל־ווירטשאַפטליכע ערשיינונגען, — וועלכע מיר רופען געוועהנליך אָן די עקאָנאָמישע, — שפּיעלען די ראָליע פון דעם ד י ר י ז ש אָ ר אין דעם גאַנצען פלאָנטער פון אַלע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען?

אויף דער פראַגע גיט אונז שטאַמלער ניט קיין קלאָרען ענטפער. נאָך מעהר: ער פלייסט זיך צו בעווייזען, אַז אַזאַ פראַגע דאַרף גאָר ניט אינטערעסירען דעם סאָציאָלאָג. וועלכער צווייג פון דער מענשליכער ווירטשאַפט האָט געווירקט אויף די אַנדערע צווייגען, — דאָס זאָל אויספאָרשען די פ אָ ל י ט י ש ע ע ק אָ נ אָ מ י ע, ד. ה. די ווירטשאַפט פון די קאָנקרעטע ערשיינונגען פון דער סאָציאַלער באַלעבאַטישקייט. לאָז זי זיך גראָבען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט און אויסגעפינען, וואָס עס האָט געווירקט אויף וואָס, און ווען דאָס איז געוועזן, און ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט. דעם ענטפער וואָס מאַרקס גיט אויף דער שאלה, האַלט שטאַמלער פאַר צו־פריה און צו־ווייניג איינגעפונדעוועט.

אָבער: אויב דער ענטפער אויף דער פראַגע געהט ניט אַריין אין די אויפגאַבען פון דעם סאָציאָלאָג, איז וואָס דען זאָל איהם אינטערעסירען? וואו זאָלען מיר זוכען יענעם גרונד־געזעץ פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס מיט זיין הילף זאָלען מיר קאָנען אויסאַרבייטען אַן אָביעקטיווען קריטעריום פאַר אונזער געזעלשאַפטליכער אַרבייט? ווי זאָל מען פעסטשטעלען די אָביעקטיווע געזעצען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען; ווי קאָן מען גאָר צוטרעטען צו אַזאַ פעסטשטעלונג, ווען מיר ווייסען לכתחילה, אַז די וועקסעל־

ווירקונג פון זיינע פיעל־צאהלינע זייטען איז נאך גאר ניט אויסגע־
פארשט געווארען און די געזעצען פון יענער וועקסעל־ווירקונג האָ־
בען ממילא נאך גאר ניט געקאנט ענטדעקט ווערן?

.9

שטאמלער האט געפיהלט די גאנצע וויכטיגקייט פון די נאר וואס פארמולירטע פראגען און האט געזוכט צו געבען אן ענטפער אויף זיי, וואס שליעסט אין זיך איין א גאנץ נייעם בליק אויף די אויפגאבען און ציעלען פון דער סאציאלאגיע. בקיצור קאן זיין ענטפער פארמולירט ווערען אזוי:

דער סאציאלאג דארף זיך אין גאנצען אבזאגען פון דער אויפ־גאבע — ארויסצוגעפינען וועלכע עס איז קויזאלע שייכות׳ען צווי־שען די געזעלשאפטליכע ערשיימונגען: ערשטענס ליעגען אויפ׳ן גרונד פון יעדען סאציאלען פאקט ריין פסיכישע עלעמענטען, וועל־כע מען קאן קיין מאל ניט און בשום אופן ניט אויסשטודירען גענוי. און צווייטענס איז דאס געזעלשאפטליכע לעבען אזוי רייך און פיעל־זייטיג, און די איינצעל־ערשיינונגען זענען אזוי שטארק צונויפגעפלאנטערט אין איינעם, אז קיין מענשליכער שכל קאן זיי ניט פאנאנדערפלאנטערן און אויסגעפינען דיווירקליכע קויזאלע שייכות׳ען, וואס הערשען אין זיי. אלע פרובען אנצואווענדען דעם פרינציפ פון קויזאליטעט, כדי מיט זיין הילף צו דערקלערען דאס שפיעל פון די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען, האבען זיך ניט איינ־געגעבען און קאנען זיך קיין מאל ניט איינגעבען.

טראכט מען זיך אריין אין די געדאנקען שטאמלער׳ס, קאן איינער מיינען, אז דער ענד־רעזולטאט, צו וועלכען ער מוז על פי נויטווענדיגקייט קומען, איז דער סאציאלאגישער סקעפטיציזם. שטאמלער מיידט אבער אוים יענע געפאהר, א דאנק אן ארגומענט, וועלכען ער נעהמט אריבער פון קאנט׳ס פילאסאפיע. קויזאלע דערקענטניס, זאגט ער מיט קאנט׳ן, איז ניט די איינציגע ארט פון דער מענשליכער דערקענטניס. דאס קויזאלע דענקען, אין די פאר־מען פון אורזאך און ווירקונג, איז ניט מעהר ווי איין מין אפריא־רישע פארם, וואס מיט איהר הילף ברענגט אונזער שכל אריין איינ־

הייט און אָרדנונג אין דעם פיעל־זייטיגען כאָאָס פון ערשיינונגען און פאקטען. א חוץ דער פאָרם פון קוויזאַליטעט איז אָבער נאָך דאָ אַן אַנדער פאָרם, וואָס איז אַקוראַט אַזוי אַ־פּריאָריש ווי די קוויזאַליטעט, — די צוועקמעסיגקייט. דאָרטען, וואו „אורזאַך און ווירקונג“ זאָגען זיך אָב צו דיענען אונז, האָבען מיר אַ כשר'ען רעכט אַנצואווענדען די טעלעאָלאָגישע פאָרמען פון אונזער געדאנק און אַנשטאָט די בעגריפען: „אורזאַך און ווירקונג“ אויסוועהלען פאר אַ געצייג פון דעם וויסענשאַפטליכען אויפבוי די בעגריפען: „ציעל און מיטעל“.

די אויפגאַבע פון דעם סאָציאָלאָג וועט לפי דעם בעשטעהן דער עיקר אין איין זאַך: ער דאַרף אויסגעפינען יענעם א ל ג ע מ י י נ ע ם צ װ ע ק פון אלע געזעלשאפטליכע נאָרמען, וואָס דער מענש דאַרף האָבען אין אויג, בעת ער איז אין גאַנצען פריי פון וועלכע עס איז פּערזענליכע פניות אָדער פאַרטיי־און קלאַסען־אינטערעסען און טראַכט נאָר וועגען איין זאַך — די אינטערעסען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אָט יענער א ל ג ע מ י י נ ע ר צ װ ע ק וועט זיין דער סאָציאלער געזעץ, וואָס וועט אונז דיענען ווי אַן אָביעקטיווער קריטעריום און מאסשטאב פאר דער געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט פון יעדער געגעבענער צייט.

ווי אַזוי זאָלען מיר אָביעקטיוו־וויסענשאַפטליך געפינען יענעם געזעץ?

שטאַמלער שלאָגט פאָר אַ מעטאָדע, ווי אַזוי איהם אויסצוגעפינען, וועלכע ער ווענדעט אויך אָן אין זיין ווערק און וועלכע ער רעכענט פאַר דער איינציג ריכטיגער.

לאָמיר, זאָגט ער, לאָגיש אנאַליזירען אלע געזעלשאפטליכע פאָרמען, ד. ה. אלע רעכטליכע רעגלאַמענטען, און לאָמיר ארויסדעסטילירען פון זיי יענעם עלעמענט פון צוועקמעסיגקייט, וואָס ליעגט אלע מאָל פערבאָרגען אין זיי. אָט די איינצעלנע טהעאָלאָגישע עלעמענטען לאָמיר פערגלייכען צווישען זיך און צוריקפיהרען זיי צו איין איינציגען גרונד־פּרינציפּ. דורך דעם גופא וועלען מיר זיך דערגראָבען צו יענעם אבסטראַקטען ציעל, וואָס ליעגט אין זייער אלעמענס פונדאמענט. און אָט דער אלגעמיינסטער ציעל וועט זיין דער אלגעמיינער געזעץ, וועלכען דער סאָציאָלאָג זוכט.

א דאנק דעם מעטהאָד פון לאַגיש אנאליזירען די יורידישע נאָרמען, קומט שטאַמלער צו דעם לעצטען רעזולטאט פון זיין פאָר־שונג. ער געפינט אוים יענעם גרונד־פרינציפּ, וואָס דארף זיין אונ־זער פיהרער אין דער געזעלשאפטליכער פראקטיקע און וואָס דארף אוועקגעלעגט ווערען אין דעם פונדאמענט פון יעדען „אָביעקטיוו־מאָטיווירטען“ געזעלשאפטליכען שריט.

דער פיהרענדער פרינציפּ בעשטעהט אין דעם שטרעבען צו א בעשטימטען א י ד ע א ל פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. דאָס דארף זיין א געזעלשאפט פון „פריי וועלענדע מענשען“, ד. ה. פון אזעלכע מענשען וועמעס ווילען עס איז אין גאנצען פריי פון וועלכע עס איז פערזענליכע אינטערעסען אָדער פּארטיי־וואונשען און קלאסען־שטרעבונגען.

אין אלע געזעלשאפטליכע רעפאָרמען, אין אלע צייטען און דורות וועט נאָר דאָס — אין דער געזעלשאפטליכער עפענטליכער טעטיגקייט — זיין אָביעקטיוו ריכטיג און געזעצמעסיג, וואָס עס וועט געשעהן אין דעם נאָמען פון יענעם אידעאל און וואָס עס וועט פיהרען צו זיין פערווירקליכונג אין לעבען. און צוריק: אלץ, וואָס געהט להיפך צו דעם דאָזיגען אידעאל, איז „סוביעקטיוו“, אונגעזעצ־מעסיג, ווען אפילו די דאָזיגע סוביעקטיווע שטרעמונגען זאָלען זיין די שטאַרקסטע אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען און דער טריאומף זאָל סוף־כל־סוף בלייבען אויף זייער זייט.

אָט דאָס איז, לויט שטאַמלער, דער גרונד־געזעץ פון דעם געז־עלשאפטליכען לעבען, וואָס יעדער געזעלשאפטליכער טהוער דארף האָבען אין אויג, כדי זיך צו בעפרייען פון דעם סוביעקטיוויזם.

מען זעהט פון די אלע געדאנקען, אז שטאַמלער האָט אין זין דעם זעלביגען פילאָסאָפישען צוועק, וואָס קארל מארקס. ער וויל אויסגעפינען א וועג, ווי אזוי אָביעקטיוו צו בעגרינדען דעם „ע נ ד־צ י ע ל“, אָבער אזוי ווי ער קאָן ניט גלויבען אין די געשיכטס־פילאָסאָפיע בכלל — ובפרט נאָך אין דער מארקסיסטישער — וויל ער אנשטאָט דער געשיכטס־פילאָסאָפיע ארויפזעצען אויפ'ן טהראָן א נייע ווימענשאפטליבע, אָדער, — לאָמיר רעדען פּאָרזיכטיגער, — א נייע טעאָרעטישע דיסציפּלין: די סאָציאל־פילאָסאָפיע.

מיר וועלען שפּעטער זעהן, אז זיין סאָציאל־פילאָסאָפיע איז,

אין תוך גענומען, ניט קיין אנדער זאך, ווי די מאָראַל־פילאָסאָפיע. דערביי וועט אונז אויך קלאָר ווערען, וואָס מיר קאָנען האלטען פון איהר ווערטה פאר די בעגרינדונג פון דעם ענד־ציעל.

.10

ווי די לעזער האָבען זיך שוין געוויס אָנגעשטויסען, איז רודאלף שטאמלער׳ס טעאָריע פונ׳ם סאָציאלען מאָניזם ניט קיין אנדער זאך, ווי א נייער פרוב א ב י ע ק ט י ו ו אויסצוגעפינען יענעם ענד־ציעל, צו וועלכען עס דארפען שטרעבען אלע אָוונזוסטזינינע און עהרליכע געזעלשאפטליכע טוערס. שטאמלער נעהמט זיך פאר דעם נייעם פרוב דערפאר, ווייל דער מארקסיזם, וואָס האָט געהאט אין זין דיזעלביגע אָביעקטיווע בעגרינדונג פון דעם ענד־ציעל, האָט זיך געפלייסט דורכצופיהרען דאָס אויף דעם פעלד פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע, און האָט דערביי באַנקראָטירט.

וויל מען האָבען אמת׳ע אָביעקטיווע וויסענשאפט אין די ענינים פון סאָציאל־פילאָסאָפיע און סאָציאל־פאָליטיק, מוז מען, מיינט שטאמלער, זיך אָבזעגענען מיט די קאטעגאָריען פון אורזאך און ווירקונג, מיט די טיעפע פאָרשונגען פון „פארוואָס איז עס אזוי געוואָרען?“ און „ווי מוז עס סטיכיש ווערען?“, און אנווענדען אנשטאָט דעם די קאטעגאָריען פון ציעל און מיטעל, און זוכען צו פערענטפערען די פראגען: „צוליעב וואָס האָבען עס בעוואוסטזיניגע מענשען אריינגעפיהרט אין לעבען?“ און „צוליעב וואָס און ווי, זאָלען מיר, בעוואוסטזיניגע מענשען, עס איבעראנדערשען אין דער צוקונפט?“ פערענטפערט ווערען דארפען די דאָזיגע פראגען נאָר פון די, וועמעס ווילען עס איז פריי, ד. ה. די, וואָס האָבען ניט קיין אייגענע פניות און וואָס זוכען צו רעפאָרמירען די געזעלשאפט נאָר צוליעב דעם טובת הכלל.

מען זעהט, די גאנצע פילאָסאָפיע שטאמלער׳ס לויפט סוף־כל־סוף אריין אין דעם פאָרט פון רייגע מאָראַל־פילאָסאָפיע, וואָס פרעדיגט דעם מענשען, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין עגאָאיזם און זיך אין גאנצען, אָהן פניות איבערגעבען צו די אינטערעסען פון דעם כלל.

קאָן מען זיך צופריעדענשטעלען מיט די רעזולטאַטען, צו וועל־כע שטאַמלער איז געקומען? קאָן אונז די מאָראַל־פילאָסאָפיע באמת ארויסהעלפען דאָרטען, וואו די געשיכטס־פילאָסאָפיע לאָזט אונז, ווי אין א שיף אָהן א רודער?

לײדער קאָנען מיר איצטער ניט געבען קיין קריטישען אנאַ־ליז פון אַלע אײנצעלהייטען, וואָס אויף זיי האָט שטאַמלער אויפ־געבויט זיין מאָראַל־פילאָסאָפישע מעטאָדע אין דער ענד־ציעל פאַר־שונג. מיר מוזען זיך בענוגענען נאָר מיט דעם וויכטיגסטען וועגען אַלע יענע פונקטען, מיט וועלכע מיר האָבען בעקאַנט געמאַכט דעם לעזער.

לאָמיר אָנהויבען פון יענעם „הלל הגדול“, וועלכען שטאַמלער האָט אויסגעזונגען לכבוד דעם מאַרקסיזם.

קודם כל מוזען מיר בעמערקען, אז א סך פון די מעלות, וועל־כע שטאַמלער האָט אויסגערעכענט צו דעם שבח פון דעם מארק־סיזם, געפינען זיך אין איהם ניט אין א גרעסערער מאָס, איידער ביי דאָס רוב אנדערע געשיכטס־פילאָסאָפישע און סאָציאָלאָגישע טעאָ־ריעס, וואָס זיינען בעקאַנט דער מענשהייט.

שטאַמלער לויבט דעם מאַרקסיזם פאַר זיין בעגרייפען די גע־זעלשאַפט, ווי אַן אייגענטאַרטיגע ערשיינונג, וואָס פאָדערט בע־זונדערע אייגענאַרטיגע פאָרשונגס־מעטאָדען, אָבער אויפפאַסען די געזעלשאַפט ווי אַן ערשיינונג „סואי גענערים“ איז ניט קיין ספע־ציפישער סמן פונ'ם מאַרקסיזם. קיינער האָט ניט געלעגט אַזוי פיעל וואָג אויף יענעם געדאַנק, ווי דער פאָטער פון דער נייער סאָ־ציאָלאָגיע, אָגיוסט קאָנט. דער געדאַנק געפינט זיך אויך ביי מאַרקס'ען, אָבער ער פערנעהמט ביי איהם, כלעבען, ניט יענעם בכבוד'ען פּלאַץ אין סיסטעם, וועלכען שטאַמלער לעדיגט פאַר איהם אָב.

דער מאַרקסיזם שטרעבט גיכער צו בעווייזען, אויב ניט דעם דירעקטען היפך פון יענעם געדאַנק, איז לכל הפחות עפּעס אַזוינס, וואָס שוואַכט זעהר ערנסט אָב זיין גרויסע וואָג. דער מאַרקסיזם איז, לויט זיין גאַנצען פילאָסאָפישען מהות, פעראינטערעסירט ארויסצוברענגען, אַז, ניט קוקענדיג, וואָס די געזעלשאַפט איז א בע־זונדער מין זיין אויף דער וועלט, קאָן מען דאָך צוטרעטען צו איהר־

אויספאָרשונג מיט די אַלגעמיינע מעטאָדען פון דעם וויסענשאַפט־ליכען דענקען: אָריגינעל אין דעם פרט איז מארקס נאָר דערמיט, וואָס ער גיט צו צו יענע אַלגעמיינע מעטאָדען פון בעאָבאַכטונג און אַנאַליז נאָך די העגעל'שע דיאַלעקטישע מעטאָדע, מיט איהרע דריי־גאָרענדיגע האָזען־שפּרונגען פון טעזיס, אַנטי־טעזיס און סינטעזיס, — אין אָרגינאַליטעט, פון וועלכער ניט שטאַמלער, ניט מיר קאָנען ניט ווערען גרייליך נתפּעל.

שטאַמלער פערגעסט אָדער זעהט ניט איין, אַז מארקס האָט זיך לפי ערך זעהר ווייניג אָבגעגעבען מיט דער פראגע וועגען יענע ספּעציעל־סאָציאָלאָגישע פאָרשונגס־מעטאָדען, וואָס קאָנען און זאָלען אָנגעווענדעט ווערן נאָר אויף דעם דאָזיגען פעלד פון דעם מענשליכען וויסען און וואָס מוזען ביז צו א זעהר הויכען גראַד מאָדיפיצירען די אָנווענדונג פון די אַלגעמיין־וויסענשאַפטליכע מעטאָדען.

ממילא וואָלט מען געהאַט מעהר רעכט ארויסצוטרעטען מיט א טענה אַנטקעגען דעם מארקסיזם, פאר וואָס ער האָט די סאָציאָלאָגיע צו ווייניג ארויסגעשיידט פון דעם גאַנצען סכום מענשליכע וויסענשאַפט, פאר וואָס ער האָט צו שטאַרק אונטער־שטראָכען די איינהייט פון אַלע נאַטור־ערשיינונגען, — די אונבעוואוסטע, פּסיכישע און סאָציאַלע, — פאר וואָס ער האָט די ריין געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען צו בלאָס כאַראַקטעריזירט.

די צווייטע מעלה פון דעם מארקסיזם, וואָס פון איהר פאַלט שטאַמלער אריין כמעט אין התלהבות, איז זיין שטרעבען אויסצוגע־פינען דעם העכסטען אָביעקטיווען קריטעריום פאר דער געזעל־שאַפטליכער טעטיגקייט, כדי מען זאָל מיט זיין הילף צונויפשטי־מען די שטרעבונגען פון די געזעלשאַפטליכע טועדם — מיט די גרונד־געזעצען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אָבער אויך די מעלה געפינט זיך ביי אַלע, — ממש, ביי אַלע, — סאָציאָלאָגען פון דער אָביעקטיווער ריכטונג, און ביי אַלעמען ביי זיי שפּיעלט זי די ראָליע פון דעם ענד־ציעל פאר זייער גאַנצען טעאָרעטישען בויען. איהר געפינט זי, די מעלה פון פּרינציפּיעל וועלען זיין אָביעקטיוו, ביי אַזעלכע פאַרשיידענע סאָציאָלאָגען און סאָציאַל־פילאָ־

סאָבען, ווי קאַנט און פוריע, ספענסער און סען־סימאָן, לאָרענץ פאָן שטיין און קעמטלע.

אַלע סאָציאַלאָגען פון דער אָביעקטיווער שוהלע האָבען ביז צו דער לעצטער צייט רק געוואָלט אויסגעפינען יענע אָביעקטיוו־ווי־סענשאַפטליכע אויפפאַסונגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבענס־גאַנג, וואָס זאָלען איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צו אַלע שטרייטערייען און ויכוחים פון די פערשיידענע פּאַרטייען און פּראָגראַמען, און וואָס זאָלען אונז געבען אַ זיכערען פיהרענדען פאַדים אין האַנד, כדי מיר זאָלען צו יעדער צייט קאָנען וויסען, אויף וואָס און ווי אַזוי אַנצואווענדען די געזעלשאַפטליכע ענערגיע.

אמת, האָט רוב פון זיי האָט דעם דאָזיגען פאָדים געזוכט אין דער געזעלשאַפטליכער סטאַטיק, בעת אַנדערע — און מאַרקס בתוכם — האָבען דעם צענטר פון זייערע וויסענשאַפטליכע האָפ־נונגען אריבערגעטראָגען אויף דעם פעלד פון דער סאָציאַלער דינאַ־מיק. אָבער דאָס, רעכען איך, דאַרף ניט זיין קיין נפקא מיניה פאַר שטאַמלער'ען, ווייל אויך ער האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, נ י ט אין דער דינאַמיק געזוכט יענעם שוואַר־פּונקט, וואָס זאָל אין אַלע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטליכע שטרעבונגען אריינטראָגען אָביעקטיוו־וויסענשאַפטליכע וואָג און סטאַביליטעט, וואָס זיי פעהלט.

.11

בלייבט פון אַלע מעלות דער מאָניזם, וואָס שפּיעלט באמת אין מאַרקס' סיסטעם אַ גאָר אויסערגעוועהנליכע ראָליע.

מיר האָבען שוין אַזוי פיעל מאָל געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען וועגען דעם מאָניזם, אויפצואווייזען אויף זיינע מעלות און אויך אויף יענע גרעניצען, וואו די מעלות הויבען אָן אריבערצו־געהן אין חסרונות, אַז דאָ מעגען מיר זיך בענוגענען נאָר מיט די וויכטיגסטע פּונקטען.

דער מאָניזם, די צונויפפיהרונג פון אַלע ערשיינונגען צו איין־איינציגען יסוד, איז בלי ספק איינע פון די גרעסטע מעלות. מיט וועלכער אַ וואָסער עס איז וויסענשאַפטליכע דיסציפּלין האָט אַ רעכט צו שטאָלצירען, אָבער בתנאי, אַז דער מאָניזם זאָל זיין דער

נויטווענדיגער, ניט אויסצומיידענדער **ענד־רעזולטאט** פון אַ מעטהאָדאָלאָגיש־ריכטיגער פאָרשונג.

ווערט אָבער דער מאַניזם געברויכט, ווי אַ פאָרשונגס־פּרינציפּ, ווי אַ מעטאָדאָלאָגישער פּרינציפּ, איז ער יעמאָלט ניט נאָר ביט קיין מעלה, נאָר איינער פון די גרעסטע חסרונות, וואָס קאָנען אוועקשטעלען אין סכנה די גאַנצע אַרבייט פון דעם וויסענשאַפטליכען זוכען. דער מאַניזם מוז דעריבער שוין פון אָנהויב אָן ארויסרופען דעם גרעסטען חשד צו זיך ביי אַלע די, וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען אַ קלאָרען דין וחשבון וועגען דעם, וואָס אַזוינס אַ וויסענשאַפט איז, און אין וואָס אַזוינס בעשטעהען איהרע פאָדערונגען.

וויסענשאַפט איז ניט קיין אַרכיטעקטור. די שעהנקייט פון דעם אויפבוי און די איינהייט פון דעם סטיל, — דאָס זענען לוקסוס־זאַכען, וועגען וועלכע די וויסענשאַפט מאָג טראַכטען נאָר יעמאָלט, ווען עס זענען בעפריעדיגט געוואָרען איהרע וויכטיגסטע, איהרע ממשות'דיגע נויטען. די וויסענשאַפט — און אין דערין שיידט זי זיך אָב פון דער פילאָסאָפיע — האָט צו טהאָן **נאָר** מיט פאַקטען און מיט די נויטווענדיגע שיכות'ען, וואָס צווישען זיי. אַט די פאַקטען און די שיכות'ען מוז זי אויספאָרשען, מיט דעם העכסט מעגליכען גראַד פון פּינקטליכקייט. נאָר ווען זי האָט אוועקגעלעגט דעם פונדאַמענט פון די פּינקטליך אויסגעפאָרשטע פאַקטען און שיכות'ען, קאָן זי איבערגעהן פון טהיילווייזע גענעראַליזאַציעס צו מעהר אָדער ווייניגער אַלגעמיינע, אויף וויפיעל דאָס לאָזען צו די פאַקטען, אָדער גאָר: אויף וויפיעל זיי פאָדערען דאָס און דיקטירען.

געוויס, דער וואָס איז גוט בעקאַנט מיט דער טבע פון דעם מענשליכען שכל, וואָס וויים די אַרט זיינע, ווי ער בויט וויסענשאַפט און סיסטעמען פון וויסענשאַפטען, קאָן לכתחילה זיין זיכער, אַז ער, דער מענשליכער שכל, וועט סוף־כל־סוף אויסגעפינען אַ וועלכע עס איז איינהייט, וואָס דאַרף ליעגען אין דעם גרונט פון אַלע ערשיינונגען, וועלכע ער פאָרשט אויס. אָבער אין וואָס דער שכל וועט אין דער סוף פון דער אונטערזוכונג געצוואונגען זיין, — לויט זיין טבע און לויט די נאַטור פון די פאַקטען, — צו דערזעהן די איינהייט, — דאָס קאָן מען אויף אַ פריהער ניט ווי־

סען. דעריבער מוז דער פאָרשער אין יעדען מאָמענט פון זיין פאָרשען קאָנסטאַטירען נאָר דאָס, וואָס עס געפינט זיך ביי איהם אונטער די פינגער, — אַלץ איינס, צי עס וועט זיין מאָניזם, אָדער דואַליזם, אָדער, חס ושלום, נאָר פּלוראַליזם.

היפּאָטהעזען און טהעאָריעס, — דער עלעמענט פון מעגליכקייט אין דער פאָרשונג, — שפּיעלען געוויס זעהר אַ גרויסע ראָליע: אָהן זיי וואָלט מען אפשר ניט געקאָנט מאַכען קיין איינציגען שריט ווייטער. אָבער, בעת דער געלעהרנטער קומט אָן צו זייער הילף, טאָר ער קיין מאָל ניט פערגעסען, אַז די פאַקטען זענען בעשאַפען געוואָרען ניט צוליעב דעם, זיי זאָלען געדיענט (?) נעבען דער אָדער יענער היפּאָטעזע. פערקעהרט! די היפּאָטהעזען ווערען אויפגעשטעלט צוליעב דעם, כדי עס זאָל זיין בעקוועמער דורכצופאָרשען און צו בעגרייפען די פאַקטען. אויב דער פאָרשער האָט דאָס גוט אין זין און וויל בלייבען טריי די שטרענגע פאָדערונגען פון דער וויסענשאַפט און ארבייט אויף אַ פעלד, וואָס איז נאָך ווייניג דורכגעפאָרשט, איז יעמאָלט טאָר ער זיך ניט האַלטען שטאַהל און אייזען נאָר פאַר איין-איינציגער היפּאָטעזע. אדרבה! וואָס מעהר השערות, וואָס מעהר מעגליכע אויסטייטשונגען דער פאָרשער וועט האָבען אין זיין גייסטיגען אייגענס, אַלץ ווייניגער פאַרטייאיש וועט ער זיין, אַלץ ווייניגער טעאָרעטישע פּניות וועט ער האָבען, אַלץ מעהר שאַנסען וועלען ביי איהם זיין צו בעקומען דעם אמת פריי; אַלץ זיכערער וועט ער זיין, אַז ער וועט ניט נעהמען אומבעוואוסט פערהויקערען די פאַקטען צוליעב אַ פריהצייטיגער גענעראַליזאַציע, ווי דאָס פאַסירט אַזוי אָפט מיט פאַנאַטיש איינגעגלויבטע טעאָרעטיקער.

יעדע היפּאָטעזע, וואָס מען דאַרף אָנווענדען אויף אַ ניט-בעאַרבייטען אָדער ווייניג בעאַרבייטען פעלד, מוז על פי הכרך זיין אַ לעדיגע, אַ וויסטע. און וואָס ברייטער עס איז די גענעראַליזאַציע, וואָס מעהר וויסענשאַפטליכען מאַטעריאַל זי וועט דאַרפען אריינגעהמען אין זיך אין דער צוקונפט, אַלץ מעהר וויסט און לעער דאַרף זי בלייבען דערווייל, אויף די ערשטע שטופען פון דער פאָרשונג. אין דעם בויען פון אַזעלכע היפּאָטעזען האָט

מען אמאָל געזעהען די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע. אָבער זינט אויך די פילאָסאָפיע, — וועניגסטענס, איהרע מעהר פּראָגרעסיווערע ריכטונגען, — האָט זיך גענומען אָנשפּאַרען אָן דער וויסענשאַפט און האָט קלאָר דערקענט, אַז איינער פון איהרע וויכטיגסטע יסודות איז די ערפאַהרונג, ד. ה. די בעאָבּאַכטונג און דער עקספּערימענט, — פון יעמאָלט אָן האָט אויך זי גענומען אָבזאָגען זיך פון יענע קונציג אויסגעפיהרטע, עפּעמערע בנינים, וועמעס איינציגער ציעל עס איז געווען — ארויסצוברענגען מאָניזם.

ווי אַ מעטאָדאָלאָגישער פּרינציפּ איז דער מאָניזם דערפאַר שעדליך פאַר דער פאָרשונג — און דאָס איז דער עיקר! — וואָס ער שרייבט איהר לכתחילה פאַר די ציעלען, צו וועלכע זי זאָל קומען. דאָס מוז זיך אָברופען צו בייזען אויף דעם גאַנג גופא פון דעם וויסענשאַפטליכען זוכען.

אויב דעם „ריינעם“ פילאָסאָפישען דענקען קען מען אָנרופען, און מען האָט שוין אמאָל אָנגערופען, די „פּאָעזיע פון בעגריפען“, מעג מען די כלומרשט־אינדוקטיווע פאָרשונג, וואָס ווערט געמאַכט פון אַ לכתחילה אין זיך איינגעגלויבטען מאָניזם, אָנרופען אַ „שיר־אין פּראָזע“. אָבער שירים, ווען אפילו אין וויסענשאַפטליכער פּראָזע, זענען ניט וויסענשאַפט, און ווער עס וויל דיענען דער וויסענשאַפט, דאַרף זיך אויסלערנען פאַנאַנדערשיידען צווישען עסק און שפּיעל, די פאָדערונג פון דער וויסענשאַפט־ליכער זיכערקייט און די בעדערפעניסען פון שכל־דיגער הנאה. די לעצטע קאָנען האָבען אַן אָרט און מיט זיי דאַרף מען זיך רעכענען גאָר יעמאָלט, ווען מען האַלט אין אויס־בויען פילאָסאָפישע בנינים.

דערהויפּט מאַכט פיעל צרות אַן דער מאָניזם אין דער סאָציאָ־לאָגיע און אין דער געשיכטס־פילאָסאָפיע. עס איז פּשוט אַן אומ־גליק פאַר זיי, וואָס די מאָדערנע סאָציאָלאָגען און געשיכטס־פילאָ־סאָפען ווילען שוין פון אָנהויב, — ניט אַנדערש! — אַ גאַנצען, אַ פאַרטיגען סאָציאָלאָגישען אָדער געשיכטס־פילאָסאָפישען סיס־טעם. וואָלטען די נאַטור־פאָרשער, וואָס האָבען דורך זייער מיה אויסגעאַרבייט פאַר דער מענשהייט דאָס ביסעלע זיכערען אמת,

וואָס מיר פערמאָגען, — וואָלטען, זאָג איך, אויך זיי געוועזען פער־זס׳ט מיט דערזעלביגער שכרות פון דעם מאָניזם, וואָלטען מיר עד היום נאָך ניט געהאַט קיין עקזאַקטע וויסענשאַפטען. אונזערע איצטיגע נאַטור־וויסענשאַפטען, — דערהויפּט די פיזיקאַלישע, — שטעהען דערפאַר אויף אַזאַ זיכערען באָדען, און געהען דערפאַר מיט אַזעלכע זיכערע שריט צו אַ מאָניסטישען באַרג־שפּיץ, ווייל די, וואָס האָבען נאָך אין דער רענעסאַנס־צייט אָוועקגעלעגט דעם פונ־דאַמענט פאַר זיי, האָבען דעם מאָניזם ניט געהאַט אין זין. נאָר וואָס בעפרייט זיך פון דעם פערשימעלטען מיטעלאַלטערליכען אַריס־טאָטעליזם, האָבען זיי געהאַט געגוג קראַפט אין זיך צו בלייבען פריי אויך פון יענע פאַנטאַסטישע פילאָסאָפישע חלומות פון זייער צייט, וואָס זיי האָט מעהר געאַרט פאַר דער אַרכיטעקטאָניש־איינהייט־ליכער שעהנקייט פון דעם בנין, איידער פאַר דער וויסענשאַפטליכער פעסטקייט פון דעם פונדאַמענט.

די גרויס פון אונזערע אבות אויף דעם עקספּערימענטאַלען פעלד איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זענען צוגעטראָטען שטור־דירען איינצעלנע ערשיינונגען מיט דעם הייליגען נדר — נעהמען זיי פּונקט אַזוי ווי זיי בעווייזען זיך דעם ניכטערען פאָרשער, דעם פרייען פון וועלכע עס איז רעליגיעזע אָדער טעאָרעטישע פּניות און פאָראורטיילען.

די סאָציאָלאָגיע איז, צום בעקלאָגען, נאָך גאַנץ ווייט פון אַזאַ, איינציג וויסענשאַפטליכען בליק אויף דעם ענין. נאָך ניט אויסגעשטודירט קיין איין איינציגע געזעלשאַפטליכע ערשיינונג ווי דער סדר איז, נעהמט זיך דער מאָדערנער סאָציאָלאָג, — אויב מען זאָל ניט רעכענען וועניגע אויסנאַהמען, — אויף׳ן שטעל פאַר דער ענטדעקונג פון דעם סאָציאַלען גראַוויטאַציאָנס־געזעץ, וואָס דאַרף בעהערשען אַלע ספערען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

פון אַלע אונזערע רעיד איז געדרונגען, אַז נתפעל ווערען, וואָר אַ וואָסער עס איז וויסענשאַפטליכע טעאָריע איז מאָניסטיש, ובפרט אַ טעאָריע, אין וועלכער מען גלויבט אַליין ניט, וואָס מען האַלט אַליין, אַז זי איז ניט מעהר ווי אַן ערשטער שריט אין דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, הייסט — אָהן אַ בּרעקעל רעכט צו־

נויפמישען אין איינעם די אויפגאַבען פון דער וויסענשאַפט מיט די אויפגאַבען פון דער פילאָסאָפיע, צו זייער ביידענס שאָדען, און לכתחילה אוועקשטעלען די פאָרשונג אויף אַ פאַלשען וועג.

די אמת'ע טובה, וואָס דער מאַרקסיזם האָט געטהאָן דער געשיכטס־וויסענשאַפט, ליעגט ניט אין זיין מאָניזם און אויך ניט אין דעם, וואָס ער האָט כלומרשט געפונען דעם „שם־המפורש", פאַר וועלכען עס עפענען זיך אַלע בעהאַלטענע סודות פון דעם געשיכטליכען לעבען, נאָר אין דעם, וואָס ער האָט אַ סך שטאַרקער, איידער אַלע סיסטעמען ביז צו איהם, אָנגעוויזען אויף איינעם פון די וויכטיגסטע ווירקערס אין דעם געזעלשאַפטליכען און דעם היסטאָרישען לעבען, אויף דעם עקאָנאָמישען פאַקטאָר, וועמעס היסטאָרישען אימפעט מיר דאַרפען נאָך ערשט אינדוקטיוו אויס־שטודירען און פאָראיינס אויסגעפינען די פערשיידענע אַרטען פון זיין ווירקען. אין דער אָבשאַצונג פון זיין ענטדעקונג האָבען מאַרקס און די מאַרקסיסטען געוויס אַריבערגעכאַפּט די מאָס. זיי האָבען, על כל פנים, ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגעבען פאַר אַ פאַרטיגען ר ע ז ו ל ט אַ ט דאָס, וואָס איז אין בעסטען פאַל געווען אַ פּראָבלעם, וועלכען מען דאַרף נאָך ערשט פערענטפערן.

אויף אַזאַ'ן אופן איז שוין גאָר אַ גרויסע שאלה, צי שטאַמלער'ס הלל הגדול צוליעב דעם מאַרקסיזם איז אין אַלע פּרטים גענוג מאָטיווירט. מען מוז דערביי אויך ניט פערגעסען, אַז די „עקאָנאָמישע" דערקלעהרונג פון די געזעלשאַפטליכע אידעאַלען, וואָס האָט אַזוי בעצויבערט שטאַמלער'ן, ווערט פון איהם אויסגע־טייטשט אויף אַזאַ נייעם אופן, אַז אין איהם בלייבט ניט קיין איין מאַרקסיסטישע האָר.

12

אַ סך און ערנסטערען ווערטה האָט שטאַמלער'ס קריטיק פון דעם מאַרקסיזם, ווען אפילו אויך דאָ איז אַ גרויסער ספק, צי מען קאָן מסכים זיין מיט אַלץ, וואָס דער מחבר זאָגט.

זיין קריטיק פון קויטסקי'ס ביישפּיעל מיט די אינדיאַנער, מיט וועלכען קויטסקי האָט געוואָלט בעווייזען, אַז דורך דעם אי־

בערבייט אין דער טעכניק האָט זיך אויך איבערגעביטען דער אופן פון פערטיילען די פּראָדוקטען, טרעפט ניט אין גאַנצען אין ציעל, ווי מיר האָבען דאָס שוין פריהער בעמערקט. דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל האָט די פערענדערונג פון דעם טעכנישען פּראָדוקציאָנס־אופן געווירקט אויף די פערענדערונג פון די יסודות, אויף וועלכע עס האָט גערוהט די פערטיילונג פון די פּראָדוקטען אין דער אינדיאַנער געזעלשאַפט.

דער ריכטיגער ענטפער אויף אַלע אַזעלכע איינצעלנע ביי־שפּיעלען ליעגט, נאָך מיין מיינונג נאָך, פּשוט אין דעם אַרגומענט, אַז איינצעלנע ביישפּיעלע האָבען אַלע מאָל זעהר אַ שוואַכע בע־ווייז־קראַפט. אין דעם אונענדליך צונויפגעפּלאָנטערטען נעץ פון געזעלשאַפטליכע פאַקטען איז שווער צו געפינען אַן ערשיינונג, וואָס זאָל ניט האָבען ערגעץ־וועץ און ערגעץ־וואו געשפּיעלט די ראָליע פון אַן אורזאַך, וועלכע האָט אויף אַ בעשטי־מטען אופן גע־ווירקט אויף דעם סדר פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

די אונגעהויער וויכטיגע פראַגע, אפשר טהוט דער אופן פון פערטיילען די פּראָדוקטען אין דער געזעלשאַפט אָבהענגען פון דעם אופן, ווי אַזוי זיי ווערען פּראָדוצירט, — די פראַגע דאַרף פער־ענטפערט ווערען אויף דעם ריין אינדוקטיווען וועג דורך די טיעפע אויספאָרשונג פון דעםווירקליכען גאַנג, אין וועלכען די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט געהט. אויב מיר וואָלטען דעם ענטפער געפונען (ווי דאָס האָט מאַרקס געטאָן) נאָר אַ דאַנק מעהר אָדער ווייניגער וואַהרשיינליכע דעדוקטיווע השערות, דאַרף דאָס לעצטע וואָרט אין דער שאלה פאָרט געהערען דעם אינדוקטיווען אויספרוב; ס'מוז אין איהם פערזיכערט ווערן, אַז אַ ל ע היסטאָרישע פאַקטען, פון וועלכע מיר קאָנען וויסען, שטי־מען מיט יענע שכל'דיגע השערות. און דער דעדוקטיווער ענטפער וועט נאָר אויף אַזוי פיעל זיין וויסענשאַפטליך געזיכערט, אויף וויפיעל ער וועט אויסגעפּרובט ווערען און פער'אמת'ט ווערען אין דער אינדוקטיווער פאָרשונג.

דאָס איז די פאָדערונג פון אַ געזונטער וויסענשאַפטליכער מעטאָדאָלאָגיע, — וואָס איז דער איינציגער ריכטיגער באַזיס פאַר יעדער װ י ס ע נ ש אַ פ ט.

מען וועט אונז אפשר זאָגען, אַז ניט אַלע מענשליכע קענט־ניסען, וועלכע מיר רעכענען פאַר ריכטיג, וואָלטען געקאָנט אויס־האַלטען יענע שטרענגע פאָדערונגען פון וויסענשאַפטליכקייט. דאָס איז אמת. מיר זענען אויך מודה, אַז די גרעסטע העלפט פון אונזער גייסטיגען לעבען בעשטעהט (און וועט אפשר אייביג בע־שטעהן) פון אַלערליי היפּאָטעזען און פון מעהר אָדער וועניגער ריכטיגע השערות. אָבער — וואָס בעווייזט דאָס? דאָס בעווייזט נאָר איין זאַך: אַז אַ גוטע העלפט פון אונזערע קענטניסען האָט נאָך ניט קיין רעכט צו פּרעטענדירען אויף וויסענשאַפטליכע זיכער־קייט און אַז מען דאַרף די זאַכען אָנרופען מיט זייערע ריכטיגע נעמען און ניט אַראָבנעהמען זיך אַ מוסטער פון יענעם וויציגען גלח, וואָס האָט אָבגע׳שמד׳ט אַ חזיר׳ל אין אַ שלייען און האָט דערמיט צופרידענגעשטעלט זיין פרומען געוויסען.

די מאַכט, וואָס וויסענשאַפטליך־פעסטגעשטעלטע אמת׳ען האָבען אויף דעם גאַנג פון אונזערע געדאַנקען און האַנדלונגען, — אַ מאַכט, וועלכע זיי האָבען כשר פערדיענט, — איז צו פיעל אָנ־געלאָדען מיט אחריות, מען זאָל זי קאָנען אַוועקגעבען אין די הענד פון אַזוינע היפּאָטעזען, טעאָריען און השערות, וואָס פער־דיענען נאָך בשום אופן ניט דעם בכבוד׳ען נאָמען: „זיכער־פעסט־געשטעלטע אמת׳ען". וואָס מעהר אָבשיי מיר וועלען האָבען פאַר דער וויסענשאַפט, מיט אַלץ אַ גרעסערען רעספּעקט וועלען מיר זיך אונטערוואַרפען אונטער איהרע האַרטע און קאַלטע פאָדערונגען.

ליידער איז שטאַמלער נאָך זעהר ווייט פון אַזאַ וויסענשאַפט־ליכען ריגאָריזם. ער געהערט, הפנים, צו יענעם טיפּ דענקער, וואָס פאַר זיי איז „דערקלערט" דיזעלביגע זאַך, וואָס „בעוויזען", און וואָס פערגעסען, אַז אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען גע־דאַנק געפינען זיך אַ סך „קלאָרע" קאָנסטרוקציעס, וועמעס וויסענ־שאַפטליכער באַנקראָט איז שוין לאַנג דערוויזען געוואָרען אָהן אַ ברעקעל ספק, און צוריק וויעדער, — אַ סך דערוויזענע אמת׳ען אָהן אַ ברעקעל ספק, וועמעס דערקלערונג עס גיט זיך נאָך ער־היום ניט דעם מענשליכען שכל.

צום גליק טרעפט דאָ שטאַמלער מיט זיין פאָדערונג פון אַב־סאָלוטער קלאָרקייט גראַד אויף אַן אַנגעוועהטיגטען פונקט אין

דעם מאַרקסיזם, וועמעס גרונד־בעגריפען עס זענען נאָך עד היום געבליבען ניט אין גאַנצען אויפגעקלערט. אריינברענגען קלאָר־קייט אין דעם ענין, איז איינס פון די וויכטיגסטע פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבע אַ רעכט צו שטעלען דעם מאַרקסיזם, ווייל וויסענ־שאַפטליך אויספּרובען אַ וועלכע עס איז היפּאָטעזע קאָנען מיר נאָר יעמאָלט, ווען איהר זין איז אין גאַנצען קלאָר.

אין די צאָהל פון די ניט־אויפגעקלערטע גרונד־בעגריפען, מיט וועלכע דער מאַרקסיזם אָפּערירט, רעכענט שטאַמלער אריין, ווי מיר האָבען געזעהן, אויך אַזעלכע טערמינען ווי „אָן עקאָנאָמישע ערשיינונג" און דער „אופן פון פּראָדוקציאָן". אַלע ווילע דער־מאָנט ער אונז, אַז די מאַרקסיסטען מישען צונויף, אָהן אַ ברעקעל רעכט, אין איינעם די טעכנישע און די יורידישע זייט פון דער זאַך, און אַלע ווילע שטעלט ער זיך איין פאַר זיין ליעבלינגס־געדאַנק, אַז אין דער ווירקליכקייט קאָן ניט געמאָלט זיין אַן עקאָ־נאָמישע „מאַטעריע" אָהן אַ יורידישער „פאָרם".

אָבער אין דעם פאָרוואורף אַנטקעגען דעם מאַרקסיזם מאַכט שטאַמלער אַ טעות: דער א י נ ה א ל ט פון יענע טערמינען איז ביי מאַרקסען און ענגעלסען גראָד אויסגעאַרבייט היבש קלאָר און זיי געברויכען זיי כמעט אומעדום אין איין און דעמזעלביגען זין: אין דעם זין פון געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־בעציהונגען, וואָס זענען פערשיידען סיי פון די באַלעבאַטיש־טעכנישע גרונד־לאַגען פון דער פּראָדוקציע, סיי פון יענע יורידישע נאָרמען, וואָס אין זייערע גרעניצען שפּיעלט זיך אָב דער געזעלשאַפטליכער פּראָ־צעס.

נעהמט דעם איצטיגען קאַפּיטאַליזם. די קאָנצענטרירונג פון קאַפּיטאַלען, די טעכנישע ארבייטס־טיילונג און דער מאַשיניזם, — דאָס זענען די באַלעבאַטישע און טעכנישע גרונדלאַגען פון דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס רעכט פון דער פרייער קאָנקורענץ, די גלייכ־הייט פאַר'ן געזעץ, דאָס רעכט צו קויפען און פערקויפען ארבייטס־קראַפט, — דאָס זענען זיינע יורידישע פונדאַמענטען. אָבער ניט זיינע טעכנישע און ניט זיינע יורידישע יסודות פאַלען ניט צונויף מיט יענע ס אָ צ י אַ ל ע, געזעלשאַפטליכע אייגענשאַפטען, וואָס געהערען צו דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן. דאָס

ר ע כ ט פון פרייען אַבמאַך, דער פרייער קאָנקורענץ, און דעם פרייען מקח־וממכר מיט מענשליכער אַרבייטס־קראַפט דעטערמי־נירט נאָך ניט מיט זיך דעם פ א ק ט פון יענע פרייע אַבמאַכען און האַנדלונגען, דעם פ אַ ק ט פון יענעם פרייען מקח־וממכר. דער גאַנצער קאַפּיטאַליזם רוהט אָבער אויף דעם פאַקט פון קויפען אַרבייטס־קראַפט און ניט אויף דעם רעכט. אין די גרעניצען פון איין־און־דעמזעלביגען רעכט קאָנען געמאַלט זיין סאָציאַל־פערשיי־דענע פאַקטען, אָבער ניט אַלע מוזען זיין דאָרטען. זאָלען די אַרביי־טער היינטיגע טאָג אויפהערען פערקויפען זייער אַרבייטס־קראַפט, ווערט דערפון אַ גאַנצע סאָציאַלע רעוואָליוציע, אָבער זייער ר ע כ ט צו פערקויפען זייער אַרבייטס־קראַפט קאָן דערביי בלייבען אומבע־ריהרט.

דער פאַקט פון „פרייען“ קויף און פערקויף פון מענשליכע אַרבייטס־קראַפט איז דעריבער אַ סאָציאַלע, געזעלשאַפטליכע בע־ציהונג אויף דעם פעלד פון מענשליכע אַרבייט, אַ ד ר י ט ע ר עלעמענט אין דער אונז אינטערעסירענדער ערשיינונג, וואָס פאַלט ניט צונויף ניט מיט דער טעכניק, ניט מיט דער יורידישער זייט איהרער. אַט דעם ד ר י ט ע ן זין האָט קאַרל מאַרקס במעט אומעטום געהאַט אין אויג, ווען ער האָט גערעדט וועגען דעם „עקאָ־נאָמישען באַזיס“ פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

טונקעל איז געבליבען אין די אַרבייטען פון מאַרקס און ענגעלס ניט דער אינהאַלט און דער מיין פון דעם דאָזיגען טערמין, נאָר די ראָליע, אָדער ריכטיגער, די צאָהלרייכע ראָליעס, וועלכע דער „עקאָנאָמישער באַזיס“ קאָן שפּיעלען, בעת מיר זוכען אין איהם די דערקלערונג פון היסטאָרישע און געזעלשאַפטליכע ערשיינונ־גען. אָבער וועגען דעם האָבען מיר באריכות גערעדט אין אַן אַנדער אָרט. *)

*) זעה די „געשיכטס־פילאָסאָפיע און דער ענד־ציעל“, אינ׳ם דריטען באַנד פון אונזער ווערק.

13

לאָמיר איצטער איבערגעהן צו אַן אנדער פּונקט: צו יענע זויכטיגע אויסבעסערונגען, וועלכע שטאַמלער טראָגט אריין אין דעם סיסטעם פון דעם מאַרקסיזם.

עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז די פראַגע וועגען די שיכות'ען צווישען „ווירטשאַפט" און „רעכט" ווערט, לויט דער שטאַמלערשער טעאָריע פון'ם „סאָציאַלען מאָניזם", פילאָסאָפיש שעהנער און איינפאַכער פערענטפערט, איידער דאָז איז געווען ביז אהער; ממילא איז דער ענטפער אויך אַ סך בעקוועמער איידער דער, וואָס אונז גיט דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם.

אָבער אין דער סאָציאָלאָגיע האָבען מיר איצטער צו טהאָן ניט מיט די פראַגען פון עלעגאַנץ און בעקוועמליכקייט פון אַ וועל־בער עס איז טעאָריע, ניט מיט די בעדינגונגען פון דעם וויסענ־שאַפטליכען קאָמפּאָרט, נאָר מיט דער פערשאָלטענער שאלה וועגען ו י ס ע נ ש א פ ט ל י כ ע ב ע ו ו י י ז ע ן, וועגען דעם טעגליכען ברויט מיט זאַלץ פון אַ וויסענשאַפטליכען אמת. און אין דעם פרט ווייס איך ניט, צי שטאַמלער'ס „סאָציאַלער מאָניזם" זאָל האָבען וועלכע עס איז בעזונדערע מעלות, מיט וועלכע זי זאָל זיך קאָנען גרויסען אנטקעגען דעם מאַרקסיזם.

און אין דער אמת'ען! מיט וואָס ב ע ו ו י י ז ט שטאַמלער זיין גרונד־געדאַנק, אַז יעדער אקט פון דעם געזעלשאַפטליכען לע־בען בעשטעהט פון צוויי עלעמענטען, ווירטשאַפט און רעכט, וואָס זענען לאָגיש פערשיידען, אָבער פּאַקטיש ניט אָבצורייסען איינס פון דעם אַנדערן?

קודם כל פרובט ער דאָס בעווייזען דורך דעם ארגומענט, אַז יעדער אקט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען שפּיעלט זיך אָב אין די גרעניצען פון אַ געוויסער יורידישער רעגלאַמענטאַציע, וואָס הערשט צו אַ געגעבענער צייט ביי אַ געגעבענעם פאָלק.

אָבער דער ארגומענט בעווייזט גאָר נישט. יעדער געזעל־שאַפטליכער אקט שפּיעלט זיך אויך אָב אין די גרעניצען פון וועלכע עס איז רעליגיעזע אָדער עטישע אָנשויאונגען, פון געוויסע בעגריפען וועגען וועלט און מענש, און דערי־

בעוּ וואָלטען מיר מיט דעם זעלביגען רעכט געקאָנט זאָגען, אַז די רעליגיאָן און די עטיק און די פילאָסאָפיע זענען אינוועניגסטע עלעמענטען פון יעדער געזעלשאַפטליכער ערשיינונג, וואָס קאָנען ניט אַוועקגענומען ווערען פון איהר. פון דעסטוועגען רעבענט זיי שטאַמלער ניט צו דער *פאָרמאַלער* זייט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, נאָר צו דער מאַטעריעלער.

אַ סך אַ גרעסערע בעדייטונג פאַר דער טעאָריע פון דעם סאָציאַלען מאָניזם האָט יענער געדאַנק שטאַמלערס, אַז יעדע מיטאַרבייטערשאַפט פון מענשען נויטיגט זיך אין אַ געוויסען רעגלאַמענט און אַז יעדער רעגלאַמענט איז אַ יורידישער אַקט. אָבער שוין אַ חוץ דעם, וואָס דער בעגריף פון רעכט איז דאָ פאַנאַנדערגעצויגען געוואָרען ביז צו אַ גאַנץ מוטוויליגען אומפאַנג, דאַרף מען אויך ניט פערגעסען זעהר אַ וויכטיגען פונקט.

רעגלאַמענטען קאָנען אָפט האָבען אַ ריין טעכנישען כאַראַקטער, ווי צ. ב. יענע בעשטימונגען, וואָס אַ סך פרימיטיווע פעלקער פיהרען דורך, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין ביים געיעג אָדער ביי דעם פיש־פאַנג. אַזעלכע בעשטימונגען, אויף וויפיעל זיי האָבען צו טהאָן ריין מיט דער *מיטאַרבייטערשאַפט* פון מענשען אין אַ געוויסען צווייג פון זייער באַלעבאַטישקייט און מישען זיך ניט אַריין אין דעם ענין פון פערטיילען די פראָדוקטען, ווערען דיקטירט ריין פון די טעכנישע בעדערפעניסען פון דער פראָדוקציאָן, אָדער אפשר אויך נאָך פון געוויסע רעליגיעזע גלויבונגען וועגען „מזל'דיגע“ און „ניט־מזל'דיגע“ צייטען פאַר'ן געיעג און פאַר'ן פיש־פאַנג און פון געוויסע סגולות, ווי אַזוי נושא חן צו זיין אין די אויגען פון די געהיימע קרעפטען, — הייסט עס ווידער אַמאָל פון געוויסע *טעכנישע* מאָטיווען, וואָס מוזען נאַטירליך אויסוואַקסען אויף יענער שטופע פון דער קולטורעלער ענטוויקלונג.

טעכנישע קונסט־גריפען רעכענט אָבער שטאַמלער צו צו דער מאַטעריע פון דער סאָציאַלער בעוועגונג. איז, וואו זאָלען מיר אין אַזויגע פעלען זוכען זייער רעכטליכע פאָרם? און אויב מען זאָל די טעכנישע קונסט־גריפען פון דער מיטאַרבייטערשאַפט, וואָס זענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָנגענומען געוואָרען און געהייליגט

געוואָרען דורך דעם דין אָדער דורך דעם מנהג, אויב מען זאָל זיי, זאָג איך, רעכענען פאַר די יורידישע פאָרם, היינט וואו וועט יעמאָלט זיין די, צו איהר שטימענדע געזעלשאַפטליכע מאַטעריע?

עס איז קלאָר, אַז אין אַלע אַזעלכע פעלען גיסען זיך מאַטעריע און פאָרם לאָגיש צונויף אין איינעם, הייסט עס, אַז זיי קאָנען ניט זיין קיין צוויי עלעמענטען אָדער אפילו קיין צוויי זייטען פון איין אין דערזעלביגער ערשיינונג.

אַ חוץ דעם איז פאַראַן אַ מאַסע פון פעלען אין דעם לעבען פון דער געזעלשאַפטליכער מיטאַרבייטערשאַפט, וואו די טעכנישע רעגלאַמענטאַציע טרעט ניט אַרויס אין דער פאָרם פון אַ פעסטגע־זעצטען דין. זי בייט זיך פון פאַל צו פאַל, לויט דעם פרייוויליגען אַבמאַך פון די מיטאַרבייטער. דאָ איז שוין קיין סמן ניטאָ פון אַ יורידישען עלעמענט, אויב מען זאָל ניט צורעכענען צו דעם פעלד פון רעכט י ע ד ע ן צונויפריידען זיך פון מענשען וועגען אַ וועלכען עס איז ענין, יעדען פרוב צונויפצושטימען זייערע האַנד־לונגען, כדי צו דערגרייכען בשותפות'שע ציעלען, — יעדען „ראַנדע־וואו", וואָס אַ פערליעבט פאָרעל מאַכט אָב צווישען זיך.

אַזוי ווייט געהט אָבער אויך שטאַמלער ניט אין זיין פאַנאַנ־דערציהען דעם בעגריף פון רעכט. פאַר איהם הייסט רעכט אַ פריי־וויליגער אָדער ניט פרייוויליגער ר ע ג ל אַ מ ע נ ט, וואָס איז בעשטימט פאַר אַ סך פעלען אויף אַ פריהער. און דאָ לאָזט ער אַרויס פון אויג, אַז אין די גרעניצען פון איינעם און דעמזעלבען רעגלאַמענט קאָנען מעגליך זיין פערשיידענע פאָרמען פון מיטאַר־בייטערשאַפט, פערשיידענע אַרטען ווי איינצואָרדנען די „סאַציאַלע באַלעבאַטישקייט".

נעהמט צ. ב. דאָס מאָדערנע פאַמיליען־רעכט. ווי פיעל־געשטאַלטיג זענען די בעציהונגען צווישען עלטערן און קינדער, אָדער צווישען מאַן־און־ווייב אויף דעם באָדען פון איין און דעמ־זעלביגען רעכט! אָדער נעהמט דאָס מאָדערנע בירגערליכע רעכט. אויך דאָ קאָן מען זיך משער זיין — און עס ווערען אויך טאָג טעג־ליך פערווירקליכט — די פערשיידענאַרטיגסטע פאָרמען פון דער באַלעבאַטישקייט, פון דעם אַרבייטען ביי אַ פאַבריקאַנט אין פרייער

לוין־אַרבייט ביז צו דעם לעבען אין אַ ריין קאָמוניסטישער גענאָסענשאַפֿט.

ווען מאַרקס רעדט וועגען עקאָנאָמישע פֿערהעלטניסען, האָט ער אין זין גראָד יענע געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען פֿון דער פּראָדוקציאָן, וועלכע מען קאָן זיך פֿאָרשטעלען אין די גרעניצען פֿון זעהר פֿערשיידענע רעכטס־פֿאָרמען. מאַרקס האָט נאָר געוואָלט בעווייזען, אַז אין דער אמת'ען מוזען זיך די רעכטס־פֿאָרמען שטרענג צופּאַסען צו די עקאָנאָמישע פֿערהעלטניסען. כדי פֿאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין דער פֿראַגע, וועלכע מאַרקס האָט אוועקגעשטעלט פֿאַר דער פֿאָרשונג, מוז מען, אַקוראַט ווי קאַרל מאַרקס, האָבען שאַרף אין אויג דעם *אונטערשייד* צווישען די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען און יענע יורידישע נאָרמען, וואָס אין זייערע גרעניצען שפּיעלט זיך אָב דער געזעלשאַפֿטליכער אַקט. דער סאָציאַלער מאָניזם אידענטיפֿיצירט אָבער ביידע זייטען פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען און דערמיט פֿערפּלאָנטערט ער די פֿראַגע, אַנשטאָט זי פֿאַנאַנדערצופּלאָנטערן.

14

איינער פֿון די וויכטיגסטע פֿעהלערן, וואָס שטאַמלער מאַכט אין זיין סאָציאַל־פֿילאָסאָפֿיע, בעשטעהט אין דעם, וואָס ער פּאַסט אויף דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען נאָר ווי אַ *מיטאַרבייטערשאַפֿט* פֿון מענשען. אָבער אַזאַ אויפֿפֿאַסונג איז צו ענג, געזעלשאַפֿט איז ניט נאָר מיטאַרבייטערשאַפֿט; עס איז אויך אַ *מיט־לעבען*, אַ געוויסער געמיינזאַמער פּסיכישער פּראָצעס, וואָס שפּיעלט זיך אָב אין די מוחות און אין די הערצער פֿון די אינדיווידועןן, אַ דאַנק דעם פֿאַקט, וואָס זיי לעבען ניט איזאָלירט איינער פֿון דעם אַנדערן, נאָר אין אַ געמיינשאַפֿטליכען צונויפֿבונד.

נעהמט דאָס גאַנצע ווייטע פֿעלד פֿון סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען, נעהמט אַלע אַרויסווייזען פֿון פֿריינדשאַפֿט, פֿון חברשאַפֿט און קאָנקורענץ, ווען מענשען קומען זיך באַלד צונויף אין איינעם און באַלד געהען זיי זיך פֿאַנאַנדער, און לאָזען פֿאָרט ניט

אַרויס איינער דעם אַנדערן פון׳ם אויג; נעהמט די אַלע פיעלגע־שטאַלטיגע מענשליכע געפיהלען אָהן אַ צאָהל, וואָס פון זיי בע־שטעהט דער טאָג־טעגליכער לעבען פון דער געזעלשאַפט. נישיים זאָלען מיר זיי אַרויסוואַרפען פון דער סאָציאָלאָגיע פשוט דער־פאַר, וואָס זיי טראָגען ניט אויף זיך דעם שטעמפעל פון מיטאַר־בייטערשאַפט און ווייל נאָך וועניגער קאָן מען ענטדעקען אין זיי אַ וועלכען עס איז יורידישען עלעמענט?

מיר וואָלטען געקאָנט ברענגען נאָך אַ מאַסע ביישפּיעלען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס אין זיי פעהלט לגמרי דער יורידישער עלעמענט, אפילו ווען מען זאָל איהם פאַנאַנדערציהען אַזוי ווייט, ווי דאָס טהוט שטאַמלער. אָבער שוין פון דעם, וואָס מיר האָבען דאָ אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען געזאָגט, מוז ווערען קלאָר, אַז אויב מיר ווילען בלייבען אויף דעם באָדען פון יענע פאַ־דערונגען, וועלכע שטאַמלערס טעאָריע שטעלט צוועק פאַר דער וויסענשאַפט, האָבען מיר נאָך איין ברירה: אָדער אין גאַנצען אַרויס־וואַרפען פון דער סאָציאָלאָגיע אַזעלכע ערשיינונגען, אין וועמעס געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער עס קאָן קיין ברעקעל צווייפעל ניט זיין, אָדער צונויפוואַרפען זיי אַלע אין איין קאָרב און לכתחילה אָבזאָגען זיך פון אויספאָרשען זייערע בשותפות׳שע שיכות׳ען און ועקסעל־ווירקונגען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט גאָר.

יורידיש נאָרמירען די געזעלשאַפטליכע באַלעבאַטישקייט איז אין דער איצטיגער צייט, — דער עיקר זינט עס איז אויסגעוואַקסען דער שטאַאַט, — אליין געוואָרען אַ מין מענשליכע מ י ט אַ ר ב י י־ט ע ר ש אַ פ ט, אין וועלכער עס בעטהייליגען זיך גאָר ניט קיין קליינע צאָהל אינדיווידועז. געזעצען, נאָרמען, „אוקאַזען" און פער־אָרדנונגען ווערען אין דער געזעלשאַפט אויסגעאַרבייט מיט דער הילף פון גאַנץ בעשטימטע פּראָפעסיאָנעלע טוערס: אַדוואָקאַטען, ריכטער, מיטגליעדער פון לעגיסלאַטורען, בעאַמטע פון אַלערליי קאַנצעלאַריעס, מיניסטאָרען א. אז. וו.

די מיטאַרבייטערשאַפט פון די אַלע מענשען האָט צום ציעל די בעפריעדיגונג פון אַ געוויסער הצטרכות: — יורידיש נאָרמירען די „ווירטשאַפטליכע" ערשיינונגען און אַכטונג געבען, אַז עס זאָלען

אָבגעהיט ווערען די רעגלאַמענטען, וואָס מען פיהרט אריין אין לעבען.

די טעטיגקייטען פון די יוריסטען און די בעאַמטע מוז, ווי א בעשטימטע מיטארבייטערשאַפט צוליעב א בעשטימטער הצטרכות, אריינגעהן, לויט שטאַמלער'ס טעאָריע גופא, אין דעם גדר פון „סאָציאַלע באַלאַבאַטישקייט", מחמת דעם זעלביגען טעם, פאר וואָס אהין געהען אריין די פעדאגאָגיק, די רעליגיע, די וויסענשאַפט און אַלע אנדערע ארטען טעטיגקייט פון דעם „געזעלשאַפטליכען" מענשען.

צווישען די אַלע ארטען פון מענשליכער מיטארבייטערשאַפט מוז בלי ספק עקזיסטירען א געוויסע וועקסעל־ווירקונג. די פעדאַגאָגיק ווירקט אויף דער רעליגיע, די רעליגיע אויף דער פעדאַגאָגיק א. אז. וו. שטאַמלער לייקענט דאָס ניט, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן. ער זאָגט מעהר נישט, אז די סאָציאַלע וויסענשאַפט דארף זיך ניט אריינמישען אין דער פראגע און איבערלאָזען זי אין גאנצען פאר דער נאציאָנאַל־עקאָנאָמיע.

אָבער ווייבאַלד ער זאָגט זיך אָב אויסצופאָרשען די וועקסעל־ווירקען צווישען די איינצעלנע צווייגען פון דער געזעלשאַפטליכער באַלאַבאַטישקייט, מוז ער ממילא אויך לאָזען אין גאנצען אָן א זייט יענע ווירקונגען, וואָס שפּיעלען זיך אָב צווישען דער „באַלאַבאַטישער" טעטיגקייט פון די מענשען אין זייער יורידישער טעטיגקייט. דאָס הייסט, ער מוז לכתחילה זיך אָבזאָגען פון אויספאָרשען יענעם פּראָבלעם, וואָס צוליעב איהם איז אָנגעשריבען געוואָרען זיין גאנצעס בוך „ווירטשאַפט און רעכט".

אָבער גראָד דער ריכטיגער ענטפער אויף יענעם פּראָבלעם האָט זעהר א גרויסען בעדייט פאר דער ריכטונג פון דער בעוואוסטזיניגער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. איבערהויפּט, אז מען האָט אין זין יענעם צווייג איהרען, וואָס האָט צו טאָן מיט דער אויסארבייטונג פון יורידישע און פּאָליטישע נאָרמען און מיט דער פראגע, ווי אזוי אריינצופיהרען זיי אין לעבען.

פון דעם בליק, וואָס איינער האָט אויף דעם כאַראַקטער פון יע־

נער קויזאל־שיכות, וועלכע הערשט צווישען „ווירטשאַפט“ און „רעכט“, מוז אויך אָבהענגען זיין אָבשעצונג פון זייערביידענס לפי־ערך׳דיגער היסטאָרישער קראַפט און אויך די אָבשעצונג פון יענע האַפּנונגען, וועלכע דער אָדער יענער געזעלשאַפטליכער טוער קאָן פערבינדען מיט זיין ארבייט אויף דעם אָדער יענעם פעלד פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

א סאָציאָלאָג, וואָס וויל דורכאויס געפינען אן אבסאָלוט־אָביעקטיווען קריטעריום פאַר דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט קאָן בשום אופן ניט פערשווייגען דעם דאָזיגען פראָבלעם. אבסאָלוט פערשווייגען איהם האָט אויך שטאַמלער ניט געקאָנט. ער האָט פאָרט געפּרובט געבען אן ענטפער אויף איהם אין זיין טעאָריע פון דער סאָציאַלער דינאַמיק.

לאָמיר דעריבער זעהן, צו וואָס פיהרט אונז דער דאָזיגער ענטפער.

.15

מיר האָבען שוין געזעהן, אז די ענטוויקלונג פון א וועלכען עס איז צווייג פון דער געזעלשאַפטליכער באַלאַבאַטישקייט פיהרט, ווי שטאַמלער מיינט, דערצו, אז די הערשענדע יורידישע נאָרם זאָל ווערען צו ענג פאַר יענעם צווייג. דאָס רופט אַרויס א „קלאַסען־קאַמף“ מיט דעם ציעל איבערצובייטען די ענג געוואָרענע נאָרם.

עס איז דעריבער קלאָר, אז צווישען דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דער געזעלשאַפט און דעם „קלאַסען־קאַמף“ עקזיסטירט א ק ו י ז א ל ע וועקסעל־ווירקונג, כמעט אזא, ווי דאָס האָט גע־לערנט קאַרל מאַרקס. אויך מאַרקס האָט געגלויבט, ווי יעדען איינעם איז בעקאַנט, אז דער עקאָנאָמישער אינהאַלט, ווען ער דער־גרייכט א געוויסע שטופע פון ענטוויקלונג, רייסט פאַנאַנדער זיין יורידישע העמדעלע דורך דעם מיטעל פון דעם קלאַסען־קאַמף.

די נפקא מיניה צווישען שטאַמלער׳ן און מאַרקס׳ען בעשטעהט אין דעם, ערשטענס, וואָס שטאַמלער ציהט פאַנאַנדער צו שטאַרק דעם בעגריף: „געזעלשאַפטליכע באַלאַבאַטישקייט“ און ממילא מוז אויך דער טערמין „קלאַסען־קאַמף“ אויסגעצויגען ווערען אזוי, אז מען קאָן איהם כמעט גאָר ניט דערקענען מעהר. א חוץ דעם זאָגט

זיך שטאַמלער אָב פון יענער אויפגאבע, וועלכע מארקס האָט אוועק־געשטעלט פאר דער וויסענשאפט: אויספאָרשען די ג ע ז ע צ ע ן, לויט וועלכע עס שפּיעלט זיך אָב די וועקסעל־ווירקונג צווישען „ווירטשאפט" און „רעכט". דעריבער לייקענט שטאַמ־לער לחלוטין אָב די מעגליכקייט, מיר זאָלען קאָנען ווען עס איז פאָר־אויס־זאָגען, ווער פון די שטרייטענדע קלאסען מוז געווינען דעם קאמף.

אויך מיר מוזען צוגעבען שטאַמלער'ן, אז אַלע אזוינע נביאות קאָנען ניט זיין אין גאנצען וויסענשאפטליך, און ממילא האלטען אויך מיר פון זיי זעהר ווענינ. אין דעם פונקט זענען מיר אקוראט אזוי אַנטי־מארקסיסטיש ווי שטאַמלער. אָבער שטאַמלער פאַלט פאָרט אריין אין א זעהר שווערען טעות, ווען ער מיינט, אז וויל די וויסענשאפט קאָן ניט אויפבויען קיין סאָציאלע פּראָגנאָזען, איז דער סאָציאָלאָג אין גאנצען פטור פון זיין וויסענשאפטליכען חוב — אויסצופאָרשען די קויזאלע וועקסעל־ווירקונגען, וואָס קומען פאָר צווישען אלע זייטען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

אמת, שטאַמלער גיט אונז אָן אַ פּאָר טעמים, פאר וואָס דער סאָציאָלאָג זאָל זיך אָבזאָגען פון אזא'ן אויפגאבע. דאָס געזעל־שאפטליכע לעבען, זאָגט ער, איז צו שטאַרק צונויפגעפּלאָנטערט, און דערצו ליגען אויף דעם גרונד פון יעדער סאָציאלער ערשיי־נונג ריין פּסיכישע עלעמענטען, מיט וועלכע קיין חשבון קאָן ניט פארטיג ווערען.

אָבער ביידע תירוצים זענען אין תוך אריין שוואך.

די פערוויקעלטקייט און צונויפגעפּלאָנטערטקייט פון די גע־זעלשאפטליכע ערשיינונגען, ווי אויך אַלע אנדערע „אָביעקטיווע שוועריגקייטען" פון דער געזעלשאפטליכער וויסענשאפט, וועלכע ספּענ.ער האָט, צ. ב. ש., אויסגערעכענט אין זיין „שטודיום פון דער סאָציאָלאָגיע", קאָנען ניט זיין קיין אבסאָלוטער שטער פאר דער וויסענשאפט, אריינצודרינגען אין די טיעפסטע טיפעניסען פון יענע קויזאלע שיכות'ען, וואָס הערשען צווישען די איינצעלנע זייטען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

זאָל די וויסענשאפטליכע ארבייט פון די סאָציאָלאָגישע פאָר־שער זיין ראציאָנעל אָרגאניזירט; זאָל אין די מיטארבייטער־

שאַפט פון פערשיידענע דענקער אויף איין־און דעם זעלביגען פאָרשונגס־פעלד אריינגעבראַכט ווערן אַ גוט דורכגעטראַכטער פּלאַן, און די מענשהייט וועט גאַנץ געוויס, אין אַ משך פון יאָהרען אָדער אפשר אויך דורות, פּארטיג ווערן מיט דער דאָזיגער, ריין ט ע כ נ י ש ע ר מניעה, מיט אַ שוועריגקייט, וואָס האָט אַ ריין קוואַנטיטאַטיווען כאַראַקטער.

פאַר דעם אָביעקטיווען קויזאַלען אויספאָרשען די געזעלשאַפטליכע ערשיינונג קאָן אויך ניט זיין קיין גרויסער שטער, וואָס אויף זייער גרונד ליעגט אַלע מאָל אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט. אדרבה, אונז דוכט, אַז דוקא דער פּסיכאָלאָגישער כאַראַקטער פון אַלע סאָציאָלאָגישע ערשיינונגען פערשאַפט דער סאָציאָלאָגיע אַזאַ פילאָסאָפישע מעלה, וואָס קיין נאַטור־וויסענשאַפט קאָן ניט האָבען. אַ דאַנק דעם פּסיכישען כאַראַקטער פון אַלץ, וואָס איז סאָציאַל, קאָן מען צו דעם ת ו ך פון אַלע סאָציאַלע ערשיינונגען אַ סך גרינגער צוקומען, איידער צו דעם תוך פון די וועלט־ערשיינונגען.

מיט יעדען פּסיכישען אַקט, צו וועלכען עס קאָן אין דער לעצטער שורה צוריקגעפיהרט ווערן די אָדער יענע סאָציאַלע ערשיינונג, קאָנען מיר דירעקט און זעהר נאָהענט בעקאַנט ווערן פון אונזער אייגענעם פּסיכישען לעבען. עס זענען דאָ אַ סך טעמים, פאַר וואָס מיר קאָנען אָננעהמען, אַז די גרונד־עלעמענטען פון דעם נשמה־לעבען זענען ביי אַלע מענשען די זעלביגע, ווי אויך די פּראָטאָפּלאַזמע איז דיזעלביגע, פון וואַנען עס איז אויסגעוואַקסען אַלץ, וואָס לעבט.

די סברה ווערט נאָך פיעל מעהר פערשטאַרקט, ווען מען דערמאָנט זיך אָן די זעהר אינטערעסאַנטע רעזולטאַטען, צו וועלכע מען איז געקומען, אַ דאַנק די עקספּערימענטען מיט דעם היפּנאָטיזם: יענע עקספּערימענטען האָבען שוין ניט איין מאָל און בלי שום ספק דערוויזען, אַז דעם מענשען׳ס נשמה קאָן, לויט דעם ווילען פון דעם היפּנאָטיזיאָר, אַרויסרופען אין זיך אַלע מעגליכע געפילען, פאָרשטעלונגען און ווילענס־אַקטען, און דורכרייסען אַלע גרעניצען, — קלאַסען, ראַסען — נאַציאָנאַלע און אפילו געשלעכטליכע גרעניצען, — וואָס טיילען פונאַנדער, ווי דאַמבעס, די איין־איינציגע מענש־

ליבע נשמה אין פרעמדע און פיינדליכע קליינע טייבעלעך און לעי־
קען און לאָזען זיי ניט צונויפגיסען זיך אין איין ים.

ליידער איז אָט די „נשמה־האַרמאָניע“ דערוויילע פאַר דאָס
רוב מענשען מעגליך נאָר אין דעם אונבעוואוסטען פסיכישען לע־
בען, וואָס ווערט אויפגערודערט אויף א קינסטליכען אופן פון דעם
היפּנאָטיזיאָר. אָבער אויך אין דעם בעוואוסטען לעבען זיינען די
באַריערען, וואָס טיילען פאַנאַנדער די מענשליכע נשמות ניט אַזוי
שטאַרק, אַז מען זאָל ניט קאָנען אַריינדרינגען אין דעם אַנדערן׳ס
פסיכיק, אויב מען האָט נאָר דעם הייסען וואונש באמת צונויפצו־
גיסען זיך מיט זיין נשמה.

אויף אזא׳ן אופן קאָן מען זיך אַראָבלאָזען ביז צו דעם פער־
באָרגענסטען, טיעפסטען גרונד פון אלע סאָציאלע ערשיינונגען, ביז
צו יענע פסיכישע און פסיכאָפיזישע עלעמענטען, וואָס פון זיי האָ־
בען ארויסגעשפּראָצט אלע מעשים פון די אינדיווידוען און די
גרופּען.

עפּעס אַזוינס איז בשום אופן אונמעגליך פאַר אונז בנוגע צו
די נ א ט ו ר ־ ערשיינונגען, וועמעס תוך עס וועט דעריבער מי־
זען בלייבען פערדעקט פאַר אונז אפשר אויף אייביג.

16.

די צרה פון דער סאָציאָלאָגיע ליעגט ניט אין די אָביעקטיווע,
נאָר אין די סוביעקטיווע שוועריגקייטען: אין יענער ניט בעוואוס־
טער און ניט־געוואָלטער סוביעקטיווער בעפאַרבונג פון די ערשיינונ־
גען, וואָס שפּרינגט אַלע מאָל ארויס, ווי נאָר מיר נעהמען אויספאָר־
שען ניט דאָס, וואָס א י ז, אָדער וואָס עס ז אָ ל זיין, לויט
אונזער שכל און יושר, נאָר דאָס וואָס ו ו ע ט זיין, לויט דעם
„אייזערנעם גאַנג פון די פּאַסירונגען“. אַזאַ׳ן אַרט פאָרשען, מיט
וועלכען עס האָבען זיך ביז אהער אָבגעגעבען כמעט אַלע סאָציאָלאָ־
גען, איז אין תוך אַריין ניט מעהר ווי אַ פערמאַסקירטע חקירה וועגען
דעם, וואָס עס ד אַ ר ף זיין, לויט דעם פאָרשער׳ס מיינונג.

„איך וואָלט געוואָלט, אז א׳ן דער צוקונפט זאָל זיין אַזוי און
אַזוי“ — ווערט ביי דעם פאָרשער אומבעוואוסט פערוואַנדעלט אין
דער פאָרמעל „אַזוי און אַזוי וועט דאָס זיין“ און אומגערן זוכט ער

אין דער פערגאנגענהייט און געגענוואַרט יענע עלעמענטען און קרעפטען, וואָס, ווען זיי וואָלטען געווירקט איינע אליין און געווירקט, אזוי, ווי דאָס שטעלט זיך פאָר דער פאָרשער, וואָלטען זיי געמוזט מיט אן אונ־איינהאלטבארער ענערגיע, מיט א שיקזאל־שווערער פאטאליטעט, פיהרען ניט אנדערש ווי צו דער פערווירקליכונג פון זיינע וואונשען און האָפנונגען.

אָבער דאָס, וואָס מען זוכט מיט אזא ליידענשאפט, מוז מען סוף־כל־סוף געפינען. און אויף אזא׳ן אופן ווערט די ווירקליכקייט צוגעשניטען און צוגעפאסט אזוי, אז פון איהר זאָל בלי יפונה ארויספליעסען יענער „אונבעזיעגבארער גאנג פון די פאסירונגען“, וואָס איז אזוי נויטיג פאר דעם פאָרשער.

עס איז ניט דאָ דער אָרט אויסצוגעפינען אלע יענע מעטאָדאָלאָגישע מיטלען, וואָס מיט זייער הילף וואָלטען מיר קאָנען גובר זיין די סוביעקטיווע שוועריגקייטען. איינער פון די דאָזיגע מיטלען, — דערפאר אָבער דער וויכטיגסטער פון זיי, איז — מען זאָל זיך לכתחילה לגמרי אָבזאָגען פון וועלכע עס איז אבסאָלוטע, סאָציאָלאָגישע נביאות. אין דעם פרט איז שטאמלער דורכאויס גערעכט, ווען ער אטאקירט די נאאיווע דאָגמאטיק פון דער מאָדערנער סאָציאָלאָגיע. אָבער דערפון איז נאָך ניט געדרונגען, אז מיר דארפען, אזוי ווי ער, באנאנדערשפרייטען אונזער סקעפטיציזם אויף דאָס גאנצע פעלד פון דער סאָציאָלאָגישער אָביעקטיווער פאָרשונג. אויך שטאמלער האָט דאָך געמוזט מסכים זיין, אז דער „פאָליטיקאָ־עקאָנאָם“ זאָל האָבען א רעכט אויסצופאָרשען די פערשיידענע וועקסעל־ווירקונגען, וואָס קומען פאָר צווישען די סאָציאל־עקאָנאָמישע ערשיינונגען.

אָבער פון וואנען נעהמט שטאמלער, אז די פראגע וועגען די קויזאלע שיכות׳ען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען דארפען אינטערעסירען נאָר דעם פאָליטיקאָ־עקאָנאָם, און ניט דעם סאָציאָלאָג? אפילו, אז מען זאָל זיך אוועקשטעלען אויף זיין שטאנדפונקט, אז דעם סאָציאָלאָג׳ס אויפגאבע איז — אויסגעפינען יענעם ענד־ציעל, צו וועלכען יעדער געזעלשאפטליכער טהוער דארף שטרעבען, — אפילו יעמאָלט ווערט די קויזאלע אויספאָרשונג פון די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען ניט נאָר ניט קיין פרעמדע זאך, — אדרבה! זי ווערט דיקטירט דורך דער אויפגאבע גופא

כדי דער ענד־ציעל זאָל דערגרייכט ווערן, דאַרף מען קודם כל וויסען יענע מיטלען, דורך וועלכע מען וויל איהם דערגרייכען. דאָס הייסט, — ווי מיר האָבען דאָס שוין אין אַן אנדער אָרט דערקלערט, — אַז צווישען די מיטלען און דעם ענד־ציעל, מוז הערשען אַ געוויסע קויזאַלע שיכות. נאָר ווען מען איז מיט איהר גוט בעקאַנט, קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגען, אַז **אויב** עס וועלען אָנגעווענדעט ווערן יענע מיטלען, וועט דערפון בלי יפונה ארויסקומען דער אונז טייערער ענד־ציעל.

אַזעלכע קריטיש דורכגעריינינגטע **רעלאַטיווע** נביאות — זענען ניט נאָר מעגליך, נאָר מען קאָן אָהן זיי זיך גאָר ניט פאָרשטעלען אַן עפּענטליכע טעטיגקייט, וואָס זאָל זיין געבויט אויף וויסענשאַפטליכע יסודות. מען קאָן ניט ארויסברייינגען די טעלעאָלאָגישע שיכות צווישען ציעל און מיטעל, איידער מען פונדעוועט ניט איין די קויזאַלע שייכות צווישען דער **אורזאַך**, וואָס איהר ראָלע דאַרפען שפּיעלען די מיטלען, און דער **ווירקונג** אין אונזער פאַל, דער ענד־ציעל, וואָס דאַרף ארויסוואַקסען ווי אַ פועל־יוצא פון די מיטלען.

אויסגעפינען די קויזאַל־נויטווענדיגע שיכות'ן, וואָס הערשען צווישען די ציעלען און די מיטלען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט — אין דערינען, דוכט מיר, ליעגט איינע פון די וויכטיקסטע, מעגליכע און נויטווענדיגסטע אויפגאַבען פון דער וויסענשאַפטליכער סאָציאָלאָגיע.

ווי דער לעזער געדענקט נאָך מסתמא, איז די קריטיק פון קויזאַליטעט אין דער סאָציאָלאָגיע ארויסגעוואַקסען ביי שטאַמלער'ן פון זיין „אָביעקטיוויזם“. דעם אָביעקטיוויזם האָט ער געהאָפט אָבצורעטען מיט דעם, וואָס ער האָט די „אַ־פּריאָרישע“ קאַטעגאָריע פון קויזאַליטעט פערביטען אויף אַן אַנדער „אַ־פּריאָרישער“ קאַטעגאָריע: די צוועקמעסיגקייט.

אָבער דורכדעם גופא איז זיין סאָציאַל־

פ י ל א ס א פ י ע פערוואנדעלט געווארען אין א מ א ר א ל - פ י ל א ס א פ י ע. אנשטאט סאציאלאגיע גיט ער אונז סאציאלע עטיק, און זיין גאנצער פארשען האט אין תוך ארײן נאר איין איינציגען ציעל און זין, ווי אזוי אויסצוגעפינען אזא קריטע־ריום, וואס מיט איהם זאלען מיר קאנען ארויסגעפינען די אביעקטיוו־ע ט י ש ע האנדלונגען אין דער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט.

לײדער בלײבט דער אביעקטיוויזם שטאמלער'ס אונפרוכטבאר אפילו אויף דעם פעלד פון דער סאציאלער עטיק.

דער עטישער אביעקטיוויזם, פאר וועלכען ער שטעלט זיך איין, יענער אידעאל פון „פריי וועלענדע מענשען", אדער פון מענשען מיט א פרייען ווילען, אין וועלכען ער האט דערבליקט דעם ענד־ציעל פון יעדער סאציאל־עטישער טעטיגקייט, איז לײדער צו־ארים אין אינ־האלט, — ווי מאראליש שעהן ער זאל ניט זיין, — ער זאל אונז קא־נען אנווייזען א וועלכע עס איז בעשטימטע ריכטונג פאר אונזער גע־זעלשאפטליכער טעטיגקייט.

די „פריי וועלענדע מענשען", דאס זענען אלע יענע, וואס בעת זייער טעטיגקייט, האבען זיי אין זין ניט די אייגענע סוביעקטיווע אינדיווידועלע ציעלען, נאר אזעלכע ציעלען, וואס זענען אביעקטיוו נויטיג פאר דער גאנצער געזעלשאפט.

אבער — וואס איז נויטיג פאר דער גאנצער געזעלשאפט? ווי קאן מען זיך דא ארויסדרעהען פון דער נויטווענדיגקייט קריטיש איבערצוקוקען אלע געזעלשאפטליכע הצטרכות'ן? וואו זאלען מיר נעהמען א מאס אויף צו בעשטימען די „מאטעריע" פון דעם געזעל־שאפטליכען אידעאל, וואס זאל ווערן א חוב פאר אלע מענשען?

עס איז קלאר, אז שטאמלער'ס פארמעל, וועלכע ער אליין אידענ־טיפיצירט מיט דער אלטער, אייביגער מאראל: „ואהבת לרעך כמוך", האט ניט די קראפט ארויסצופיהרען אונז פון דער פערלעגענ־הייט, קאן אונז ניט געבען דעם צוגעזאגטען „אביעקטיוו־וויסענ־שאפטליכען־קריטעריום". ווי יעדע פ א ר מ א ל ע ל ע ה ר ע, איז זי אין איין פרט גלייך צו די געזעצען פון דער פארמאלער לאגיק און דער פארמאלער ערקענטניס־טעאריע: זי ווייזט אונז אן אויף געוויסע ג ר ע נ י צ ע ן, וואס טארען ניט אריבערגעטראגען ווערן. אבער אינווענדיג, אין די גערוימע גרעניצען פון דער „אביעקטיווער גע־

זעלשאַפטליכער טעטיגקייט", וואָס לאָזט צו אַזוי פיעל פערשיידענע ציעלען און וועגען, לאָזט זי אונז אליין און איז ניט ביכולת אפילו אויף וויפיעל עס איז לייכטער צו מאַכען אונזער פיין, אויף וויפיעל עס איז נעהנטער צו מאַכען דעם ענטפער אויף דער אייביגער שאלה: „וואָס טהאָן? און פאַרוואָס?"

וואָלט שטאַמלער ניט פערבלענדט געוואָרען פון זיין אבסטראַקט־פאָרמאַלען טעלעאָלאָגיזם, און וואָלט ער ריכטיגער אָבגעשעצט די ראָליע פון קויזאַליטעט אין דער וויסענשאַפטליכער סאָציאָלאָגיע, וואָלט ער יעמאָלט געמוזט אַ היבש ביסעל אנדערש אוועקשטעלען די פראַגע אין דעם גאַנצען גאַנג פון זיין אונטערזוכונג.

איין מאָל אַרויסגעשטעלט דעם א י ד ע אַ ל זיינעם, — דעם, לאָז זיין, סוביעקטיווען שטאַמלער'שען אידעאַל: אַ געזעלשאַפט פון מענשען, וועמעס ווילען עס איז פריי פון אייגענע פניות און וואָס ווענדט זיך פון זיך אליין צו די פראַגען פון טובת הכלל, — וואָלט ער געקאָנט דערקלערען דעם אידעאַל פאַר דאָס ענד־ציעל פון אונזער געזעלשאַפטליכען שטרעבען, און ערשט יעמאָלט אַ נעהם טהאָן זיך, ווי דער סדר איז, פאַר די וויכטיגע ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט ל י כ ע פראַגען, וואָס זענען פערבונדען מיט זיין אידעאַל: ו ו ע ל כ ע יורידישע נאָרמען און ו ו ע ל כ ע אַלגעמיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ערשיינונגען דאַרפען אַריינגעפיהרט ווערן אין לעבען, זיי זאָלען קאָנען שפיעלען די ראָלע פון אורזאַכען, וואָס פון זייער ווירקען זאָלען שוין ממילא אַרויסוואַקסען די געפיהלען פון סאָציאַלער ליעבע און פון אינטער־הומאַנער סאָלידאַריטעט ביי יעדעם מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט? ווי דאַרף מען אָרגאַניזירען די געזעלשאַפטליכע מיטאַרבייטערשאַפט, אַז אויף איהר באָדען זאָלען ממילא קאָנען אויפבליהען מענשען, וואָס שטעלען זיך אַזאַ'ן ערהאַבענעם אידעאַל, — „מענשען מיט אַ פרייען ווילען"?

און אויב עס וואָלט זיך שטאַמלער'ן באמת איינגעגעבען וויסענשאַפטליך איינצופונרעווען די אָביעקטיווע קויזאַלע שיכות'ן, וואָס הערשען צווישען זיין אידעאַל און די מיטלען, וועלכע ער שלאָגט פאָר, וואָלט יעמאָלט די וויסענשאַפטליכע סאָציאָלאָגיע געווים רייכער געוואָרען מיט אַ סך אונצווייפעלבאַרע אָביעקטיווע אמת'ען. עס פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע אמת'ען וואָלטען ניט געקאָנט געבען קיין

אָביעקטיווען קריטעריום פאַר דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, וואָס זאָל זיין א חוב פאַר יעדען איינעם.

די מענשען, וועמען דער שטאַמלער'שער ענד־ציעל איז גאַר אין גאַנצען ניט סימפּאַטיש, וועלען זעהען ניט צו דערלאָזען, אז זיינע מיטלען זאָלען אריינטרעטען אין לעבען, ווען זיי וואָלטען פריהער גאָרנישט ניט געהאַט אנטגעגען אזעלכע ענדערונגען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. די מענשען, וועמען דער שטאַמלער'שער ענד־ציעל איז זעהר סימפּאַטיש, אָבער וועמען עס געפעלען ניט די מיטלען, וואָס זענען נויטיג, כדי צו דערגרייכען איהם, וועלען אָדער זיך מוזען אויס־איינען מיט די דאָזיגע זעהר ניט־אנגענעהמע מיטלען, אָדער זיך אין גאַנצען אָבזאָגען פון דעם ענד־ציעל.

דערפאַר וואָלטען די מענשען, וואָס זיי איז דער ענד־ציעל טייערער איידער אַלץ, וועלכע ווערן ניט דערשראָקען פאַר קיינע מיטלען, שוין געוואוסט, וואָס זיי דאַרפען טהאָן: ז י י וואָלטען בעקומען פון דער וויסענשאַפט יענעם אַריאַדנאַ־פאָדים, וואָס נאָר ער קאָן אונז פערהיטען פון טעות'ען און גרייזען.

קאַרל מאַרקס האָט פּרינציפּיעל ניט געוואָלט וויסען פון א וועלכער עס איז טעלעאָלאָגישער בעהאַנדלונג פון סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען. פון דעסטוועגען ק אָ ן מען ביי איהם געפינען אַן ענד־ציעל, וואָס נעהמט אין זיך אריין, ווי איינע פון זיינע מאָדיפיקאַציעס, אויך שטאַמלער'ס אידעאַל; מען קאָן ביי איהם אויך געפינען אַ קלאָרען אָנווייז אויך אויף יענע מיטלען, וואָס דאַרפען אָנגעווענדט ווערן, כדי דעם ענד־ציעל צו דערגרייכען. מען קאָן ביי מאַרקס'ען געפינען אַן ענטפער אויף יענע שאלות, וואָס מיר האָבען אויבען פאָרמולירט, און וועגען וועלכע שטאַמלער קאָן מאַכען א שוויינג, א דאַנק זיין טעלעאָלאָגישען פאָרמאַליזם.

17

פון דעם גאַנצען אַנאַליז, וואָס מיר האָבען אָנגעווענדעט אויף שטאַמלער'ס ווערק, קומט ארויס, אַז אין איהם איז איינענטליך ניטאָ קיין איין גרונד־זאַץ, וואָס זאָל ניט ארויסרופען ערנסטע טענות צענטנענען זיך.

אָבער זעהר פיעל אין זיין ארבייט פערדיענט די טיעפסטע אויפ־

מערקזאַמקייט. זיין קריטיק פון דעם מאַרקסיזם און בפרט פון די מאַרקסיסטען, וואָס מיר האָבען אין גאַנצען ארויסגעלאָזען, זענען אמת ניט אַלע ניי, אָבער דאָס רוב פון זיי טרעפט ריכטיג אין ציעל. זיכער האָט ער געטראָפען דעם אמת, בעת ער האָט אָנגעוויזען דערויף, אז די גרויסע איבערקעהרענישען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען וואַקסען ארוים פון יענע ענדערונגען, — קליינע און גרויסע, רעש׳יגע און שטילע, פאַרביגע און אונבעמערקליכע, — וואָס פאַסירען אין אַלע צווייגען פון דער מענשליכער טעטיגקייט: אין דער אינדוסטריע, דער ערציהונג, דער רעליגיע, די זיטען, דער וויסענשאַפט, א.אז. וו.

אויך וואָס די טעאָריע פון דעם סאָציאַלען מאָניזם רוקט ארוים אויף דעם ערשטען פלאַץ די פראַגע וועגען די געזעלשאַפטליכע פ אָ ר מ ע ן פון דער מענשליכער מיטארבייטערשאַפט, איז געוויס ניט גאָר אָהן א וויסענשאַפטליכע בעדייטונג: דאָס דאַרף צוציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען ערנסטען סאָציאָלאָג.

און די גרעסטע אַכטונג פערדיענט שטאַמלער דורך דעם, וואָס ער קעמפט אזוי ענערגיש פאַר דעם ע ט י ש ע ן עלעמענט אין דער וויסענשאַפט, פאַר דער פראַגע: „וואָס ז אָ ל זיין לויט אונזער שכל און יושר?‟ — א פראַגע, וואָס די אָביעקטיווע סאָציאָלאָגיע האָט ממאס געווען צו איהר אייגענעם שאָדען.

אָבער נעהמט מען די טעאָריע פון דעם סאָציאַלען מאָניזם, ווי א גאַנצען בנין, מוז מען איינזעהן, אז ס׳איז א גרויסער ספק, צי זי האָט א רוק געטהאָן די וויסענשאַפטליכע סאָציאָלאָגיע און די געשיכטס־פילאָסאָפיע אפילו אויף איין שריט ווייטער.

אין דער אַרטיקעל־סעריע: „די געשיכטס־פילאָסאָפיע און דער ענד־ציעל‟ האָבען מיר געהאַט צו טהאָן מיט דעם פרוב, וואָס דער מ אַ ר ק ס י ז ם האָט געמאַכט, — אויסצוגעפינען א ריין אָביעקטיווען קריטעריום פאַר דער בעשטימונג פון דעם ענד־ציעל.

אין דער איצטיגער אַרטיקעל־סעריע זענען מיר בעקאַנט געוואָרען מיט א צווייטען פרוב פון דעם זעלבינען מין: שוין אויף דעם פעלד פון דער מאָראַל־פילאָסאָפיע.

אויך דער פרוב האָט זיך ניט איינגעגעבען.

קאָן מען אפשר דעם „ענד־ציעל‟ איבערהויפט ניט בעשטימען אָביעקטיוו?

דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק

דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק *)

די יסודות פון דעם אזוי אָנגערופענעם „וויסענשאפטליכען“ סאָציאַליזם, וואָס הערשט נאָך עד היום איבער דאָס רוב מוחות פון דער אַל־וועלטליכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ליעגען אין די טעאָריעס פון קארל־מארקס און פרידריך ענגעלס, דער עיקר אין זייער געשיכטס־פילאָסאָפיע. לכתחילה האָבען א סך געמיינט, אז אַלע טיילען פון דער מארקסיסטישער טעאָריע זענען אויסגעשמידט פון רייגעם, „וויסענשאפטליכען“ אייזען און קיין ברעקעל מעטאַפיזישע פסולת איז אין זיי ניטאָ. שפּעטער האָט א גרויסע צאָהל אפילו פון די אָרטאָהאָקסיש־גלויבינגע מארקסיסטען, ווי צ. ב., דער רוסישער דענקער פליעכאנאָוו, איינגעזעהן, אז דער „וויסענשאפטליכער“ בנין פון דעם מארקסיזם איז אויפגעבויט אויף א פ י ל אָ ס אָ פ י ש ע ן פונדאמענט. ממילא האלט זיך דער גאנצער שטאָלצער בוי אויף דער פעסטקייט פון זיינע רייַן־פילאָסאָפישע געדאנקען.

פאר די קריטיקער פון דעם מארקסיזם איז דאָס קיין נייס ניט געווען. זיי האָבען שוין לאנג דערבליקט, אז דאָ האָבען מיר צו טאָן ניט מיט אַ וויסענשאפטליך־איינגעפונדעוועטער פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע, נאָר מיט א זעהר אינטערעסאנטען קאַפּיטעל אוים דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע. דער קאַפּיטעל איז אויסטערליש אינטערעסאנט דורך דעם, וואָס מארקס'ן און ענגעלס'ן האָט זיך פארוועלט איינצופלאנצען אין דעם באָדען פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע אזא ריין מעטאַפיזישע געוועקס, ווי העגעלס

---

*) געדרוקט פריהער אין דויטש, דערנאָך אין רוסיש (אין דעם זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“ און שפּעטער אין אַ בעזונדער ביכעל אין דעם פערלאַג פון די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען) דערנאָך אין אידיש אין „דאָס נייע לעבען“, לעצטען יאָהרגאַנג.

דיאַלעקטיק, וואָס גיט אונז אַ גאַנץ נייע לאָגיק, אַ נייע ענטוויקלונגס־טעאָריע און אַ נייע מעטאָדען־לעהרע.

די שאלה איז אָבער קודם־כל: קאָן העגעל׳ס דיאַלעקטיק אריבערגעפלאנצט ווערן אין אַ מאטעריאַליסטישער וועלט־אנשויאונג? קאָן זי ציהען איהר חיונא פון אַ מאטעראַליסטישען באָדען? איז אפשר יענער באָדען אָנגעזאָפּט מיט אזעלכע זעפטען, וואָס זענען אַ סם־המות פאַר דער דיאַלעקטיק און מוזען סוף־כל־סוף פיהרען צו איהר טויט?

איך וויים גאַנץ גוט, אז דער ענטפער אויף דער שאלה וועט אונז גאָר נישט ניט, אָדער זעהר ווייניג, דערצעהלען מכח דעם ווערטה פון דעם מאטעריאַליזם פאַר זיך און וועגען דער לעבענסקראַפט פון דער דיאַלעקטיק, ווען מען זאָל זי לאָזען אומבערירט אין איהר פריהערדיגער היים, אָדער אריבערפלאנצען זי אין אַן אנדער פילאָסאָפישען בלומען־גאָרטען (קיין פרוכט־בוים איז דאָס סיי ווי סיי ניט!) פון דעם זעלבינגען מעטאַפיזישען קלימאַט. מיר דוכט צ. ב., אז אויף דעם באָדען פון בערגסאָן׳ס פילאָסאָפיע, וואָס ליעגט אין די זעלבינע פילאָסאָפישע ברייט־גראַדען, ווי העגעל׳ס מעטאַפיזיק, האָט די דיאַלעקטיק זעהר פיעל שאַנסען זיך גאָר פיין פאַנאַנדערצובליהען. און נאָך מעהר: איך מאַך אפשר קיין טעות ניט, ווען איך זאָג, אז די בערגסאָנישע פילאָסאָפיע מוז אין איהר לאָגישען טייל קומען פון זיך אליין צו רעזולטאַטען, וואָס שטימען אין אַ סך פונקטען צונויף מיט העגעל׳ס דיאַלעקטישען דענקען.

אָבער אונזער היינטיגע אונטערזוכונג האָט ניט קיין ריין פילאָסאָפישע ציעלען אין זין. אַ מעהר פראַקטישע פראַגע שטעהט דאָ אין קאָן: די פראַגע וועגען דער טעאָרעטישער פעסטקייט פון דעם גאַנצען מאַרקסיסטישען סיסטעם. לאָזען זיך מאטעריאַליזם און העגעלשע דיאַלעקטיק צונויפּ־פּאָרען אין איינעם? איז די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג, וואָס מאַרקס האָט בעשאַפען אין זיין פילאָסאָפיע אזא, וואָס קאָן האָבען אַ וועלכע עם איז ממשות?

אַ טייל פון דער דאָזיגער פראַגע ווילען מיר איצטער פערענטפערן. מיר שטעלען זיך אָב אויף דעם לאָגישען צווייג פון דער דיאַלעקטיק, אויף דער אזוי אָנגערופענער „ווידערשפּרוכס־

לאגיק", און ווילען בעווייזען, אז זי און די גרונד־געדאנקען פון דעם מאטעריאליזם זענען עלעמענטען, וואס קאנען בשום אופן ניט הוי־זען אין איין איינציגען פילאסאפישען סיסטעם.*) (1913).

.1

דיאלעקטיק און לאגיק

אויב די דיאלעקטיק, ווי א געוויסע טעאריע פון דער אלוועלט־ליכער ענטוויקלונג, האט נאך וואס עס איז בשותפות מט אונזערע מאדערנע אנשויאונגען, געהט זי אין איהר לאגיק זיך אין גאנצען פאנאנדער מיט אלע טעאריען און היפאטעזען פון דער איצטיגער וויסענשאפט. און ניט נאר דאס. איהר הויפט־ציעל איז אנצו־גרייפען יענע פונדאמענטען פון דער לאגישער וויסענשאפט, וואס זענען אויסגעארבייט געווארען נאך פון אריסטאטעל'ן און האבען פון יענער צייט אן ניט אויפגעהערט פאר'אמת'ט צו ווערען אין אלע טעארעטישע און פראקטישע וויסענשאפטען, אזוי גוט ווי אויף דעם פעלד פון דעם טאג־טעגליכען דענקען.

מיר מיינען דא די דריי אויבערשטע כללים פון דעם דענקען: *דעם געזעץ פון אידענטיטעט*, וואס זאגט אונז, אז יעדע זאך איז גלייך צו זיך אליין, *דעם געזעץ פון ווידערשפרוך*, לויט וועלכען קיין זאך קאן ניט טראגען אין זיך דעם אייגענעם היפך, און *דעם געזעץ פון דעם אויסגעשלאסענעם דריטען*, וואס פער־וועהרט אונז צו דענקען, אז איין־און־דיזעלביגע זאך זאל אין דער־זעלביגער צייט זיך קאנען געפינען אין צוויי צושטענדען, וואס שלי־סען איינער דעם אנדערן אויס, אז זי זאל קאנען עקזיסטירען און ניט עקזיסטירען אין דער זעלביגער צייט.

די דריי לאגיש ענג צונויפגעבונדענע געזעצע האבען אין דער וויסענשאפטליכער פארשונג, אמת, זעהר א קליינעם מעטאדאלאגי־

---

*) וועגען העגעל'ס דיאלעקטישער פילאסאפיע זעה אונזער „די פי־לאסאפיע", בד. 2, ז. 128 ביז 146, דער עיקר ז. 133 ביז 135. וועגען מארקס' דיאלעקטישען מאטעריאליזם, ד. ג. ז. 136 ביז 175.

שען ווערטה. אָבער זיי זענען בשום אופן ניט איבעריג אין איהר. זייער פערדינסט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי גיבען אונז אָן, — ווי מיר האָבען דאָס שוין אין אן אנדער אָרט בעמערקט, — יענע גרעניצען, וועלכע קיין ריכטיגער דענקער טאָר ניט אריבערטרעטען, ווייל פון יענער זייט גרעניץ הערט בכלל אויף די מעגליכקייט פון א ריכטיגען דענקען.

אָבער די דיאלעקטישע דענק־מעטאָדע, דאָרטען, וואו זי בלייבט טריי זיך אליין, מוז מוטיג אָבלייקענען דעם „זאץ פון ווידערשפרוך" און ממילא אויך די צוויי אנדערע העכסטע כללים פון דער לאָגיק. און אָט די „כפירה בעיקר" געפינען מיר ניט נאָר ביי פיכטע, שעללינג און העגעל, וואו זי פאסט אזוי גוט צו דעם גאנצען פּרצוף פון זייער פילאָסאָפיע, נאָר אויך ביי מארקס און ענגעלס.*) אויך די צוויי לעצטע דיאלעקטיקער האָבען זיך ניט געשעהמט אָפען צו דערקלערען, אז יעדע זאך עקזיסטירט יע און עקזיסטירט ניט אין איין און דערזעלבינער צייט.**)

א דאנק דעם, וואָס די דיאלעקטיק האָט עובר געווען אויף דעם גרעסטען „לאו" פון דער לאָגישער וויסענשאפט, זענען אויף איהר אָנגעפאלען כמעט אלע דענקער פון אלע ניט־דיאלעקטישע ריכטונגען, וואָס האָבען זיך נאָר אָבגעגעבען מיט העגעל׳ס פילאָסאָפיע. ווען מיר דערמאָנען זיך אויף די נעמען פון שאָפּענהויער, לאנגע, טרענדעלענבורג, אול׳ריצי, עקסנער, עדואַרד פאָן הארטמאַן, דיוהרינג און נאָך, ווערט אונז קלאָר, ווי איינשטימיג עס איז דער פּראָטעסט, וועלכען די גאנצע פילאָסאָפיע (א חוץ דער ספעקולאטיווער ריכטונג) האָט ארויסגעטראָגען אַנטקעגען דער דיאלעקטישער לאָגיק.

דער איינענער אומשטאנד האָט געמוזט פיהרען דערצו, אז צווישען די געגנער און די אָנהענגער פון דער דיאלעקטיק זאָלען אזוי צו זאָגען איבערגעריסען ווערען אלע פילאָסאָפישע מחזקות. ווי באלד די דיאלעקטיקער דערקלערען מיט א גאנץ ערנסטער מינע, אז „אלץ עקזיסטירט יע און עקזיסטירט ניט", בלייבט פאַר די

---

*) וועגען פיכטע זעה: „די פילאָסאָפיע", בד. 2, ז. 105 ביז 116. וועגען שעללינג: ד. ג. 121 ביז 128.

**) זעה ענגעלס פּאָלעמיק אַנטקעגען דיוהרינג׳ן, ז. 5: „אלעס איסט אונד איסט אויך ניכט".

אַנטי־דיאַלעקטיקער, באמת, קיין אַנדער זאַך ניט, סיידען אַ מאָר־טהאָן אויף די געגנער מיט'ן האנה, ווי אויף איינגעקשן'טע מאָ־ניאַקען, און גאָר ניט נתפעל ווערען, וואָס צו די דאָזיגע „מאַניאַ־קען" האָט אַ לאַנגע צייט בעלאַנגט כמעט דאָס גאַנצע פּראָגרע־סיוו־דענקענדע דייטשלאַנד.

וועניגסטענס, קאָן מען אַזוי גלויבען אויפ'ן ערשטען בליק און מען הערט נאָך פּערשטאַרקט אין דעם גלויבען, ווען מען הערט זיך צו צו די ביטערע קלאָגען, וואָס עדוארד פאָן האַרטמאַן גיסט אוים אויף די דיאַלעקטיקער אין זיין, אגב, זעהר גוטען בוך: „די דיאַלעקטישע מעטאָדע".

„דער אַלגעמיינער הסכם מכח דער אויבערהערשאַפט פון דעם וויעדערשפּרוך־כלל", זאָגט האַרטמאַן, „איז דאָס איז דער מינימום פון אַ שותפות'שען באָדען, אָהן וועלכען קיין וכוח איז ניט דענק־באַר. אָבער דער דיאַלעקטיקער לאָכט זיך דערפון אוים, ווי פון אַן אַבערגלויבען, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויף דעם באָדען פון דער פאָרמאַלער לאָגיק. עס איז דעריבער ניטאָ קיין ברעקעל מעגליכקייט צו דיסקוטירען מיט איהם. דער דיאַלעקטיקער שרעקט זיך ניט אפילו פאַר אַן אבסאָלוטער אונמעגליכקייט: זאָגט דאָך העגעל, אַז אַלץ איז אונמעגליך. („אַלעס איסט איין אונמעגליכעס", באַנד 4 ז. 203) און אויב איהר שטעלט פאַר איהם אוועק אַן אַבסאָלוטע אַלטערנאַטיווע, שפּרינגט דער דיאַלעקטיקער אַריבער אייער נעץ מיט דעם בעמערק, אַז דער אמת קאָן ניט זיין איינגעשלאָסען נאָר אין איין אורטייל, אַז די דיאַלעקטיק האַלט ניט פון דער פאָרמעל „ענטוועדער־אָדער", ווייל אויך דער געזעץ פון דעם אויסגעשלאָסע־נעם דריטען איז פאַר איהר אַ שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפענער באַ־לאַסט."

דערפון קומט אַרוים, אַז „אַן עכטען דיאַלעקטיקער קאָן מען מיט זיין אייגענער הסכמה בשום אופן ניט צופיהרען צו אַן אַבסורד. מחמת דאָרטען, וואו פאַר אַלע מענשען הויבט זיך אָן דער אַבסורד, — נאָמענטליך, מיט דעם פעלד פון ווידערשפּרעכונגען, — הויבט זיך פאַר דעם דיאַלעקטיקער ערשט אָן דאָס פעלד פון חכמה. עס פרעגט זיך אָבער: איז דאָ אַ וואָסער עס איז אַנדער מיטעל, צו בעווייזען די פאַלשקייט פון אַ וועלכער עס איז בעהויפּטונג, אַ

חוץ ווען מיר פיהרען זי צו צו אַן אבסורד, ווען מיר ציהען פון איהר אַזעלכע שלוסען, אָדער שטעלען זי אַרוים אויף אַזאַ אַרט, אַז איהר רעזולטאַט מוז על פי הכרח זיין אַ ווידער־אַנאַנד? נאָר דער דיאַלעקטיקער מאַכט אַן אויסנאַהם פון דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם כלל. פאַר איהם בעשטעהט, אדרבה, דער פרוב־שטיין פון פאַלש אין דעם, וואָס עס איז נ י ט אָ קיין ווידערשפּרוך, און דער אַלגעמיינער פאָרמאַלער קריטעריום פון אמת ליעגט פאַר איהם אין דער איינהייט פון דעם ווידערשפּרוך מיט דער אידענטיטעט, אין דער אידענטיטעט פון ווידעראַנאַנדיגע הנחות און בעגריפען. מיר ווילען דערמיט לחלוטין ניט זאָגען, אַז יעדער ווידעראַנאַנד, און ממילא יעדער שטות און ווידערזין ווערט פון דעם דיאַלעקטיקער דערקלערט פאַר אַן אמת. אָבער איין זאַך איז פון דעסטוועגען געוויס, אַז זיין קריטעריום פון דעם אמת געהט ניט ווייטער, איידער די פאָדערונג פון אַ ווידערשפּרוך. אָבער פאַנאַנדערקלייבען זיך, וועלכער ווידעראַנאַנד איז אַן אמת און וועלכער איז אַ פּידרעך, — אויף דערויף האָט ניט דער דיאַלעקטיקער קיין פאָרמאַלען קריטעריום".

מען מוז מודה זיין, אַז דער לעצטער פאָרוואורף האַרטמאַנ'ס, וועמעס בוך עס איז אַרויס אַ סך פריהער איידער ענגעלס'ס ארבייט וועגען דיוהרינג'ן, קאָן ניט האָבען קיין שיכות צו מאַרקס'ן און צו זיין דיאַלעקטישער מעטאָדען־לעהרע. מאַרקס האָט זיך אָבגעזאָגט, — על כל פנים, אין פּרינציפּ, — פון אַלע אַ־פּריאָרישע קאָנסטרוקציעס. ממילא קאָן ער אָננעהמען פאַר אַ קריטעריום די ווירקליכקייט גופא. יענער ווידער־אַנאַנד וועט פאַר איהם זיין אַן **אמת**, וואָס געפינט זיך באמת אין דער ווירקליכקייט. כדי אָנצואווענדען אַזאַ קריטעריום אין דער פאָרשונג, דאַרף מען נאָר האָבען אויגען און אויערן און פּינקטליכע מעטאָדען פון דער אינדוקציע מיט דעם איינציגען תנאי, אַז מען זאָל זיך ניט שרעקען פאַר אַ ווידער־אַנאַנד, נאָר אדרבה! — וואַרטען אויף איהם אַלע רגע.

קאָן מען מסכים זיין אפילו מיט אַזאַ אויפפאַסונג פון דער דיאַלעקטישער מעטאָדען־לעהרע? און — זענען מאַרקס און ענגעלס אַליין געבליבען איהר טריי? — דאָס זענען פראַגען, וואָס זענען שוין נוגע די דיאַלעקטישע מעטאָדאָלאָגיע, און ממילא טרעטען זיי

אַריבער די גרעניצען פון אונזער איצטיגער אַרבייט, וועלכע איז געווידמעט שפּעציעל דער דיאַלעקטישער לאָגיק. לאָמיר דעריבער אויסהערען ביז׳ן סוף האַרטמאַן׳ס קלאָגען.

„מיט דער הילף פון געוועהנליכע לאָגישע בעוויזען", טענה׳ט ער ווייטער, „קאָן מען קיין מאָל ניט פאַרטיג ווערן מיט אַ דיאַלעקטיקער". דערצו מוז מען נאָך צוגעבען דעם אומשטאַנד, וואָס זיינע בעגריפען האַלטען אין איין פליעסען. „מחמת דער צווייטער תנאַי־בלי־יפונה פון איטליכען וכוח בעשטעהט אין דעם, אַז מען זאָל זיך האַלטען פאַר דער איינמאָל אָנגענומענער דעפיניציע און ווען מען רעדט וועגען „אלף", זאָל מען שוין אויך דענקען וועגען „אלף" און ניט וועגען „בית". אָבער פאַר דעם דיאַלעקטיקער בעשטעהט די גרונד־איינענשאַפט פון דעם „אלף" צו זיין אין דערזעלבינער צייט אויך אַ „בית". און ווען איהר האָט זיך נאָר וואָס איבערצייגט, אַז איהר האָט איינגענומען דעם געגנער בנוגע צום „אלף", ערשט ער האָט זיך שוין פון אייך אוועקגעגליטשט צום „בית"... עס איז זעהר וויכטיג, אין גאַנצען קלאָר צו ווערען וועגען דעם ענין. דער ניט־דיאַלעקטיקער וויל, פערשטעהט זיך, אויך אויף דעם דיאַלעקטיקער אויספּרואווען די געוועהנליכע גאַנגען פון זיין קריטיק, און דעריבער וואונדערט ער זיך, וואָס ער מאַכט ניט אפילו קיין איין שריט פאָרווערטס, וואָס ער געפינט זיך אין אַ לאַגע פון איינעם, וואָס יאָגט זיך נאָך געשפּענסטער: אָט־אָ האָט ער, דוכט זיך, אַריינגעטריבען אַ געשפּענסט אין ווינקעל אַריין און וויל איהם שוין כאַפּען, ערשט יענער לאַכט איהם שוין אויס פון אַ צווייטער ווינקעל."*)

האַרטמאַן׳ס תרעומות אויף אַזא פערדראָסליכע און לעבערליכע סיטואַציע קאָן מען גאַנץ גוט פערשטעהן און מען מוז איהם פון גאַנצען האַרצען מוחל זיין. עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס די קריטיקער פון דער „ווידערשפּרוך־לאָגיק" האָבען זיך ניט איבעריגם פערטראַכט וועגען איהר פילאָסאָפישער בעגרינדונג. זיי האָבען זיך דער עיקר אָבגעגעבען מיט דעם פאָרמעל־לאָגישען אַנאַליז פון

*) עדוואַרד פאָן האַרטמאַן, די דיאַלעקטישע מעטאָדע, בערלין, 1869, ז. 43—44.

איינצעלנע דיאַלעקטישע זאַצען, און דער פּועל־יוצא דערפון איז געווען יענע אַנטפּלעקונג, אַז די געזעצען פון דער פאָרמאַלער לאָגיק נעהען להיפך צו דער דיאַלעקטיק, ד. ה., מיט אַנדערע ווערטער, אַז די אַנטי־לאָגישע דיאַלעקטיק איז דיאַלעקטיק און ניט לאָגיק, — אַ רעזולטאַט, וואָס האָט געקאָנט צופרידען שטעלען ביידע צדדים אין גלייכער מאָס.

עס מאָר, פערשטעהט זיך, ניט געלייקענט ווערן, אַז אַזא מין קריטיק איז זעהר ניצליך, כדי צו דיסקרעדיטירען די דיאַלעקטישע מעטאָדע פון דענקען. מען דאַרף דאָך, סוף־כל־סוף, איינזעהן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז די פּאַקטישע בעווייזען, מיט וועלכע דער דיאַלעקטיקער וויל פערשטאַרקען זיינע גרונד־בעהויפּטונגען, שיטען זיך פאַנאַנדער אין שטויב, ווי נאָר מען ווענדט אויף זיי אָן אַ ביסעל אַ טיעפערען לאָגישען אַנאַליז.

און פון דעסטוועגען, דוכט זיך, אַז ביי דער אָבשעצונג פון דער דיאַלעקטיק טאָרען מיר זיך ניט בענוגענען מיט ונרעומות און קלאָגען און מיט בעווייזען, אַז די דיאַלעקטיק האַלט ניט אויס די קריטיק פון דער פאָרמאַלער לאָגיק. לאָמיר ניט פערגעסען, אַז די דיאַלעקטישע דענק־מעטאָדע, מיט איהר כפירה אין די העכסטע געזעצען פון דער לאָגיק, איז דאָך ניט פון הימעל אַראָבגעפאַלען אין דער פילאָסאָפיע. ממילא מוז דאָך זיין אַ וועלכע עס איז אורזאַך, וואָס האָט זי אַרויסגעבראַכט.

ס׳איז אמת: ניט פיכטע, ניט שעללינג, ניט העגעל, ניט מאַרקס האָבען אונז קיין מאָל ניט בעוויזען, פאַר וואָס און ווי אַזוי זיי זענען געקומען צו דעם דיאַלעקטישען דענקען. העגעל האָט אויך שוין געהאַלטען אין דורכפיהרען דעם גערדאַנק, אַז אויף דעם באָדען פון דעם פאָרמאַל־לאָגישען דענקען (דעם „מעטאַפיזישען“, ווי העגעל האָט איהם אָנגערופען) קאָן מען בכלל ניט ברענגען קיין בעוויז פאַר דער דיאַלעקטיק. און אויך דאָס איז אמת, אַז ווען דער מיסטיקער אויגען היינריך שמיטט וויל אונז איינשמועסען, אַז העגעל האָט געפונען „דאָס גענעטישע אור־וועזען אַלעם דענקענס אין דען טיעפען דעם גייסטעס“,*) האָט אַזאַ בע־

*) אויגען היינריך שמיטט, דאָס געהיימניס דער העגעלשען דיאַלעקטיק. האַללע אַ. ס. 1888. ז. 93.

הויפּטונג אַ וועלכען עס איז זין נאָר פאַר אזעלכע אָנהענגער פון דער דיאַלעקטיק, ווי ער אַליין.

אָבער — ווי עס זאָל ניט אויסזעהן, אַז די דיאַלעקטיק איז אַ ברעקעל ניט בעגרינדעט, ווי ווייניג זי זאָל קאָנען אויסהאַלטען קריטיק פון אַ פאָרמעל־לאָגישען שטאַנדפּונקט, מוזען מיר דאָך צוגעבען, אַז עס זענען געווען גענוג טעמים, פאַר וואָס זי האָט זיך געמוזט בעווייזען אין דער פילאָסאָפיע און פאַר וואָס זי האָט גענומען הערשען איבער די בעסטע מוחות פון דייטשלאַנד אין דעם סוף דרייסיגער און דעם אָנהויב פערציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט.

שון דאָס אַליין, וואָס אזעלכע באמת קאָלאָסאַלע מוחות, ווי פיכטע, שעללינג און העגעל; אזעלכע גאַנץ געוויס גרויסע און ניכטערע דענקער, ווי דוד פריעדריך שטרויס, קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַססאַל, — נאָר אָנרופען נעמען, וואָס זענען אַלעמען בעקאַנט, — האָבען געקאָנט פערבלענדט ווערען פון אַזאַ „עורבא פרח“, — שוין דאָס אַליין, זאָגען מיר, בעווייזט גאַנץ גענוג, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן ניט מיט געדאַנקען־שוואַכקייט, ניט מיט קאַפּריזען פון אַ צולאָזענעם זשעני, נאָר מיט טיעפע און ערנסטע מחשבות פון דעם פילאָסאָפישען שאַפען, ווען אפילו די מחברים און די אָנהענגער פון דער דיאַלעקטיק האָבען אפשר אַליין ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ בעדייט יענע מחשבות האָבען געהאַט פאַר איהר גאַנצען אויפבוי.

אויפדעקען אָט די אַלע **פילאָסאָפישע גרונד־הנחות** און ווירקונגען, וואָס האָבען אין זייער טאָטאַליטעט געבראַכט צו דעם דיאַלעקטישען מעטאָד פון דענקען, — אין דעריינען דאַרף ליעגען, ווי מיר גלויבען, די אויפגאַבע פון יעדען איינעם, וואָס וויל אריינדרינגען אין די „סודות פון דער העגעל׳שער דיאַלעקטיק.“

און אַזוי ווי אַלע יענע מחשבות און פילאָסאָפישע ווירקונגען האָבען דאָך עקזיסטירט איידער עס איז געבאָרען געוואָרען די „ווידער־אַנאַנד־לאָגיק“, הייסט עס, אַז זיי זענען אויסגעוואַקסען אויף דעם פעלד פון דעם נאָרמאַלען מענשליכען דענקען, נאָר זיי אַלע אין איינעם האָבען אין **זייער סכום** געבראַכט צו

דער כפירה אין לאָגיק, איז מוז די אויפדעקונג פון יענע פילאָסאָ־פישע גרונד־הנחות געבען אונז דעם „מינימום פון בשותפות'שען באָדען", וואָס אָהן איהם קאָן דער אַנאַליז פון דער דיאַלעקטישער טעאָריע קיין מאָל ניט זיין פּרוכטבאַר.

זאָל זיך ארויסווייזען, אַז אַלע פילאָסאָפישע הנחות, וואָס זענען נויטיג, כדי צו בעגרינדען די דיאַלעקטיק (און וואָס האָבען היסטאָריש געפיהרט צו איהר) קאָנען אין דער אמת'ן בשום אופן ניט אָבגעפרעגט ווערן אין דער פילאָסאָפיע, איז יעמאָלט מוז מען, באין ברירה, אַננעהמען יענעם משונה'דיגען רעזולטאַט, וואָס שפרינגט פּלוצלונג ארוים פון זייער גאַנצען סכום.

אָבער אויב עס וועט אויסקומען, אַז, לאָז זיין, אפילו איינע פון יענע נויטווענדיגע הנחות איז ניט ריכטיג, אָדער זעהר ניט וואהרשיינליך, אָדער, — אַזוי ווי מיר האָבען צו טהאָן מיט דער מ א ט ע ר י א ל י ס ט י ש ע ר דיאַלעקטיק, — געהט גאָר להיפך צו די אַנדערע פילאָסאָפישע גרונד־געדאַנקען פון דעם מאַטעריאַ־ליזם,—יעמאָלט וועט יעדער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסט,—אויב ער האָט נאָר אַ שאָטען פון טעאָרעטישען יושר אין הארצען, — מוזען מודה זיין, אַז אין דער פעסטונג פון זיין תורה איז דורכ־געשלאָגען געוואָרען אַ ברעש.

2.

„די סודות פון דער העגעל'שער דיאַלעקטיק".

דער גרונד־געדאַנק פון מארקס'עס דיאַלעקטישע לאָגיק בע־שטעהט אין דעם, וואָס פאַר איהם האָבען די געזעצען פון דעם פאָרמאַל־לאָגישען דענקען, מיט זייער אויבערשטען פּרינציפּ אויס־צושליסען היפכים, נאָר אַ ר ע ל א ט י ו ו ע ן ווערטה. מארקס גלויבט, אַז מיר קאָנען זיך אויפהויבען אויף אַ העכערע שטופע פון מענשליכער דערקענטניס, וואָס אויף איהר זעהט מען קלאָר איין, ווי אַזוי אין אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט מוזען על פּי נויט־ווענדיגקייט ליעגען אינוועניגסטע סתירות. מיר האָבען אין אונזער שכל אַ חוץ דעם „געוועהנליכען" דענקען נאָך אַן אויסערגעוועהנלי־

בען, וואָס ווערט בעהערשט פון דורכאויס אַנדערע געזעצען, איידער דער טאָג־טעגליכער מענשליכער געדאַנק.

ווייל איינס דאַרף מען ניט פערגעסען: אויף דער דיאַלעקטי־קער לייקענט, פערשטעהט זיך, אויף קיין פאַל ניט, אַז אונזער „טאָג־טעגליכער", „פערשטענדיגער" אָדער „מעטאַפיזישער" דענ־קען איז אין גאַנצען אונטערוואָרפען אונטער דער שליטה פון דער פאָרמאַלער לאָגיק. ער מוז זיך בויגען פאַר דעם געזעץ פון ווידער־שפרוך, ווי פאַר זיין אויבער־קריטעריום. דער דיאַלעקטיקער זאָגט נאָר: אין אונזער שכל ליענט בעהאַלטען אַ דערקענטנים־פּראָצעס, וואָס איז פערדעקט מיט דעם געוועהנליכען לאָגישען דענקען. די געזעצען פון יענעם העכערען דערקענטנים־פּראָצעס האָבען זיך, שטו־פּע נאָך שטופּע, אַנטפּלעקט פאַר דעם גייסטיגען אויג פון דער דענ־קענדער מענשהייט, ביז זיי האָבען ביי העגעל'ן געפונען זייער העכ־סטע ענטוויקעלונג, ווען אפילו זיי זיינען ביי יענעם דענקער נאָך גע־ווען איינגעוויקעלט אין אַ מיסטישער פאָרם. אָבער נאָך דער קאַטאַס־טראָפע פון דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע האָט זיך מאַרקס'ען און ענגעלס'ען איינגעגעבען „אַריבערצוראַטעווען" די דאָזיגע בעוואוס־טע דיאַלעקטיק, אָבריינינגען זי פון אַלע מיסטישע פאָרמען און אַריינטראָגען זי אין די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון נאַטור און געשיכטע. *)

אַזאַ בליק אויף דעם ענין איז אויפגעבויט אויף דער פעסטער מיינונג, אַז דער בוי פון אונזער שכל שליעסט אין זיך איין **צוויי פערשיידענע אָרגאַניזאַציאָנס־טיפען**: דעם לאָגישען און דעם דיאַלעקטישען טיפּ, און אַז דער לאָגישער טיפּ, וואָס איז אונטערוואָרפען אונטער די געזעצען פון דער פאָר־מאַלער לאָגיק, קאָן אונז געבען נאָר אַן איינזייטיגע און **פיק־טיווע** דערקענטנים, בעת דער דיאַלעקטישער טיפּ, וואָס שפּרינגט אַריבער די געזעצען פון דער לאָגיק, קאָן אונז פיהרען צו אַ ריכטיגען בליק אויף דער וועלט.

אָט די פעסטע מיינונג, אַז דער כח פון אונזער דערקענטנים איז דואַליסטיש אויפגעבויט, איז דער ערשטער פילאָסאָפישער תנאַי

*) אַנטי־דיוהרינג, 14—15.

פאַר דער מעגליכקייט פון אַ דיאַלעקטישען דענקען און מיר געפינען זי מאַקע ביי אַלע יענע דענקער, וואָס האָבען מעהר אָדער וועניגער אָנגענומען די דיאַלעקטישע דענק־מעטאָדע. דעקאַרט, ספּינאָזאַ, פיכטע און שעללינג האָבען די „העכערע" פאָרמען פון דעם דענקען צוגעשריבען צו דער „אינטעלעקטועלער אַנשויאונג". העגעל גיט איבער זייער ראָליע דעם „דיאַלעקטישען" שכל, וועלכען ער שטעלט אַוועק אַנטקעגען דעם פערשטאַנד, ווען אפילו ער גיט צו, אַז זיי שטעהען ביידע אין אַ גענעטישען צוזאַמענבונד. מאַרקס און ענגעלס שיידען פאַנאַנדער צוויי פאָרמען אָדער צוויי מעטאָדען פון דענקען: דעם ניעדריגערען, דעם מעטאַפיזישען מעטאָד, און דעם העכערען, דעם דיאַלעקטישען. *)

דער גלויבען אין דער דואַליטעט פון אונזער שכל שפּיעלט זעהר אַ וויכטיגע ראָליע אין דער טעאָריע פון דעם דיאַלעקטישען דענקען. ער מאַכט, אַז די טעאָריע זאָל זיך ערשט קאָנען אָנהויבען לעגען אויף דעם מענשליכען שכל. און אין דער אמת'ן! שטעלט מען זיך אַוועק אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז אונזער שכל האָט אין זיך צוויי דענק־מעטאָדען, קאָן מען, אין איינעם מיט דעם דיאַלעקטיקער, קלאָר פערשטעהן, פאַר וואָס מענשען, ביי וועמען דער צווייטער טיפּ, דער העכסטער טיפּ פון אונזער שכל, איז נאָך פערשטעלט מיט דעם ניעדריגערען, לאָגישען טיפּ, — פאַר וואָס אַזוינע מענשען מוז די דיאַלעקטיק אויסווייזען ווי דער ריינסטער פּידרעך.

דאָס איז גאָר אַ פּשוט'ער טעם. ווען מיר לאָזען צו, אַז דער פאָרמאַל־לאָגישער טיפּ זאָל ווערען דער איינציגער באַלעבאָס אויף אונזער שכל, קאָנען מיר יעמאָלט לחלוטין ניט ענטדעקען קיין וואַסערע עס איז אינוועניגסטע סתירות אין די נאַטירליכע ערשיינונ־

---

*) וועגען דעקאַרט זעה: „די פילאָסאָפיע", בד. 1, זז. 189, 205 און בפרט ז. 194 (דער שכל'דיגער איינזעהן). וועגען ספּינאָזאַ, ד. ג., זז. 239—260 און בפרט ז. 257 (דאָס אינוועניגסטע שכל'דיגע זעהען, די אינטואיציע); וועגען פיכטע, בד. 2, בפרט ז. 112; וועגען שעללינג, ד. ג. בפרט 122—123. וועגען העגעל'ן, ד. ג. ז. 128—146 און שפּעטער אין אונזער הייטיגער אַרבייט; דאָס זעלבע וועגען ענגעלס'ען און מאַרקס'ען.

גען, ווייל דער פערשטאַנד איז בשום ניט ביכולת צו „בענעהמען“ די דאָזיגע סתירות. אָבער אַזאַ בעגרעניצטקייט פון אונזער פערשטאַנד גיט אונז ניט קיין רעכט אָנצונעהמען, אַז אויך די גאַנצע וועלט מוז זיך רעכענען מיט זיינע גרעניצען. מיט די גרונד־איינגענשאַפטען פון אונזער לאָגישען דענקען האָבען מיר אַ רעכט צו בעגעהן זיך אַקוראַט אַזוי סקעפּטיש, ווי מיר בעגעהען זיך, לאָמיר זאָגען מיט די עדות פון אונזערע דרויסענדיגע חושם.

די אָרגאַנען פון אונזערע חושים זאָגען אונז, צום ביישפּיעל, — און זיי טהוען דאָס מיט אַ זיכערער פעסטקייט, וואָס ניט גובר צו זיין, — אַז די זון דרעהט זיך ארום דער ערד און ניט די ערד אַרום דער זון. מיט אַקוראַט אַזאַ זיכערער פעסטקייט, ניט גובר צו זיין, זאָגט אונז דער פערשטאַנד, אַז עס קאָן ניט געמאָלט זיין, איין און דיזעלביגע זאַך זאָל עקזיסטירען און ניט־עקזיסטירען אין איין און דערזעלבער צייט. אָבער — וואָס בעטייט דאָס? דאָס בעטייט, אַז אונזער פערשטאַנד קאָן זיך ניט דערהויבען צו דער מדרגה פון דעם דיאַלעקטישען שכל, אַקוראַט אַזוי ווי אונזערע אָרגאַנען פון די דרויסענדיגע געוואָהר־ווערונגען האָבען קיין כח ניט אויפצוהויבען זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער וויסענשאַפט. דער פערשטאַנד איז ניט ביכולת צו בעפרייען זיך פון זיינע סוביעקטיווע לאָגישע געזעצען אין דערזעלביגער מאָס, ווי אונזערע דרויסענדיגע חושים קאָנען זיך ניט אָבזאָגען פון זייערע סוביעקטיווע געהער־עמפּפינדונגען און זעה־עמפּפינדונגען.

נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען גלויבען מיר איצטער ווייניג אונזערע „געזונטע מענשליכע אויגען“. מיר אַפּעלירען צו אַ העכערען בית־דין. פאַר וואָס זאָלען מיר אויך דעם „נעזונדען מענשליכען שכל הישר“ ניט דערמאָנען אָן זיין קאַפּול?

— טהו דאָך אַ קוק, ווי די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון, ווי די קאָלירען זענען גאָר ניט קיין קאָלירען, נאָר אַ פּאַרבלויזער טרייסלען־זיך פון דעם עטהער!

— ניין, זעהן קאָן מען דאָס ניט. דאָס קאָן מען נאָר דענקען!

— איז פּרואוו אַ דענק טהאָן, אַז „א“ איז ניט גלייך צו „א“, אַז איין־און־דיזעלביגע זאַך איז ניט גלייך צו זיך אַליין, אַז זי עקזיסטירט און עקזיסטירט ניט אַן איין־און־דערזעלבגער צייט!

— ניין, ד ע נ ק ע ן קאָן מען דאָס ניט. דאָס קאָן מען נאָר ו ו י ס ע ן.

אַזוי קאָן טענה'ן דער דיאַלעקטיקער און דעריבער איז קיין חדוש ניט, וואָס אַלע פאָרמאַל־לאָגישע אָנפאַלען אויף זיין דאָקטרין האָבען געמוזט אָבשפּרינגען פון איהם, ווי עס שפּרינגען אָב פון אַ ווייסענאָפטליך געבילדעטען פיזיקער אַלע יענע אַרגומענטען, וואָס ווייניג־ווייסענדע מענשען ברענגען אַנטקעגען איהם מצד די „געזונטע מענשליכע אויגען“.

אַ ד ע ר ק ע נ ט נ י ס ־ ט ע אָ ר ע ט י ש ע ר ד ו אַ ־ ל י ז ם, — אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדער פאָרם, — איז, ווי מיר זעהען, דער ערשטער נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע ר פ אָ ר ב ע ד י נ ג פ אַ ר י ע ד ע ן ד י אַ ל ע ק ט י ש ע ן ד ע נ ק ע ן. אָבער אויב דער דיאַלעקטישער מעטאָד איז על פּי הכרח צונויפגעבונדען מיט דעם דערקענטניס־טעאָרעטישען דואַליזם, איז דערפון נאָך ניט געדרונגען אַז יעדער דואַליזם מוז, פון זיין צד, זיין נויטווענדיג צונויפגעבונדען מיט דעם דיאַלעקטישען דענקען. עס זענען דאָ אַ סך דואַליסטען אין דער דערקענטניס־טעאָריע, וואָס זענען פון דעסטוועגען גאַנץ ווייט פון אָבלייקענען די פאָרמאַל־לאָגישע געזעצען. לאָמיר זיך דערמאָנען נאָר אָן קאַנט'ן, וואָס האָט אויך דורכגעפיהרט אַ שאַרפען צווישען־שייד צווישען פערשטאַנד און שכל, וואָס האָט אָבער אין דערזעלביגער צייט מודה געווען, אַז דער געזעץ פון דעם ווידערשפּרוך איז די העכסטע נאָרם פאַר אונזער דענקען, ווען אפילו ער האָט קנאַפּ־וואָס געהאַלטען פון זיין דער־קענטניס־טעאָרעטישען ווערטה, ווי ער האָט אויך די בעדייטונג פון דער גאַנצער פאָרמאַלער לאָגיק דערקענטניס־טעאָרעטיש אַראָב־געזעצט ביז צו דעם מעגליכען מינימום. *)

קאַנט איז ניט געווען קיין דיאַלעקטיקער. אָבער אין זיין סיס־

---

*) וועגען קאַנט זעה די קאַפּיטלען וועגען איהם אין „פילאָסאָפיע“. בד. 2, בפרט וועגען די קוואַלען פון דער דערקענטניס, 34 און ווייטער.

טעם געפינען זיך אַ סך קערענדלעך פֿונ׳ם דיאַלעקטישן דענקען. אָבגעהאַלטען קאַנט׳ן פון דער דיאַלעקטיק האָט דער גרונד־געדאַנק פון זיין פילאָסאָפישען קריטיציזם, אַז די „זאַך אין זיך גופא" קאָן קיין מאָל ניט דערקענט ווערן פונ׳ם מענשליכען שכל. *) אזא געדאַנק איז בשום אופן ניט קיין גינציגער באָדען פאַר דעם דיאַלעקטישען דענק־מעטאָד. ווי אַזוי קאָן איך זיין זיכער, אַז אין יעדער זאַך פון דער וועלט ליגט אַן אינווענינגסטער ווידערשפּרוך, ווען איך וויים לכתחילה, אַז דעם מענשענ׳ס שכל קאָן ניט משיג זיין די זאַך, ווי זי איז אין זיך?

דערפאַר איז אָבער אויך קיין וואונדער ניט, אַז ווי נאָר דער סקעפּטיציזם פון שלמה מימון האָט פון קאַנט׳ס סיסטעם אויסגעפּרעסען די גאַנצע „זאַך אין זיך", אַזוי האָבען די דיאַלעקטישע קערענדלעך אין קאַנט׳ס סיסטעם אויפ׳ן שטעל גענומען לאָזען וואָרצלען. שוין ביי שלמה מימון גופא געפינען מיר שטעלען, וואו ער רעדט וועגען יענע בעדינגונגען, וואָס אונטער זיי מוז אַן „אַבסאָלוטעס איך" דענקען אַ ווידערשפּרוך.**)

ביי פיכטע׳ן בעגעהט זיך שוין „דאָס אבסאָלוטע איך" דורכאוים דיאַלעקטיש. ער ווערט ניט אָבגעשראָקען פאַר׳ן ווידערשפּרוך און קוקט אויף די געזעצען פון דער פאָרמעלער לאָגיק פון אויבען אַראָב, ווי אויף עפּעס אַ ניעדריגערעס, אַ שפּעטער צוגעקומענעס, וואָס מוז זיך בויגען פאַר דער קאָמפּעטענץ פון דעם אבסאָלוטען איך.

אין נאָך אַ גרעסערער מאָס איז דאָס ריכטיג בנוגע שעללינג׳ן, שוין אָבגערעדט פון העגעל׳ן, ביי וועמען די ווידערשפּרוך־לאָגיק איז די נשמה פון זיין גאַנצעס סיסטעם.

עס וואָלט געווים ניט געווען קיין עולה אָבצושטעלען זיך אויף אַלע יענע איינצעל־געדאַנקען פון קאַנט, וואָס האָבען געווירקט אויף דער ענטוויקעלונג פון דעם דיאַלעקטישען מעטאָד. אָבער אונזער אַרבייט האָט ניט די פּרעטענזיע אויסצושעפּען דעם גאַנצען ענין פון דיאַלעקטיק. פאַר אונזער ספּעציעלען צוועק, — די מ א ר ק־

*) ד. ג. זעה 45 און ווייטער.

**) וועגען מימון זעה: „פילאָסאָפיע", 2, ז. 99—103, די שטעלען וואָס איך האָב דאָ אין זין, געפינען זיך אין זיין „פּערזוך איבער די טראַנסצענדענטאַלע פילאָסאָפיע". 1790, ז. 153 און בפרט ז. 249.

ס י ס ט י ש ע ווידערשפּרוך לאָגיק, — ווע‏ט זיין געגוג, ווען מיר ווע‏לען נאָר בעריהרען יענע רעזולטאַטען, צו וועלכע העגעל, מאַרקס׳עס הירעקטער רבי אין הלכות דיאַלעקטיק, איז געקומען אין זיין קריטיק פון קאַנט׳ס לעהרע וועגען די „אַנטינאָמיען“.*)

אין זיין לעהרע וועגען די אַנטינאָמיען, וואָס איז אזוי ענג פערבונדען מיט זיין דערקענטניס־טעאָרעטישען דואליזם (און איז פּאַנאַנדערגעלעיגט אין אַ קאַפּיטעל, וואָס טראָגט טאַקי דעם נאָמען: „די דיאַלעקטיק פון דעם ריינעם שכל“) האָט קאַנט געוואָלט בעווייזען, ווי אזוי אונזער שכל מוז זיך פערפּלאָנטערן אין סתירות, ווי נאָר ער פערלאָזט דאָס פעלד פון ערפאַהרונג. אויף יעדער שאלה וועגען זאַכען, וואָס ליעגען מחוץ פון דער ערפאַהרונגס־וועלט מוז ער מיט דערזעלביגער נויטוועגדיגקייט אַרויסשטעלען ענטפערס, וואָס געהען להיפּך איינער דעם אַנדערן. די וועלט מוז האָבען אַ גרעניץ — און האָט ניט קיין סוף. זי מוז האָבען אַ בעשאַפער און — קאָן ניט זיין קיין פּראָדוקט פון אַ בעשאַפונג. און אזוי ווייטער.

קאַנט איז דערמיט אויסען געווען צו בעקרעפטיגען דעם געדאַנק, אז די פערענטפערונג פון אזעלכע פראַגען שטייגען אריבער די כחות פון דעם מענשליכען שכל. אָבער אָט דער דערקענטניס־טעאָרעטישער געדאַנק האָט געמוזט פאַלען אין איינעם מיט דער גאַנצער טעאָריע וועגען דער „זאַך אין זיך“. העגעל׳ן איז שוין אויסגעקומען גאָר משונה׳דיג, אז דער שכל זאָל ניט קאָנען דערקענען דעם אין־סוף. „אַ משונה׳דיגער רעזולטאַט“, שרייבט ער, „בעת דאָס אונענדליכע איז דאָס שכל׳דיגע, איז גאָר זאָגען, אז דער שכל קאָן ניט דערקענען דאָס שכל׳דיגע.“**)

איז — וואָס האָט קאַנט בעוויזען מיט זיינע אַנטינאָמיען?

ניט קיין אַנדער זאַך, ענטפערט העגעל, ווי נאָר דאָס, אז דער ווידערשפּרוך איז „אַ נויטווענדיגע טהוּאונג פון דעם שכל גופא“.***)

לויט העגעל׳ס מיינונג, האָט קאַנט געמאַכט נאָר אזא גרייז. ער, קאַנט, האָט ניט בעמערקט, אז „די אַנטינאָמיע געפינט זיך ניט

*) וועגען די אַנטינאָמיען זעה ד. ג. 55—57.
**) העגעל׳ס לאָגיק, בד. 1, ז. 44.
***) דאָרטען.

נאָר אין די פיער ענינים, וועלכע ער האָט ארויסגעכאַפּט פון דער קאַסמאָגאָניע, נאָר אין אַ ל ע ענינים פון אַ ל ע ארטען, אין אַלע פאַרשטעלונגען, בעגריפען און אידעען".*)

אָבער לאָמיר קאַנט'ן דערווייל לאָזען אָן אַ זייט. שוין פון דעם, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט, ווערט קלאָר, אַז צו דעם דער־קענטניס־טעאָרעטישען דואַליזם מוז צוטרעטען נאָך אַ פילאָסאָפישער פּרינציפּ, כדי עס זאָל קאָנען בעגרינדעט ווערן די טעאָריע פון דעם דיאַלעקטישען דענקען. דער פּרינציפּ איז יענער קאַרדינאַלער פּונקט פון יעדער מעטאַפיזיק, לויט וועלכען אונזער שכל קאָן אריינדרינגען אין דעם פערבאָרגענסטען תוך פון די וועלט־ערשיינונגען. שעללינג און העגעל האָבען געהאַלטען די דיאַלעקטישע דענק־מעטאָדע פאַר די איינציגע נויטווענדיגע געצייג פון דעם „ספּעקולאַטיווען שכל", מיט וועלכער ער קאָן אויפדעקען אַלע סודות פון דער וועלט.

אַ דריטער וויכטיגער פאַרבעדינג פאַר דער ווידערשפּרוכס־לאָגיק איז דער נ אַ ט ו ר ־פ י ל אָ ס אָ פ י ש ע ר מ אָ נ י ז ם, די לעהרע, אַז די וועלט בעשטעהט אין אַלע איהרע טיילען און ערשיי־נונגען פון איין־איינציגער סובסטאַנץ. „דאָס איינע און דאָס גאַר" פון די עלעאַטען, — אָט וואו עס ליעגט דאָס וויעגעלע פון דער דיאַ־לעקטישער לאָגיק.**)

און עס איז אַלץ איינס: זאָל מען, אין איינעם מיט די עלעאַטען און ספּינאָזאַ, אוועקשטעלען אַנטגעגען דער וועלט פון די ערשיינונגען דאָס אייביגע „זיין" אָדער די אייביגע „סובסטאַנץ", אָדער מען זאָל, אין איינעם מיט העראַקליט און דער קלאַסישער דייטשער פילאָסאָ־פיע, בעטראַכטען די וועלט ווי אַ פּראָצעס פון אייביגען ווערן, — אַלץ איינס מוזען מיר פון דעם מאָניסטישען שטאַנדפּונקט אָננעהמען, אַז די סתירות פון דער עמפּירישער וועלט זענען עפּעס אזוינס, וואָס זענען אין תוך אריין איין־און דיזעלביגע ניט פאַנאַנדערצוריייסענדע זאַך. און אָט די איינהייט פון דער וועלט דאַרף ליעגען ניט ערגעץ וואו דרויסען פון די עמפּירישע געגענזעצען, נאָר דוקא אינוועניג אין זיי, דורכאויס צונויפגעפאַלען מיט זיי. וואָס פאַר דעם געוועהנליכען

*) העגעל'ס ענציקלאָפּעדיע, עד. ראָזענקראַנץ, זז. 71, 72.

**) וועגען די עלעאַטען זעה: „פילאָס." בד. 1, זז. 41-44 און 46-47.

שכל קומט אויס, אז עס איז אַ ווידערשפּרוך אײנס אויף דאָס אַנדערע, מוז, ביי דעם טיפערען אריינדרינגען אין דעם תוך פון דער זאַך זיך ארויסשטעלען, אז עס איז אַ צונויפפאַלען פון איינעם מיט דעם אַנדערען.

מאַטעריע און גייסט, רוה און בעוועגונג, פּאַסיוו און אַקטיוו, איינפאַך און צונויפגעזעצט, אינוועניג און דרויסען, ליכט און פינ־סטערניס, ליבע און האַס, אורזאַך און ווירקונג, גוט און שלעכט, אמת און שקר, שעהן און מאוס, פרייהייט און נויטוועדיגקייט, גע־זעץ און צופאַל, לעבען און טויט, — דאָס אַלץ מוז אין דערזעלביגער צייט זיין א י נ ס מיט זיין היפּוך — אין דער אַלוועלטליכער איינהייטליכער סובסטאַנץ.

„נאַכט איז טאָג און נאַכט, ווינטער און זומער, קריעג און פריע־דען, זאַטקייט און הונגער", זאָגט הערַאַקליט.*) און אין אַן אַנדער אָרט שטעהט ביי איהם געשריבען: „לעבעדיגעס און טויטעס, וואַ־כעדיגעס און שלאָפעדיגעס, אַלט און יונג זענען נאַר ארויסווייזונגען פון איין און דערזעלביגער סובסטאַנץ, ווייל וואָס אין דער איצטיגער צייט שטעלט מיט זיך פאָר אָט ד י זאַך, וועט באַלד ווערען י ע נ ע זאַך, און דאָס, וואָס איז אין דער איצטיגער צייט יענע זאַך, וועט פון איהר צד ווערען אזא, ווי אָט די, ווארום אַקוראַט ווי מען קאָן פון דעם זעלביגען לעהם פאָרמירען פיגורען און ווידער צונויפקנעטען, און ווייטער פאָרמירען, און ווידער צונויפקנעטען און אזוי, איבערגע־בימען, עד אין סוף, אזוי האָט אויך די נאַטור פון דער זעלביגער מאַ־טעריע אַפריהער בעשאַפען אונזערע אור־עלטערן, דערנאָך אונזערע עלטערן און דערנאָך אונז אליין".**) אָט דער בליק זיינער שטימט אין גאַנצען צונויף מיט זיין שפּרוך: „דאָס אַנטגעגענגעזעצטע איז איינס", אָדער, ווי אַריסטאָטעל פאָרמולירט זיין געדאַנק: „אַלץ עקזיסטירט און עקזיסטירט ניט אין איין און דערזעלביגער צייט."

עריגענאַ, ניקאָלאַי דער קוזאַנער און דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ זענען אין דערזעלביגער צייט געווען מאַניסטען און דיאַלעקטיקער, — דיאַלעקטיקער, לכל הפּחות אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי האָבען

---

*) פויל שוסטער, הערַאַקליט פאָן עפעזוס (אַקטאַ סאָצ. פילאָלאָג. לפּס. בד. 3) ז. 186, פראַגמענט 67.

**) דאָרטען גופא, ז. 173, פראַגמענט 59. פגל. „פילאָס." 1, 44־45.

געהאַלטען פון דעם פּרינציפּ, אַז די היפּכים טרעפען זיך צונויף.*) ביז צו אַ געוויסען גראַד איז אויך ספּינאָזאַ, דער פאָטער פון דעם מ אָ ד ע ר נ ע ם מאָניזם, — דעם נ י ט מאַטעריאַליסטישען און נ י ט אידעאַליסטישען, — געווען אַ דיאַלעקטיקער, און זיין מימרא: „יעדע בעשטימונג איז אַ פערניינונג“ („אָמניס דע־טערמינאַציאָ עסט נעגאַציאָ“) ווערט בעזונדערס אונטערגעשטריכען פון העגעל'ן און פון מאַרקס'ן. „די בעשטימונג געהערט ניט צו דעם זיין פון דעם ענין, נאָר גיכער צו זיין נ י ט־ז י י ן“, זאָגט ספּינאָזאַ היבש דיאַלעקטיש.**)

דאַרף מען נאָך צוגעבען, אַז דער פאַנאַנדערבליהען פון דער דיאַלעקטיק אין דער דייטשער קלאַסישער פילאָסאָפיע איז געווען ענג צונויפגעבונדען מיט דעם אידעאַליסטישען מאָניזם? דער עטי־שער פּאַנטעאיסט פיכטע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט צו־נויפגעפּאָרט דעם מאָניזם מיט דער דיאַלעקטיק. שעללינג, העגעל און מאַרקס זענען נאָר געגאַנגען אין זיינע שפּורען.***)

יעדער דיאַלעקטיקער איז אַ מאָניסט, אָבער ניט יעדער מאָ־ניסט מוז דוקא זיין אַ דיאַלעקטיקער. געוויס האָט דער מאָניזם אַ נאַטירליכע איננווענינסטע טענדענץ צו דיאַ־לעקטיק, אָבער די טענדענץ קאָן געהאַלטען ווערען אין צוים, ווען מען זאָל אָננעהמען, אַז רוים און צייט האָבען אַ רעאַלע עק־זיסטענץ אין דער דרויסענדיגער וועלט. אויב רוים און צייט זיינען אין דער אמת'ן אייביגע רעאַלע יסודות פון דעם זיין, קאָן יעמאָלט אויך דער מאָניסט גאָרנישט האָבען אַנטקעגען דעם, אַז די אַנטקע־

---

*) זעה „פילאָס.“ בד. 1, זז. 165 און 175 און פאָל.

**) זעה ספּינאָזאַ'ס בריעף־וועקסעל, דייטשע אויסגאַבע פון קירכמאַן, 1871, זייטע 176.

***) וועגען דעם דיאַלעקטישען מאָניזם ביי העגעל'ן זעה ספּעציעל זיין לאָגיק, בד. 1, זז. 116—117, וואו עס ווערט בעוויזען, אַז גאָט, וואָס איז „דער קבוץ פון אַלע רעאַליטעטען“ מוז איינשליסען אין זיך אַלע ווידערשפּרוכען. ווייל רעאַליטעט איז בעשטימונג און „אָמניס דעטער־מינאַציאָ עסט נעגאַציאָ“. „דיעזער זאַטץ איז פאָן אונענדליכער וויכטיג־קייט“. זאָגט העגעל. דיזעלביגע ווערטער חזר'ט איבער מאַרקס אין „קאַ־פּיטאַל“, בד. 1. ז. 619 און אויך אין בד. 2 און בד. 3. דאָס זעלבע טהוט ענגעלס אין אַנטי־דיוהרינג, ז. 145.

געגנזעצטע אייגענשאפטען און ערשיינונגען פון דער וועלט, — ווי גרוים זייער אינוועניגסטע איינהייט זאל ניט זיין, — זאלען זיך פאנאנדערשיידען איינס פון דעם אנדערן אדער לפי דעם ארט, וואס זיי פערנעהמען אין דעם רוים, אדער לפי דער צייט, אין וועלכער זיי טרעטען ארוים.

עס פערשטעהט זיך, אז דא ווערט גערעדט וועגען אזעלכע איינענשאפטען און ערשיינונגען, וואס שליסען איינע די אנדערע לגמרי אויס, ווי אן ערך, לעבען און טויט. ווי איינערליי עס זאלען ניט זיין די פראצעסען, וועלכע מיר רופען אן לעבען און טויט (און זיי קאנען ווערען אידענטיש, ווען מיר פיהרען זיי, צום ביישפיעל, צוריק צו איין־און־דערזעלביגער ארט פון בעוועגונג), — אבער דארטען, וואו עס איז דא לעבען און כל זמן עס איז דא לעבען, האט דער טויט קיין ארט ניט.

אויף אזא'ן אופן קאן מען מציל זיין דעם געזעץ פון ווידער־שפרוך און דעם זאץ פון דעם אויסגעשלאסענעם דריטען און איין־און־דיזעלביגע זאך וועט אין איין־און־דערזעלבער צייט ניט דארפען זיין „זי אליין און נאך עפעס אן אנדער זאך". רוים און צייט איז א שויד־וואנד אנטקעגען דער דיא־לעקטיק און דעריבער געהערט צו די וויכטיגסטע פארבעדינ־גונגען פון דער דיאלעקטישער לאגיק, אז מען זאל אבלייקענען די רעאלע עקזיסטענץ פון רוים און צייט און בעטראכטען זיי אין דעם ליכט פון דער אידעאליסטישער פילאסאפיע, לכל הפחות, אין דעם זין, ווי דאס האט געטהאן קאנט אין זיין „טראנסצענדענטאלער עסטעטיק": רוים און צייט זיינען דארטען „א־פריארישע" פארמען פון אונזער „אנשויאונג", — פארמען וואס בעלאנגען נאר צו דער ארגאניזאציע פון דעם מענשליכען גייסט, און וואס קאנען ניט אנגעווענדעט ווערען אויף דעם „דינג־אין־זיך". *)

דער אידעאליסטישער בליק אויף רוים און צייט, די אבלייקענונג פון זייער רעאלער עקזיסטענץ דרויסען פון דעם מענשליכען גייסט, ברענגט ארויס די דיאלעקטישע לאגיק ניט אזוי דורך דעם פילאסאפישען תוך פון אזא לעהרע, ווי דורך דעם

---

*) פגל. „די פילאסאפיע" באנד 2, זז. 24—32.

פסיכאָלאָגישען פונדאַמענט, אויף וועלכען זי רוהט. לאָזט מען אָן אַ זייט די פערוויקעלטע פילאָסאָפישע בעדייטונג פון אָבלייקענען רוים און צייט און שטעלט מען אָן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם פסיכאָלאָגישען פראָצעס, וואָס שפּיעלט זיך דערביי אָב אין אונזער דערקענטניס, איז יעמאָלט ניט שווער אָנצושטויסען זיך אויף אַזאַ מין זעהר וויכטיגען פּרט: בעת מיר שמועסען זיך אַליין איין, אַז אין תוך אַריין איז ניטאָ קיין רוים, ווערט יעמאָלט די פאָרשטעלונג פון דעם גאַנצען אונענדליכען וועלט־אָרט אונבעוואוסט פערוואַנדעלט אין די פאָרשטעלונג פון אַ „מאַטעמאַטישען פונקט“, און ווען מיר ווילען זיך פאָרשטעלען אַ וועלט אָהן אַ צייט, ווערט די רעאַלע צייט אונבעוואוסט צונויפגעשרומפּט אין איין־איינציגען, אונענדליך קליינעם הרף־עין. אָט דער פסיכאָלאָגישער גלגול פון דעם אונענדליכען רוים און דער אונענדליכער צייט אין איין־איינציגען הרף־עינ׳דיגען פונקט איז אונענדליך וויכטיג פאַר דער דיאַלעקטישער לאָגיק.

אויב די גאַנצע וועלט איז אין תוך אַריין ניט מעהר ווי איין מאָמענטאַלער פונקט, און אויב אַלע געגענזעצען און סתירות פון דעם וועלט־געשעהן בלייבען אין זייער גאַנצער קאָנקרעטקייט, איז יעמאָלט מוז דער מאָמענטאַלער פונקט ממילא זיין פול און פיעל פון איינוועניגסטע ווידערשפּרוכען און סתירות.*)

*) אַז העגעל, דער גרעסטער און טיעפסטער דיאַלעקטיקער, האָט געגלויבט אין דער טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליטעט פון רוים און צייט, קאָן מען זעהן פון אַ וויכטיגער שטעל אין זיין „ענציקלאָפּעדיע“. „דאָס דינג“, זאָגט ער, „האָט צוויי בעשטימונגען“: ערשטענס צו זיין „דיעזעס“ און צווייטענס צו זיין דאָס „אויך“. דאָס „אויך“ איז יענס, וואָס קומט פאָר אין דער דרויסענדיגער אָנשויאונג, ווי די רוים־אויסשפּרייטונג“ (פערגלייך העגעל׳ס „ענציקלאָפּעדיע“, ראָזענקראַנץ׳ס אויסגאַבע, ז. 216—213). באריכות וועגען דער זייט פון העגעל׳ס לעהרע רעדט ראָזענקראַנץ אין זיין זעהר טיעפען בוך: „קריטישע ערלויטערונגען דעם העגעל׳שען סיסטעם׳ס“, קעניגסבערג, 1840, אין דעם קאַפּיטעל: „פּראָבע איינעם קאָמענטאַרס צו העגעל׳ס לעהרע פון רוים און צייט“. אָבער — ווי זאָל מען צונויפבינדען דאָס אָבלייקענען פון רוים און צייט מיט דער לעהרע פון דער קאָנקרעטער ענטוויקלונג, וואָס איז מעגליך נאָר אין דער צייט? אויף דער פראַגע האָט מען ביי העגעל׳ן ניט קיין קלאָרען ענטפער. אַ פּרוב פּטור צו ווערען פון אַלע שוועריגקייטען, וואָס זענען

יע, אזוי איז דאָס: קאַנט'ס „טראַנסצענדענטאַלע עסטעטיק" האָט אליין געמוזט העלפען אויסארבייטען אַ דענק־מעטאָדע, וואָס האַרמאָנירט אזוי שלעכט מיט זיין לעהרע, אַז די „זאַך־אין־זיך" קאָן ניט דערקענט ווערען. אָבער ניט נאָר די לעהרע פון דער „טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליטעט" פון רוים און צייט, כמעט אַלע אַנדערע געשפּענסטערהאַפטע זייטען פון קאַנט'ס פילאָסאָפיע האָבען געמוזט אריינטראָגען זייער חלק, כדי צו בעגרינדען די געשפּענסטערהאַפטע ממשלה פון דער דיאַלעקטיק.

לאָמיר דאָ אָנמערקען יענע ראָליע, וואָס זיין לעהרע וועגען די קאַטעגאָריען פון דעם פערשטאַנד האָט געשפּיעלט אין דער בעגרינדונג פון דעם דיאַלעקטישען דענקען.*)

מיר רעדען שוין ניט וועגען דעם, וואָס די טאַבעלע פון יענע קאַטעגאָריען איז ביי קאַנט'ן צונויפגעשטעלט טריכאָטאָמיש, לויט דעם בעריהמטען טריאַדישען פּרינציפּ פון טעזיס, אנטי־טעזיס און סינטעזיס, — אַ פּרט, וואָס האָט, — ווי דער לעזער, וואָס איז בעהאַוועגט אין דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע, שטויסט זיך אָן, — געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם אויפבוי פון דער דיאַלעקטישער מעטאָדענלעהרע און דער דיאַלעקטישער ענטוויקלונגס־לעהרע. שוין אַ חוץ דעם איז גרינג איינצוזעהן, ווי אזוי קאַנט'ס לעהרע, אַז די קאַטעגאָריען פון דעם פערשטאַנד זיינען אַ־פּריאָריש און אַז מען קאָן זיי ניט אָנווענדען אויף דעם תוך פון דער וועלט, האָט געמוזט ווירקען אויף די ענטשטעהונג פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק: דער פערשטאַנד שטעלט דאָך מיט זיך פאָר, לויט קאַנט'ן, אַ ניעדריגען ארט פון דענקען, איידער דער שכל און צו די „בעגרעניצטע" קאַטעגאָריען פון דעם פערשטאַנד געהערען האָך אויך אַזוינע קאַטעגאָריען, ווי רעאַליטעט און נעגאַציע, אורזאַך און ווירקונג, זיין און ניט זיין, נויטוועדיגקייט און צופאַל.

*) פגל. „די פילאָסאָפיע", בד. 2, ז. 41 און 46-44.

פערבונדען מיט אַזאַ פּראָבלעם, האָט ניט לאַנג געמאַכט בערגסאָן, מיט דעם פאַנאַנדערשיידען אין דעם בעגריף פון דער צייט גופא צוויי עלעמענטען: די „צייט" און די „רעעלע דויער", וואָס איז שאַפעריש — עוואָלוטיוו.

עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס די שפּעטערדיגע פּילאָסאָפען האָבען זיך געפּלייסט צו בעווייזען, אַז דער פערשטאַנד מיט זיינע קאַטעגאָריען קאָן ניט זיין קיין בעפעהל פאַר דער „אינטעלעקטועלער אַנשויאונג“ אָדער פאַר דעם „ספּעקולאַטיווען שכל“. זיי, די לעצטערע, וועלען גאַנץ געווים אַראָברייסען דעם שלייער פון אַלע וועלט־סודות, ווי נאָר זיי וועלען פערלאָזען דעם שטאַנדפּונקט פון דער „בעגרעניצטער רעפלעקסיע“ מיט איהר שטרעבען פאַנאַנדערצורייסען און אַנטקעגענצושטעלען אַזעלכע בעגריפען, ווי רעאַליטעט און אַבלייקענונג, זיין און ניט־זיין.

אָבער אויב עס איז אַזוי, איז יעמאָלט ממילא קלאר, אַז אַלע אָט די אַנטקעגענזעצונגען און היפּכים האָבען ניט קיין ברעקעל אַבסאָלוטען בעטייט. אָדער זיי שפּיעלען גאָר קיין ראָליע ניט אין דעם לעבען פון דער וועלט־סובסטאַנץ, ווי דאָס האָט געמיינט שעללינג (און יעמאָלט איז די סובסטאַנץ, ווי העגעל דריקט זיך אויס, „די נאַכט, אין וועלכער אַלע בהמות זיינען שוואַרץ“); אָדער די היפּכים ליעגען אין דער סובסטאַנץ גופא ווי בפירוש'ע אינווענינגסטע סתירות.

צו דעם לעצטען שלום איז געקומען העגעל. „די קריטיק פון דעם פערשטאַנד'ס פאָרמען“, זאָגט ער וועגען קאַנט'ס פילאָסאָפיע, „האָט אַרויסגעבראַכט דעם רעזולטאַט, אַז יענע פאָרמען קאָן מען ניט אַנווענדען אויף די זאַך־אין־זיך... אָבער אויב זיי זיינען ניט גענוג פאַר דער זאַך־אין־זיך, איז דער שכל ניט מחויב אונטערצוּוואַרפען זיך אונטער זייער ממשלה. אויך ער איז דאָך אַ זאַך־אין־זיך, ממילא מוז ער אויך פאָרשטעלען מיט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס געהט להיפך צו זיך אַליין“. *)

אָט די אַלע דערקענטניס־טעאָרעטישע און מעטאַפיזישע אַרגומענטען, וואָס האָבען געמאַכט מעגליך די דיאַלעקטיק, טרעטען אַרויס נאָך מיט אַ שטאַרקערער קראַפט אין העגעל'ס פילאָסאָפיע,

---

*) העגעל'ס לאָגיק, בד. 1, ז. 31. דער פּרט, וואָס פיכטע און העגעל האָבען אַרויסגעפונען אַנדערע קאַטעגאָריען, אַוודאי קאַנט, פערענדערט ניט בשום אופן דעם עצם ענין, ד. ה. די שטעלונג פון אָט די דענקער צו די פערשטאַנד־קאַטעגאָריען בכלל.

וואָס קאָן באמת בעטראַכט ווערן פאַר דעם העכסטען שטאַפּעל פון דעם מעטאַפיזישען דענקען.

העגעל האָט, ווי בעקאַנט, געזעהען די אינוועניגסטע נאַטור פון יעדער זאַך אין איהר לאָגישען בעגריף. *) היות אָבער ווי יעדער בעגריף איז אַן אַקט פון דענקען, מוז ממילא דער סך־הכל פון אַלע זאַכען, אָדער די גאַנצע וועלט, האָבען איהר אינוועניגס־טען תוך אין דעם סך־הכל פון די בעגריפען, ד. ה. אין דעם דענקען. דערפון דרינגט העגעל אַרויס זיין לאָגישען פּאַנטעאיזם; דערפון אויך וואַקסט אַרויס זיין לעהרע, אַז דער אַבסאָלוטער בע־גריף, וואָס איז כולל אין זיך אַלע אַנדערע בעגריפען, איז די וועלט־נשמה, „די זעעלע דער וועלט“.**)

עס וואָלט אונז אַוועקגעפיהרט צו ווייט, ווען מיר וואָלטען געוואָלט בעווייזען בפרטיות, ווי אַלע פילאָסאָפישע פאַרבעדינגונ־גען פון דעם דיאַלעקטישען דענק־מעטאָד האָבען געמוזט בעקומען אַ גאַנץ בעזונדערען פנים אויף דעם באָדען פון דער העגעל'שער פילאָסאָפיע.

מיר ווילען זיך בענוגענען מיט דעם בעמערק, אַז די אָבלייקע־נונג פון דעם ווידערשפּרוך־געזעץ, — יענער צענטראַל־פּונקט פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק, — האָט געמוזט על פּי הכרח אַרויס־פליסען שוין פון יענעם זין אַליין, וואָס העגעל לעגט אַריין אין דעם וואָרט: „בעגריף“. ער פערשטעהט אונטער דעם וואָרט „בעגריף“ ניט נאָר די סומע פון אַלע עהנליכע בשותפות'ע סימנים, וואָס בע־לאַנגען צו אַ וועלכער עס איז אָרט ערשיינונגען אָדער זאַכען. הע־געל'ס בעגריף נעהמט אין זיך אַריין אַ חוץ דעם—דעם גאַנצען סכום פון אַלע יענע ערשיינונגען און זאַכען, וואָס ווערן אַרומגענומען מיט אַ וועלכען עס איז בשותפות'ען נאָמען. אַזוי אויסגעטייטשט, איז דער בעגריף ניט קיין פּרוכט פון דער אַבסטראַהירענדער אַרבייט פון דעם מענשליכען געדאַנק, נאָר אַ מעטאַפיזישער עצם, וואָס ליעגט דרויסען פון דעם מענשליכען געדאַנק און וואָס מוז על־פּי הכרח

*) „די נאַטור איינעם געגענשטאַנדעס הייסט זאָ פיעל אַלס זיין בע־גריף“. העגעל'ס פילאָסאָפיע דער געשיכטע, 1837, ז. 41. פגל. וועגען דעם ענין אונזער „די פילאָסאָפיע“, בד. 2 זז. 131—132.

**) העגעל'ס „פענאָמענאָלאָגיע דעם גייסטעס“ (1882), ז. 126.

איינשליסען אין זיך ניט נאָר די עהנליכע סמנים, נאָר אויך אַלע אַנדערע סמנים, פון די ערשיינונגען און זאַכען, אַפילו יענע סימנים, וואָס געהן להיפך איינער דעם אַנדערן.

„בעטראַכט מען די זאַך פילאָסאָפיש", זאָגט העגעל, „איז דער בעגריף די הויפּטזאַך, די סובסטאַנץ, עהנליך צו אַ שפּראָצלינג, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך דער גאַנצער בוים... אויף אַזאַ'ן אופן איז דעם בעגריף'ס אינהאַלט די ג א נ צ ע נאַטור פון דער זאַך, און די דערקענטנים גופא איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די ענטוויק־לונג פון דעם בעגריף, די ענטוויקלונג פון דאָס, וואָס איז אין איהם איינגעשלאָסען." *)

כדי קלאָרער צו מאַכען די ראָליע פון העגעל'ס בעגריף־לעהרע פאַר דער דיאַלעקטישער לאָגיק וועלען מיר דערמאָנען יענעם בייּ־שפּיעל מיט דעם דריי־עק, וועלכען מיר האָבען שוין בענוצט אַמאָל ביי דער דערקלערונג פון העגעל'ס פילאָסאָפיע.**)

בעטראַכט מען דעם בעגריף „דריי־עק" נאָר ווי אַן אַבסטראַק־טען אַלגעמיינעם בעגריף, קאָן ער האָבען אין זיך נאָר יענע סימנים, וואָס טרעפען גלייך צו פאַר אַלע דריי־עקען בכלל; לאָמיר זאָגען: דריי זייטען און דריי ווינקלען. דער פאַקט, אַז ס'איז פאַראַן גלייכ־שענקליגע און ניט־גלייכשענקליגע, רעכט־ווינקליגע, שאַרף־ווינקליגע און שטומפּ־ווינקליגע דריי־עקען ווערט אַראָבגעוואָרפען פון חשבון, בעת מען בויט דעם אַלגעמיין אַבסטראַקטען בעגריף: „דריי־עק בכלל", אָדער „סתם דריי־עק". אויב אָבער דער בעגריף דאַרף אַריינעהמען אין זיך ניט נאָר די סימנים, וואָס אַלע דריי־עק האָבען בשותפות, נאָר אויך יענע, וואָס בעלאַנגען צו יעדען דריי־עק בעזונדער, יעמאָלט מוז דער מעטאַפיזישער דריי־עק, די דריי־עק סובסטאַנץ, זיין אין איין־און־דערזעלביגער צייט אַ רעכט־ווינקליגער און אַ שטומפּ־ווינקליגער, אַ גלייכזייטיגער און אַ ניט־גלייכזייטי־גער, ווייל אַלע יענע סימנים געפינען זיך אין איהם, ווי אין אַ שפּראָצ־לינג, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך דער גאַנצער בוים. אָבער מחמת דעם גופא מוז יעדער אַלגעמיינער בעגריף איינשליסען אין זיך אַן אינוועניגסטען ווידערשפּרוך.

*) העגעל'ס „רעליגיאָנס פילאָסאָפיע" (1832), ערשטער באַנד. ז. 33

**) „די פילאָסאָפיע", צווייטער באַנד, ז. 132.

„יעדער בעגריף“, זאָגט דעריבער העגעל, „שטעלט מיט זיך אין תוך אריין פאַר די א י י נ ה י י ט פון די פערשיידענע און פערשיידבארע מאָמענטען, וואָס ווערען א היפך איינער צו דעם אנדערן“.*)

אָבער היות ווי דער בעגריף איז די נאַטור פון יעדער זאַך, איז מוז יעדע זאַך ממילא על פי טבע איינשליסען אין זיך אינווענינגסטע סתירות. „אַלע זאַכען“, זאָגט דעריבער העגעל, „זיינען אין זיך גופא סותר זיך אַליין“.**)

אָט אין דערינען, הייסט עס, ליעגט, לויט אונזער מיינונג, דער גאָר־גאָר פשוט׳ער פירוש אויף „די סודות פון דער העגעל׳שער דיאַלעקטיק“, וואָס זענען אוועקגעלעגט געוואָרען אין דעם פונדאַמענט פונ׳ם פילאָסאָפישען מאַרקסיזם.

.3

די פילאָסאָפישע פאָרבעדינגען פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק ביי מאַרקס׳ן און ענגעלס׳ן.

אויב אונזער שכל איז ביכולת צו בענעהמען די „וועלט־סובסטאַנץ“; אויב יענע „סובסטאַנץ“ איז מאָניסטיש און רעאַליזירט זיך אין אַלע געגענזעצען און ווידערשפּרוכען פון דער וועלט אזוי, אַז אַלע אין איינעם זענען זיי ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר ארויסשיינונגען פון יענעם אייביגען, איין־איינציגען תוך; אויב, ווייטער, דוים און צייט, וואָס וואָלטען געקאָנט פאַנאַנדערנעהמען די ווידעראַניידיגע, סתירות׳דיגע ערשיינונגען און פערטיילען זיי האַרמאָניש אין פערשיידענע ערטער אָדער אין פערשיידענע צייטען, זענען אין

*) העגעל׳ס „לאָגיק“, צווייטער באַנד, ז. 72. דערפון ווערט אויך קלאָר, פאַר וואָס העגעל מוז שוין אין דער פשוט׳ער פערשיידענקייט זעהן אַ ווידערשפּרוך. די פערשיידענע רעספּעקטיווישע סימנים פון איין־און־דערזעלביגער אַרט ערשיינונגען (ווי צ. ב., רעכט־ווינקעליג און שטומפּ־ווינקעליג א. אַז. וו.) מוזען סותר זיין איינער דעם אַנדערן, ווען מען שרייבט זיי צו איין־און־דערזעלביגער זאַך. פגל. נאָך ז. 71.

**) „אַלע דינגע זינד אַן זיך זעלבסט ווידערשפּרעכענד“. לאָגיק ב. 2, ז. 67.

דער אמת'ן ניט מעהר ווי אידעאַלע פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, וואָס האָבען קיין ברעקעל ממשות ניט אין דער ווירקליכער וועלט; און לסוף: אויב די טבע פון א וועלכער עס איז זאַך דאַרפען מיר זוכען אין איהר בעגריף, און אויב יעדער בעגריף איז, ווי העגעל וויל, א מין „העןקאַיפּאַן" („איינס־און־אַלץ") אין מיניאַטור, — יעמאָלט מוז פון אַלע אָט די הגהות על פּי הכרח ארויספליסען דער רעזולטאַט, אַז אַ דענקען, וואָס איז אויפגעבויט אויף די יסודות פון דעם פערשטאַנד, מיט זיינע קאַטעגאָריען פון „יע" און „ניין", וואָס ציטערט פאַר א ווידערשפּרוך, — אַז אַזאַ דענקען דאַרף מען בעטראַכטען ווי א ניעדעריגערען טיפּ פון דער מענשליכער דערקענטניס און די רעזולטאַטען, צו וועלכע ער קומט, קאָנען ניט זיין קיין חוב פאַר א טיעפערען בעגרייפען די וועלט.

קאָן דאָ, ביי אַזאַ לאַגע, די פאָרמאַל־לאָגישע קריטיק פאַרטיג ווערן מיט דער פראַגע פון דער דיאַלעקטיק, אפילו ווען יענע קריטיק זאָל זיין אַזוי גלענצענד דורכגעפיהרט, ווי ביי טרענדעלענבורג'ען און האַרטמאַנ'ען? מיר רעכענען, אַז ניין. לאָזט מען אומבעריהרט די פילאָזאָפישע פאַרבעדינגען פון דער דיאַלעקטיק, וועלכע מיר האָבען אויבען פאַנאַנדערגעלעגט, איז יעמאָלט קאָן דערריין לאָגישער אַנאַליז בשום אופן ניט דערגרייכען דעם ציעל.

העגעל אַליין איז דאָך אויך ניט געוועזען קיין קליין קינד אין דער פאָרמאַלער לאָגיק. כמעט אויף יעדעם זייטעל, וואו מיר טרעפען אָן זיינע גרעבסטע חטאים אַנטקעגען די געוועהנליכע געזעצען פונ'ם דענקען, שעהמט זיך העגעל ניט אָנצופיהרען אויך יענע ריין לאָגישע טענות מצד דער „דרויסענדיגער רעפלעקסיע", וואָס מיט זייער הילף קאָן יעדער איינער גאַנץ גרינג פאַנאַנדערפּלאָנטערען זיינע סאָפיזמען. אָן אַנדערש מאָל בענוגענט ער זיך דערביי מיט א פעראַכטענדען ווינק אין זייער זייט, אָבער אָפטמאָל איז איהם וועניג, סאַטיריש אויסצולאַכען זיך פון דעם פערשטאַנד מיט זיינע אַרגומענטען: ער פּלייסט זיך אין זיי גופא צו ענטפּלעקען אינוועניגסטע סתירות און דערביי פערפּלאָנטערט ער זיך אַליין אַלץ מעהר אין ווידער־אַנאַנדען און ווידערשפּרוכען.

דאָס אַלץ לאָזט איבער אויף דעם אויפמערקזאַמען לעזער זעהר

א משונה׳דיגען, — לאָמיר זאָגען נאָך מעהר: א שפּאַסיגען איינ־דרוק. אָבער, וואָס בעווייזט דאָס? דאָס בעווייזט, אַז פאַר העגעל׳ן וואָלט זיך אַ סך בעסער געלוינט, ער זאָל האָבען אַרויסגע־זאָגט זיינע געדאַנקען אין דעם דאָגמאַטישען טאָן פון א נביא און זיך ניט האָבען אַריינגעלאָזט אין קאַמף מיט דעם „גראָבען פער־שטאַנד“, ווייל אַט דעם „רעספּעקטאַבלען בחור“, ווי ענגעלס רופט איהם אָן, „איז אין דער היימישער ספערע פון זיינע פיער ווענד פּשוט ניט בייצוקומען“, ווי דערזעלביגער ענגעלס בעמערקט... דעריבער האָבען טאַקע די העגעליאַנער געטהאָן א שכל גדול, ווען זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון יעדער פּאָלעמיק אויף דעם פעלד פון דער פער־שטאַנדס־לאָגיק און האָבען בעפעסטיגט זייערע פּאָזיציעס פון יענער זייט פערשטאַנד, מחוץ למחנה פון דעם ווידערשפּרוך־זאַץ.

דער ערשטען אָנפאַל אויף דער דיאַלעקטיק האָבען איהרע געג־נער געדאַרפט מאַכען ניט אויף איהר, נאָר אויף יענע פילאָסאָפישע בעגרינדונגען, אויף יענע מאָטיווען, וואָס האָבען על פּי נויטיגקייט געמוזט פיהרען צו איהר. און אַט די אויפגאַבע איז שוין ווירקליך דורכגעפיהרט געוואָרען אַזוי גרינדליך, אַז מען דאַרף גאָר בעסער ניט. און דורכגעפיהרט איז זי געוואָרען ניט פון דעם אָדער יענעם איינצעלנעם דענקער, נאָר פון דער גאַנצער היסטאָרישער ענטוויק־לונג פון דער פילאָסאָפיע, זינט העגעל׳ס צייטען ביז אויף אונ־זערע טעג.

פייערבאַך האָט געמאַכט אַ תל פון העגעל׳ס לעהרע וועגען דעם בעגריף.*) די פּסיכאָלאָגיע און די דערקענטניס־טעאָריע פון אונזער צייט האָבען אָבגעשאַפט דעם געפעהרליכען דואַליזם פון שכל און פערשטאַנד. יענע אַלט־געבאַקענע טיילען פון קאַנט׳ס סיסטעם, וואָס פאַר זיי האָבען זיך אָנגעכאַפּט די דיאַלעקטיקער, זענען גאָר ניט שלעכט פאַנאַנדערגעקליבען געוואָרען און פערוואָר־פען געוואָרען. די פראַגע וועגען דער אידענטיטעט פון „זיין“ און „דענקען“, וועגען דער מעגליכקייט צו בענעהמען די סובסטאַנץ, איז נאָך מעהר פערשאַרפט געוואָרען, אַ דאַנק די ערפאָלגען פון דער

---

*) וועגען פייערבאַך׳ן זעה „די פילאָסאָפיע“, 2, ז. 157—166. בע־זאָנדערס זז. 159—160.

נערוועז־פיזיאָלאָגיע. און דער מאַניזם אַליין, ווען מען נעהמט איהם אָן נאָר ווי א בעשיידענע היפּאָטעזע, וואָס דאַרף תּמיד שטעהן אונטער דער קאָנטראָלע פון דעם קריטיציזם, קאָן שוין פון זיך ניט פיהרען צו דער דיאַלעקטישער לאָגיק.

ניט ווילענדיג שווימט ארויף די פראַגע: ווי אזוי האָט די „ווידערשפּרוך־לאָגיק" געקאָנט געפינען חן אין די אויגען פון אזא וואַגיגען דענקער, ווי קאַרל מארקס? ווי אזוי האָט געקאָנט זיך לאָזען פערפיהרען פון איהר דערזועלביגער מארקס, וואָס האָט גע־שריעבען הילכיגע שירות ותשבחות אויף פייערבאַך'ן פאַר זיין אויפדעקען די סודות פון דעם העגעל'שען סיסטעם און דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט א תל פון דער בעגריפס־דיאַלעקטיק?*) דערזעלביגער מארקס, וואָס האָט נאָך אין דעם יאָהר פינף און פערציג פון דעם פאָריגען יאָהר־הונדערט, ארויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען דער העגעל־שער פילאָ־סאָפיע אין אזוינע קורצע און כאַראַקטעריסטישע ווערטער: זי איז און בלייבט אָן אַלט ווייב, די פערוויאַלעטע און פער'אַלמנ'טע הע־געל'שע פילאָסאָפיע, וואָס פאַרבט און פוצט אויס איהר ביז צו דער חלשות'דיגער אבסטראַקציע אויסגעדאַרטען לייב און וואַרפט אויגלעך איבער גאַנץ דייטשלאַנד נאָך א חתן."**)

ווי אזוי האָט ער געקאָנט, זייענדיג אזוי נאָהענט צו דעם אמת, קומען צו דעם פעסטען גלויבען, אז די העגעל'שע פילאָסאָפיע „טאָר מען ניט פּשוט אָבשטופּען אָן א זייט", אז אָט די אַלטע, פער־וויאַלעטע „אַלמנותא" מוז מען קודם „קריטיש בייקומען", ד. ה. „אוועקוואַרפען איהר דרויסענדיגע פאָרם און אויסנוצען איהר אינ־ווענינסטען תּוך" — די בעוואוסטזיניגע דיאַלעקטיק?***)

ליידער געהען די ענטפערס אויף די פראַגען ניט אריין אין די גרעניצען פון אונזער היינטיגער ארבייט. איצטער איז פאַר אונז וויכטיג אויסצופאָרשען, ווי האָבען מארקס און ענגעלס איינגע־

*) זעה: מאַרקס אונד ענגעלס. די הייליגע פאַמיליע פראַנקפורט א. מ. 1845, ז. 139.

**) ד. ג. ז. 16.

***) אַנטי־דיוהרינג, ז. 14.

פונדעוועט זייער דיאַלעקטיק און צי האָט זיך זיי איבערהויפּט איינגעגעבן „אַריבערצוראַטעוועז" זי אין זייער סיסטעם.

אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגען דיוהרינג'ען פּלייסט זיך ענגעלס מיט אַ סך ביישפּיעלען צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק. עס איז מיט זיינע בעווייזען דיזעלביגע מעשה, וואָס מיט העגעל'ס בעווייזען, פון וואַנען ענגעלס האָט זיי דאָס רוב אַריבערגענומען. דער „געזונטער מענשליכער פערשטאַנד" געפינט אין זיי ניט קיין בעזונדערע שוועריקייטען און ווען ער איבערזעצט אין זיין לשון די ביישפּיעלען, וואָס מען ברענגט אַנטקעגען איהם, ווערט דער אונטערגעשטראָכענער ווידערשפּרוך, מיט וועלכען מען וויל איהם די אויגען אויסשטעכען, אין גאַנצען פערשוואונדען און דער דיאַלעקטישער רעזולטאַט פון דעם ביישפּיעל בלייבט הענגען אין דער לופטען.

מיט דעם ענין וועלען מיר גאָך שפּעטער בעקאַנט ווער׳ באריכות. דערווייל מוזען מיר זיך אַ פרעג טהאָן וואָס איז ביי מאַרקס'ן געוואָרען פון יענע פילאָסאָפישע פּאָרבעדינגונגען וואָס זענען נויטיג כדי צו בעגרינדען דעם דיאַלעקטישען דענקען? האָט ער זיי אפשר מאָדיפיצירט, בשעת ער האָט זיי אַריבערגעפלאַנצט אויף אַ מאַטעריאַליסטיש פעלד? האָבען זיי אויף אַזאַ'ן אופן אפשר אין גאַנצען פערלאָרען דעם כח צו העלפען בעגרינדען די ווידערשפּרוך־לאָגיק?

וואָס מעהר מען טראַכט זיך אַריין אין די פילאָסאָפישע אָנשויאונגען פון דעם מאַרקסיזם, אַלץ קלאָרער ווערט איינעם, אַז ביי מאַרקס'ן פעהלען אַ סך פון יענע פילאָסאָפישע פּאָרבעדינגען, וואָס האָבען אונז אינטערעסירט ביז אהער און וואָס דערקלערען, ווי אַזוי די דיאַלעקטיק האָט געקאָנט אַרויסוואַקסען אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע; אַז, אָנשטאָט זיי, האָט ער אַריינגעבראַכט אין זיין סיסטעם אַנדערע פילאָסאָפישע הנחות, וואָס מאַכען די דיאַלעקטיק ניט נאָר איבעריג און אומדערוויעזען, נאָר אפשר אויך גאָר אוממעגליך, און אַז די לאַגע ווערט בשום אופן ניט פערבעסערט דורכדעם, וואָס עס געפינען זיך אין זיינע אָנשויאונגען אַ היבש פּאָר פון יענע פּאָרבעדינגען, וואָס זענען נויטיג פאַר אַ דיאַלעקטישען דענקען.

כדי קלאָר איינצוזעהן דאָס, לאָמיר בעקאַנט ווערן מיט דעם גורל פון יענע פילאָסאָפישע פאָרבעדינגען אויף דעם פעלד פון דעם מאַרקסיזם.

מיר ווערען דאָ קודם כל געוואָהר, אַז מאַרקס האָט, — ווי מען האָט דאָס לכתחילה געקאָנט דערוואַרטען, — אַריבערטראָגען אין זיין סיסטעם דעם ד ע ר ק ע נ ט נ י ס - ט ע אָ ר ע ט י ש ע ן ד ו אַ ל י ז ם. אויך מאַרקס שיידט פאַנאַנדער צוויי טיפען פון דענקען: דעם „מעטאַפיזישען“ (אָדער ריכטיגער: דעם פאָרמאַל-לאָגישען) און דעם דיאַלעקטישען. אָט ווי ענגעלס כאַראַקטעריזירט די פאַנאַנדערשיידענדע שטריכען פון דעם מעטאַפיזישען טיפ.

„פאַר דעם מעטאַפיזיקער“, זאָגט ער „זענען די זאַכען און זייערע אָבשטעמפּלונגען אין געדאַנק, — די בעגריפען, — פאַנאַנדערגעשיידטע, פעסטע, אומבעוועגליכע, איין פאַר אַלע מאָל געגעבענע עניינים פון דער פאָרשונג, וואָס מוזען בעטראַכט ווערן איינער נאָך דעם אַנדערן און אָהן אַ צונויפבונד מיט דעם אַנדערן. ער טראַכט אין אוממיטעלבאַרע געגענזאַצען. זיינע רעיד בעשטעהען פון יע — יע, ניין — ניין און וואָס איבער דעם שטאַמט פון שטן. פאַר איהם קאָן אַן ענין ניט זיין ער אַליין און אין דער זעלבינער צייט עפּעס אַן אַנדער זאַך. פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו שליעסען איינס דעם אַנדערן אַבסאָלוט אויס. אורזאַך און ווירקונג זענען אויך אַקוראַט אַזוי געגענזאַצליך איינע צו דער אַנדערער.“

„אָט דער אופן דענקען“, איז מוסיף ענגעלס, „דוכט אונז אויס אויף דעם ערשטען בליק דערפאַר אַזוי העכסט גלויבענסווערט, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם דענק־אופן פון דעם אַזוי אָנגערופענעם געזונטען מענשליכען פערשטאַנד. אָבער דער דאָזיגער געזונטער מענשליכער פערשטאַנד, וואָס פאַר אַ חשוב׳ער בחור ער זאָל ניט זיין אין דער שטוב־ספערע פון זיינע פיער װענד, לעבט איבער דורכאויס וואונדערבאַרע אַוואַנטיורען, ווען נאָר ער טהוט זיך אַ לאָז אין דער ברייטער וועלט פון פאָרשונג; און דער מעטאַפיזישער דענק־אופן, אויף ווי ווייטע פעלדער ער זאָל, לויט דער טבע פון דעם ענין ניט זיין געזעצליך און אפילו נויטיג, מוז אַלע מאָל, פריהער אָדער שפּעטער, אָנשטויסען זיך אָן אַ גבול, וואָס אויף יענער זייט פון איהם פאַלט ער אַריין אין איינזייטיגקייט, בעגרעניצטקייט, אַבסטראַקט־

קיים און פערליערט זיך אין ניט צו פאַנאַנדערבינדענדע ווידערשפרוכען, ווייל איבער די איינצעלנע זאַכען בעמערקט ער ניט זייער צונויפבונד, איבער דעם „זיין“ זעהט ער ניט דעם „ווערן“ און דעם „פערשווינדען“ און איבער דער רוה פערגעסט ער די בעוועגונג. מיט איין וואָרט, איבער די בוימער זעהט ער ניט דעם וואַלד.“ *)

אזוי טהוט זיך בעגעהן דער מעטאַפיזיקער. „וחילופיהן“, פערשטעהט זיך, ביי דעם דיאַלעקטיקער. ער בעטראַכט די זאַכען נאָר אין זייער צונויפבונד, „סוב ספעציע עטערני“, און טראַכט דורכאויס אין סינטעזען. פאַר איהם עקזיסטירט יעדע זאַך און עקזיסטירט ניט. זיינע רעיד בעשטעהען פון יע — ניין, ניין — יע א. אז. וו.

דער דערקענטניס־טעאָרעטישער דואַליזם, וואָס ליעגט אין דעם פונדאַמענט פון דער נאָר וואָס געבראַכטער ציטאַטע, שפיעלט אין דעם מאַרקסיסטישען סיסטעם דיזעלביגע ראָליע, וואָס אין אַלע אַנדערע דיאַלעקטישע סיסטעמען. פון איין זייט מאַכט ער, אז די מעגליכקייט פון דעם דיאַלעקטישען דענק־מעטאָד זאָל זיך לעגען אויפ'ן שכל; פון דער אַנדער זייט איז ער אליין א פועל־יוצא פון דעם אָבלייקענען אַלע דריי העכסטע געזעצען פון דער לאָגיק.

ווייל די גאַנצע כאַראַקטעריסטיק, וואָס ענגעלס מאַכט פאַר דעם מעטאַפיזישען דענק־טיפ, איז אין תוך אריין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי א קורצע און שעהנע ווידער־דערצעהלונג פון דעם, וואָס העגעל האָט ארויסגעשטעלט אַנטגעגען *דעם געזעץ פון אידענטיטעט*, וועמעס רעיד עס זענען „יע — יע“ און „ניין—ניין“, דעם *געזעץ פון ווידערשפרוך*, פאַר וועמען א זאַך אָדער זי עקזיסטירט אָדער ניט, און דעם געזעץ *פון דעם אויסגעשלאָסענעם דריטען*, לויט וועלכען פאָזיטיוו און נעגאַטיוו שליעסען איינס דעם אַנדערן אַבסאָלוט אויס.

אמת, די געבראַכטע כאַראַקטעריסטיק בענוגענט זיך ניט מיט דעם אינדירעקטען לויב אויף די דיאַלעקטיק און כאַפּט נאָך אריין די ענטוויקלונגס־טעאָריע. אויף דעם ערשטען בליק קאָן מען דעריבער מיינען, אז זי ליידט א ביסעל פון א מוטווילינגער קאָנסטרוקציע.

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 7.

אין דער אמת'ן. לאָמיר נעהמען אַזעלכע דענקער, ווי צ. ב. קאַנט, לאַמאַרק, דאַרווין, ספּענסער, העקקעל א. ד. גל. לויט ענגעלס'עס כאַראַקטעריסטיק דאַרפען מיר זיי אַלעמען אָנרופען מעטאַפיזיקער. ווייל אויף וויפיעל זיי גלויבען אין דעם געזעץ פון אידענטיטעט, בעשטעהען זייערע רעיד פון יע — יע, ניין — ניין. אויף וויפיעל זיי האַלטען פון דעם ווידערשפּרוך־זאַץ, אויף אזוי פיעל מוזען זיי אָננעהמען, אַז אַ זאַך — אָדער זי עקזיסטירט אָדער ניט. און אויף וויפיעל זיי זענען ניט מסופק אין דעם געזעץ פון דעם אויסגעשלאָסענעם דריטען, שליעסען פאַר זיי פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו איינס דעם אַנדערן אַבסאָלוט אויס. און די אַלע געזעצען נעהמען זיי אָן, ווייל זיי דענקען, ווי די גאַנצע איבריגע מענשהייט, אויף דעם יסוד פון דער פאָרמאַלער לאָגיק.

הייסט עס, אַז זיי זענען „מעטאַפיזיקער". און פון דעסטוועגען וועט קיינעם ניט אַרויף אויפ'ן זין צו בעשולדיגען זיי, אַז זיי בעטראַכטען די זאַכען „ווי פאַנאַנדערגעשיידטע, פעסטע, אומבעוועגליכע, איין מאָל פאַר אַלע מאָל געגעבענע אָביעקטען פון דער פאָרשונג". דאָס זענען גראָד די דענקער, וואָס האָבען מעהר פאַר אַלעמען אויפגעטהאָן פאַר דעם ענטוויקלונגס־געדאַנק און פאַר דעם בעטראַכטען די זאַכען אין זייער צונויפבונד, און ענגעלס אַליין ווייס גאַנץ גוט, אַז מיט דער אונטרייקייט זייערער צו דער „מעטאַפיזיק" האָבען זיי גאָר נישט ניט וואָס צו פערדאַנקען דעם דיאַלעקטיקער העגעל'ן, ווייל אין דעם פּרט פון ענטוויקלונג אין דער נאַטור זענען העגעל'ס געדאַנקען געשטאַנען אַ סך נידעריגער איידער די נאַטורוויסענשאַפט פון זיין צייט. *)

מוז מען זיך דעריבער פרעגען: פאַר וואָס וואַרפט דאָ ענגעלס צונויף אין איין טאָפּ זאַכען, וואָס האָבען קיין ברעקעל שייכות ניט איינע מיט די אַנדערע? אין דער אמת'ן אָבער איז אַזאַ פראַגע נערעכט נאָר אויף דעם ערשטען בליק. ענגעלס גלויבט בפועל, אַז עס איז דאָ אַן אינווענינסטער צונויפבונד צווישען דער דיאַלעקטישער לאָגיק און דער ענטוויקלונגס־טעאָריע. ער איז זיכער ביי זיך, אַז דער וואָס נעהמט נאָר אָן די ענטוויקלונג בכלל, מוז אויך אַ קאָנ־

*) זעה: אַנטי־דיוהרינג, ז. 16.

סעקוועגטען אופן דערגעהן ביז צום אָבלייקענען די העכסטע געזעצען פון דער לאָגיק. דערביי וואָלט ער אויף קאַנט'ן, דאַרווינ'ען א. אז. וו. געקוקט נים ווי אויף ניט־קאָנסעקוועגטע „מעטאפּיזיקער", נאָר גיכער ווי אויף ניט־קאָנסעקוועגטע דיאַלעקטיקער, וואָס זיי אליין איז נאָך ניט קלאָר דער פּאַקט, אַז שוין די ערשיינונג פון בעוועגונג אליין קעהרט איבער מיט'ן דעק ארויף אַלע געזעצען פון דער לאָגיק, ווייל די בעוועגונג געהט לגמרי להיפך צו דעם זאַץ פון ווידערשפּרוך.

אַזאַ בליק אויף דער בעוועגונג און ענטוויקלונג, ווי די גאַנצע דיאַלעקטישע לאָגיק, איז אַריבערגעטראָגען אין דעם מאַרקסיזם גלייך פון דעם העגעל'שען סיסטעם, ווי מיר וועלען דאָס שפּעטער אונטערזעהן. דערווייל לאָמיר פאַרטיג ווערן מיט דער דורכמוסטערונג פון אונזערע פילאָסאָפישע פּאַרבעדינגען ביי מאַרקס און ענגעלס.

איידער מיר פערלאָזען דעם פּונקט פון דואַליזם, דאַרפען מיר נאָך מאַכען אַ קליינע בעמערקונג. עס קאָן אויסדוכטען, אַז ענגעלס געהט זיך אַ ביסעל פּאַנאַנדער מיט העגעל'ן אין דער אָבשאַצונג פון דער פאָרמאַלער לאָגיק, ווייל ער מאַכט דאָ אַזעלכע גרויסע און שווער וועגענדע הנחות דעם „געזונטען־מענשען־פערשטאַנד". אין דער אמת'ן אָבער געהן אויך די הנחות ניט ארוים פון דעם גדר פון העגעל'ס דערקענטניס־טעאָרעטישען דואַליזם. אויך העגעל האָט ניט געלייקענט, אַז די „מעטאַפיזישע" דענק־מעטאָדע האָט געוויסע רעכט. פאַר אייניגע פעלען האָט אויך ער איינגעזעהן, אַז דער פערשטאַנדעס־דענקען איז אַבסאָלוט נויטווענדיג. „אויף אַלע פעלדער, סיי טעאָרעטישע, סיי פּראַקטישע", זאָגט העגעל, „טאָר דער פערשטאַנד ניט פעהלען, ווייל אָהן דעם פערשטאַנד קאָנען מיר ניט קומען צו קיין פעסטעם און בעשטימטעם." דערהויפּט אָבער איז דאָס, לויט העגעל'ן, אמת בנוגע דער פּראַקטיק, ווייל „פאַר האַנדלונגען איז דער עיקר נויטיג כאַראַקטער; אָבער אַ מענש פון כאַראַקטער איז אַ מענש פון פערשטאַנד, וואָס האָט, ווי אַזוינער, בעשטימטע ציעלען פאַר די אויגען און געהט צו זיי ניט אָבגעקעהרט." *) הייסט עס, אַז

*) זעה: פראַנטל אונד היללערט. העגעל'ס פילאָסאָפיע אין ווערטליכען אויסציגען. בערלין (1893), ז. 30.

אויף לויט העגעל'ן זענען „די שטוביגע פיער ווענד" פון דעם פער־שטאַנד גאַנץ גערוים.

דערפון קאָן מען אגב איינזעהן, ווי אומגערעכט עדוואַרד פאָן־הארטמאַן איז געווען, ווען ער האָט פון דעם דיאַלעקטיקער געפאָ־דערט, אז ער זאָל אויך אויף דעם פעלד פון דער פּראַקטיק בלייבן טריי זיין אויסדערוועהלטען דענק־מעטאָד. „אז דער דיאַלעקטיקער וויל", זאָגט ער, „געהן איבער א דינגעם אייז אָדער איבער א דינגער שטאַנג און איז זיך משער, צי דער אייז אָדער די שטאַנג וועט אויס־האַלטען זיין משא אָדער ניט, צי זיי וועלען בלייבען גאַנץ אָדער זיי וועלען דורכברעכען, וועט ער דען באמת ענטפערן זיך אליין מיט דעם דיאַלעקטישען סינטעז פון דער אַלטערנאַטיווע? איז דאָס ניט ריכ־טיגער אז ער וועט זיך זאָגען, אינוועניג טראַכטענדיג לויט דעם נבזה'דיגען ווידערשפּרוך־זאַץ: האַלטען הייסט ניט דורכברעכען און דורכברעכען הייסט ניט האַלטען. וועט דאָס האַלטען, געה איך, אז ניט, בלייב איך." הארטמאַן דרינגט דערפון ארויס, אז „דער דיאַלעקטיקער קאָן ניט בלייבען ביים לעבען. ער מוז שוין אין דעם ערשטען טאָג ברעכען האַלז און פּיס, אויב ער וועט נאָר ניט אויפ־הערען זיין א דיאַלעקטיקער און וועט זיך ניט איינאָרדענען אין דער פּראַקטיקע, לויט דעם, וואָס ער לייקענט אָב אין דער טעאָריע".*)

הארטמאַן'ס ארגומענט אַנטקעגען דער דיאַלעקטיק טרעפט דאָס מאָל גראָד ניט אין ציעל. דער דיאַלעקטיקער, וואָס האָט אויסגעביטען די פערשטאַנדעס־פאָרמעל: „אָדער — אָדער" אויף דער דיאַלעקטישער פאָרמעל: „ניט נאָר, נאָר אויך", בלייבט געטריי צו זיינע פּרינציפּען אויך אין דעם פּונקט: „ער איז „ניט נאָר" א דיאַלעקטיקער, „נאָר אויך" — א ניט־דיאַלעקטיקער. א ניט־דיאַלעקטיקער אויף דעם פעלד פון דער פּראַקטיקע.

און אויך דער דואַליזם פון טעאָריע און פּראַקטיקע שטימט זעהר גוט מיט דעם אַלגעמיינעם דואַליזם אין דער דערקענטניס־טעאָ־ריע, וואָס מוז אַלע מאָל פיהרען צו א וועלכער עס איז „דאָפּעלטער בוכהאַלטעריע", פון וועלכער די דיאַלעקטיק קאָן קיין מאָל ניט זיין פריי.

---

*) הארטמאַן, אונ'ס ציטירטען בוך, ז. 92.

"האַנד אין האַנד מיט דעם דואַליזם אין דער דערקענטניס־ טהעאָריע, געהט ביי מאַרקס'ן, ווי ביי אַלע דיאַלעקטיקער, דער נאַטור־פילאָסאָפישער מאָניזם, אָבער מיט דעם גרויסען און פילאָסאָפיש וויכטיגען אונטערשייד, וואָס ער זעהט די איינהייט פון דער וועלט אין דער מאַטעריע און ניט אין אַ וועלכער עס איז גייסטיגער אָדער איבער־מאַטעריעלער סובסטאַנץ. „די איינהייט פון דער וועלט", זאָגט ענגעלס בפירוש, „בעשטעהט אין איהר מאַטעריאַליטעט".*)

אָט דער פילאָסאָפישער אונטערשייד איז ניט נאָר וויכטיג פאַר דער אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג. פון איהם הענגט זעהר פיעל אָב דער גורל פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק און קודם כל איהר פילאָסאָפישע בעגרינדונג. ס'איז אמת, אַז דער מאָניזם איז, ווי מיר האָבען געזעהן, לויט זיין אינווענייגסטער נאַטור נאָך, נוטה אָבצולייקענען דעם געזעץ פון ווידערשפּרוך. אָבער דער מאַטעריאַליסטישער מאָניזם איז שוין בשום אופן ניט אַזאַ גינסטיג פעלד פאַר דער דיאַלעקטישער לאָגיק, ווי דער אידעאַליסטישער מאָניזם. דאָס קומט, דער עיקר, דערפון, וואָס אויף דעם פעלד פון דעם מאַטעריאַליזם פערלירען אַ סך פילאָסאָפישע פאַרבעדינגען זייער בעווייז־קראַפט, אָדער זיי בעקומען אַזאַ זין, וואָס פאַרט זיך שוין זעהר שלעכט מיט דעם דיאַלעקטישען דענקען.

לאָמיר נעהמען דעם וויכטיגסטען פון די פילאָסאָפישע פאָרבעדינגען, וואָס אין זיי נויטיגט זיך די ווידערשפּרוך־לאָגיק: די לעהרע, אַז דער מענשליכער שכל קאָן אריינדרינגען אין דעם תוך פון דער וועלט. איך רעכען זי פאַר דעם וויכטיגסטען פאַרבעדינג דער־פאַר, ווייל קודם דאַרף מען זיין זיכער, אַז דער שכל שפּיגעלט ריכטיג אָב דעם תוך פון דער וועלט, איידער מען נעהמט זיך אונטער ארויסצוטראָגען דעם פסק, אַז דער וועלט־תוך איז פול מיט אינ־ווענייגסטע ווידערשפּרוכען. עס איז, ווי איך האָב שוין אין אַן אַנדער אָרט בעוויזען,**) זעהר גרינג צו בעמערקען, אַז די לעהרע פון דער אידענטיטעט פון „זיין" און „דענקען" איז אַ סך וועניגער

*) ענגעלס, אַנטי־דיוהרינג, ז. 31

**) אין מיינע פאָרלעזונגען וועגען דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטע־ריאַליזם, געזאַמעלטע שריפטען, בד. 2, ז. 66 ביז 75.

בעגרינדעט אויף דעם פעלד פון דעם מאַטעריאַליסטישען מאָניזם, איידער אויף דעם פעלד פון דעם אידעאַליסטישען.

אַז דער מענשליכער ג י י ס ט קאָן אריינדרינגען אין די סודות פון דעם וועלט־גייסט, וואָס איז אזוי ענג אויסגעבונדען מיט אונזער אייגענער נשמה, — דאָס דאַרף אויסדרוכטען דעם אידעאַליסט אזוי קלאָר ווי דער טאָג. ס׳איז אָבער אַ גרויסע שאלה, צי אויך פאַר דעם מאַטעריאַליסט מוז זיין קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער מענשליכער מ אַ ר ך זאָל, ווי אַ קליין פיצעלע וועלט־מאַטעריע, דוקא קאָנען וויסען אַלץ, וואָס עס שפּיעלט זיך אָב אין די איבעריגע טיילען פון דער וועלט־מאַטעריע.

אמת, ענגעלס טראָגט אַריבער אין זיין מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיע העגעל׳ס ארגומענט, פאַר וואָס מיר מוזען קאָנען דערקענען „דאָס אונענדליכע״, און זאָגט, אַז וויבאַלד דענקען און בעוואוסטזיין „זענען פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען מאַרך״ און דער מענש אַליין איז אויך „ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור, וואָס ענטוויקעלט זיך אינאיינעם מיט זיין סביבה״, איז יעמאָלט „ממילא מובן, אַז די פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען מאַרך, וואָס זענען דאָך אין דער לעצטער אינסטאַנציע אויך פּראָדוקטען פון דער נאַטור, ווידערשפּרעכען ניט, נאָר שטימען צונויף מיט די איבעריגע ערשיינונגען איהרע״.*)

אָבער דאָ הענגט בעשיינפּערליך אַלץ אָב פון דעם, וואָס איהר וועט אָנרופען „צונויפשטימען״. אַ צילינדרישער שפּיגעל, צ. ב., שטעלט אויך מיט זיך פאַר „אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור״ אפשר נאָך אין אַ „נאַטירליכערען״ זין, איידער בעוואוסטזיין און דענקען. און פון דעסטוועגען ווערען אַלע זאַכען, וואָס שפּיגלען זיך אין איהם אָב, אזוי פערהויקערט, אַז אויב אויך אין אונזער מאַרך בעקומען זיי אַקוראַט אַזאַ פערהויקערטען פּנים, ווייס איך ניט, צי מען קאָן נאָך דאָ רעדען וועגען אַ „צונויפשטימען״ פון „דענקען״ און „זיין״.

שוואָער קאָן אויסהאַלטען די קריטיק אויך אַן אַנדער ארגומענט, וואָס ענגעלס ברענגט אַנטקעגען די „קאַפּריזען״ פון׳ם קריטיציזם און פון יענע פילאָסאָפישע שטרעמונגען, וואָס „פרעגען אָב די

---

*) אַנטידיוהרינג, ז. 22.

מעגליכקייט צו דערקענען אָדער לפּחות פּאָלשטענדיג צו דערקענען די וועלט".*) דעם הויפּט-ענטפער אויף די אלע „קאַפּריזען" זעהט ענגעלס אין דער פּראַקטישער טעטיגקייט פון דעם מענשען, אין דעם עקספּערימענט און אין דער אינדוסטריע. „אז מיר קאָנען", זאָגט ער, „בעווייזען די ריכטיגקייט פון אונזער בעגרייפען אַ וועלכע עס איז נאַטור-ערשיינונג דורך דעם, וואָס מיר מאַכען זי אַליין, וואָס מיר בויען זי אויף פון איהרע בעדינגונגען און צווינגען זי צו דיענען אונזערע ציעלען, איז יעמאָלט מוז זיין סוף צו קאַנט'ס „דינג אין זיך".**)

ענגעלס פערגעסט, משמעות, אז פאַר דעם קאָנסקווענטען סובּיעקטיוויסט אין דער דערקענטניס-טעאָריע איז אונזער פּראַקטישער בענעהמען זיך און די ערפאָלגען, וואָס מיר ברענגען ארויס דורך איהם, אַקוראַט אַזעלכע פּ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג ע ן אין אונז, ווי אַלע אַנדערע פּאָרקומעניסען פון אונזער לעבען, — פּאָרקומעניסען, וואָס זייער דערקענטניס-טהעאָרעטישען ווערטה האָט שוין דעקאַרט אַראָבגעדריקט ביז צו נול אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגען גאַסענדי.***) פאַר די אָבער, וואָס לייקענען אָב די מעגליכקייט צו דערקענען דעם תוך פון דער וועלט, איז די עדות פון דער פּראַקטיקע נאָך גאָר אַ קליינער בעוויז. כדי פּראַקטיש אויסצונוצען אַ וואַסער עס איז זאַך, אָדער כדי אפילו אויפצובויען די זאַך, איז גאָר ניט נויטיג צו זיין בעקאַנט מיט אַלע איהרע אייגענשאַפטען. עס איז גענוג, ווען מיר ווייסען אין וואָס פאַר אַ שייכות עס שטעהען עטליכע אייגענשאַפטען איהרע צו עטליכע אייגענשאַפטען פון די אַנדערע זאַכען, כדי מען זאָל קאָנען פּראַקטיש אויסנוצען זי צוליעב אונזערע ציעלען, — אויב אַזאַ בעדיענען זיך מיט דער זאַך ליגט בכלל אין די כחות פון אַ מענשען.

אַ גוטע באַלעבאָסטע, צום ביישפּיעל, קאָן בענוצען די ווייסלען פון אייער, כדי צו מאַכען דעם בעסטען פּודינג פון דער וועלט און פון דעסטוועגען פאַרט ניט האָבען קיין שום ידיעה וועגען די מערקווירדיגע אייגענשאַפטען פון יענעם כעמישען שטאָף. עס וואָלט

---

*) פערגל.: „די פילאָסאָפיע", בד. 1, זז. 192—193.

**) דאָרטען גופא.

***) פר. ענגעלס. לודוויג פויערבאך (1888), ז. 18.

אויף פאר איהר ניט געווען קיין גרויסע מיה צו פּראָדוצירען אייער־„פון זייערע נאַטירליכע בעדינגונגען". צוליעב דעם דאַרף זי נאָר קויפען אויפ'ן מארק יענע „בעדינגונגען" אין דער פאָרם פון אַ האַהן מיט הוהן.

איך האָף, מען וועט מיר מוחל זיין דעם אַ ביסעל צו גראָבען אָבער פּאָרט זעהר פּאַסיגען ביישפּיעל. האָט דען דער ארגומענט, אז מיר קאָנען אין דער לאַבאָראַטאָריע אויפבויען פּערוויקעלטע בעמישע פּראָדוקטען אַ דערקענטניס־טהעאָרעטיש גרעסערע וואָג, איידער דער ביישפּיעל מיט דעם האָהן און דער הוהן? דעם תוך פון דער פּשוט'ער כעמישער אַפיניטעט פערשטעהען מיר דאָך אַקו־ראַט אזוי ווענינ, ווי דעם תוך פון די פערפּלאָנטערסטע ערשיי־נונגען פון דעם לעבען!

לאָמיר אויך דאָס ניט פערגעסען, אַז די פּראַקטישע אויבער־האַרשאַפט איבער געוויסע, זעהר פערוויקעלטע ערשיינונגען אין דער נאַטור איז ניט זעלטען אָנצוטרעפען אויך אין דער ממשלה פון דער טיער־וועלט. אייניגע מינים מילבען, צ. ב., קלויבען צונויף די איי־עלעך פון די גראָז־לייז, טראָגען זיי אריין אין זייערע קאַמערן און גיבען אכטונג, אז פון זיי זאָלען ארוים די יונגע רמשים, וואָס שפּילען ביי זי די ראָליע פון שטוב־פיה. אָבער — וועט וועמען עס איז אַרויף אויפ'ן זין ארויסצודרינגען אויף דעם סמך, אַז די מילבען האָבען „אַן אויסשעפענדע דערקענטניס פון יענע ביאָלאָגישע ערשיינונגען, וואָס ווערען געצוואונגען צו דיענען זייערע ציעלען?"

וואָס פאר אַ ראָליע די פּראַקטיק זאָל ניט שפּיעלען אין דער דערקענטניס־טעאָריע, — און דער איצטיגער פּראַגמאַטיזם, צ. ב., האַלט פון איהר אַן „עולם ומלואה", — איין זאַך איז פון דעסט־וועגען קלאָר, אַז די אידענטיטעטס־לעהרע, וואָס זאָגט, דאָס „דענ־קען" קאָן ריכטיג אָבשפּיעגלען דאָס „זיין", קאָן זיך זעהר ווענינ אָנשפּארען אָן איהר; און נאָך ווענינער ווערט איהר בעטייט, ווען מען וויל פון איהר מאַכען אַ פילאָסאָפישען פּאָרבעדינג פאר דער דיאַלעקטישער לאָגיק, מחמת דעם גאָר פּשוט'ען טעם, וואָס ד י פּ ר א ק ט י ק א י ז אַ נ ט י ־ ד י א ל ע ק ט י ש, — אַ זאַך, וואָס אויך די דיאַלעקטיקער מוזען, ווי מיר האָבען געזעהן, מודה זיין. און אויב הארטמאַן האָט ניט געהאַט קיין רעכט, אויף דעם סמך

פון דער פראַקטיקע אָבצופרעגען די מעגליכקייט פון דער דיאַלעקטיק, וואָלט על כל פנים שוין געווען גאָר אַ משונה'דיגער פילאָסאָפישער שגעון — וועלען אויסנוצען די פראַקטיקע, כדי דירעקט אָדער אינדירעקט צו בעווייזען מיט איהר די נ י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט פון אַ דיאַלעקטישען דענקען.

דערפון איז צו זעהן, אַז, אויף דעם יסוד פון דעם מאַטעריאַליסטישען מאָניזם, האַלט זיך די אידענטיטעט פון „דענקען" און „זיין" אויף היהנערשע פיסלעך און ממילא קאָן דער גאַנצער מאַטעריאַליסטישער מאָניזם האָבען ניט מעהר ווי אַ זעהר היפּאָטעטישען בעדייט. אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר אויף אַ ווײַלע גאַנץ גוט מסכים זיין מיט העגעל'ן און ענגעלס'ן, אַז קאַנט'ס אַנטינאָמיעס טרעטען ארויס ניט נאָר אין אונזער שכל אין בעשטימטע זעלטענע פעלען, — דאָרטען, וואו דער שכל שפּרייזט אריבער די גרעניצען פון דער ערפאַהרונג, — נאָר אַז זיי ליעגען אויך איינגעוויקעלט אין יעדען אַקט פון אונזער דענקען און פון דעסטוועגען קאָנען מיר אויך יעמאָלט ניט ארויסדריגגען פון די סתירות, וואָס הערשען כלומרשט אין אונזער דענקען, אַז אויך די נאַטור מוז טראָגען אינוועניגסטע סתירות אין זיך. דערפון איז קלאָר, אַז די מאַטעריאַליסטישע מאָדיפיקאַציע פון דעם מאָניזם און דער אידענטיטעט־לעהרע, וועלכע מאַרקס האָט אריינגעטראָגען אין העגעל'ס פילאָסאָפיע, האָט פון זיי געמאַכט זעהר שלעכטע העלפער אויף צו בעגרינדען די דיאַלעקטישע לאָגיק.

נאָך אין אַ גרעסערען מאָס איז דאָס אמת פאר יענע פערענדערונגען, וואָס זענען אין דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע פאָרבעקומען מיט העגעל'ס לעהרע וועגען דעם בעגריף, ווי נאָר מאַרקס האָט אין איינעם מיט פייערבאַך'ן אָנגעהויבען איינזעהן, אַז דער „גייסט" איז „ אַ פּראָדוקט פון דער מאַטעריע".*)

אין דער אמת'ן. זיכט פייערבאַך האָט געמאַכט אַ תל פון דער בעגריפען־דיאַלעקטיק, האָט פאר מאַרקס'ן געמוזט ווערען קלאָר אַז די בעגריפען זענען ניט אַזוינע מעטאַפיזישע סובסטאַנצען, וואָס עקזיסטירען ערגעץ וואו אין דרויסען פון רוים און צייט. ער

*) פר. ענגעלס. לודוויג פייערבאַך, ז. 12—13 און 21.

האָט געמוזט מודה זיין פייערבאַך'ן, אַז „דעם דענקען דאַרף מען דערקלערען פון דעם זיין, און ניט דעם זיין פון דעם דענקען"*), אַ פּרינציפּ, וואָס האָט, ווי אַלעמען איז בעקאַנט, געגומען שפּילען די הויפּט ראָליע אין דער מאַרקסיסטישער געשיכטס-פילאָסאָפיע.**)

מאַרקס האָט געגומען פערשטעהן אונטער דעם וואָרט בעגריף ניט אַ וואָסער עס איז מיסטישען קערן, וואָס שליסט אין זיך איין און פון וועלכען עס וואקסען ארוים אַלע זאַכען און ערשיינונגען, וואָס ווערען ארומגענומען פון איהם, נאָר ניט מעהר, ווי אַ „מעהר אָדער ווייניגער אבסטראַקטע אָבשטעמפּלונג פון ווירקליכע זאַכען". ער האָט אָבער פערגעסען, אַז דער בעגריף, ווי אַ פּראָדוקט פון דער אבסטראַהיר-ארבייט פון אונזער שכל, האָט פאַר דער פילאָ־סאָפישער בעגרינדונג פון דער דיאַלעקטיק אַ גאַנץ אַנדער בע־דייט, איידער דער בעגריף — אַ סובסטאַנץ. ריכטיגער געזאָגט: ער האָט גאָר קיין בעדייט ניט, ווייל ער שליעסט ניט איין אין זיך דעם ג א נ צ ע ן סכום פון אַלע קאָנקרעטע זאַכען און זייערע קאָנקרעטע איינענשאַפטען, נאָר בעשטעהט גאָר פון אַ פּאָר סמנים זייערע. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ אבסטראַקטער בעגריף איז גאָר ניט מחויב צו האָבען אין זיך וועלכע עס איז אינוועניגסטע סתירות.

ביי העגעל'ן איז, ווי דער לעזער געדענקט, אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דאָרטען האָט, צ. ב., דער בעגריף: „איצטער" דעם ווידערשפּרוך פון „טאָג" און „נאַכט" און זיך גופא. „טאָג" און „נאַכט" זענען לויט העגעל, צוויי סותר'דיגע מאָמענטען, וואָס דרינגען דורך איינער דעם אַנדערען און אין זייער סתירות'דיגער איינהייט ליגען זיי אין דעם בעגריף „איצטער". דע־ריבער מוז יענער בעגריף זיך רעאַליזירען אין דער ווירקליכקייט באַלד אין דער פאָרם פון „טאָג", באַלד אין דער פאָרם פון „נאַכט". אַ דאַנק דעם אינוועניגסטען ווידערשפּרוך קאָן ער ניט פערזוכען קיין איין הרף־עין רוה. דאָס זעהט מען איין קלאָר. אָבער פאַר וואָס זאָל אויך דער מאַרקסיסטישער בע־

*) ל. פייערבאַך, ווערקע, בד. 2 (1846), ז. 263: „דאָס דענקען איסט אויס דעם זיין, גיכט דאָס זיין אויס דעם דענקען צו ערקלערען".

**) פגל. קאַרל מאַרקס. צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע (1859), ז. 4.

גריף, וואָס איז ניט מעהר ווי אַן אַבסטראַקציע, וועלכע דאַרף גאַר ניט אַריינגעהמען די סתירות'דיגע קאָנקרעטע איינגענשאַפטען אין זיך, — פאַר וואָס אויך ער זאָל זיין פול מיט אַ ווידעראַנאַנד צו זיך אַליין און ניט האָבען קיין ברעקעל מנוחה אויף דער וועלט, — דאָס קאָן מען בשום אופן ניט פערשטעהן.

מיר ווילען, פערשטעהט זיך, ניט זאָגען דערמיט, אַז מיר זאָלען בעטראַכטען די בעגריפען, ווי „אומבעריהרליכע, איין פאַר אַלע מאָל געגעבענע ענינים פון פאָרשונג". ווי אַלץ אין דער וועלט, האָבען אויך די בעגריפען זייער געשיכטע. זיי וויקלען זיך פאַנאַנדער אין דער צייט, און אין איינעם מיט דער צייט, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, בייטען זיי אויך זייער בעדייט. אָבער דאָס איז בשום אופן ניט קיין פועל־יוצא פון אינווענינגסטע סתירות, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ סך נאַטירליכערע, גאַנץ פשוט'ע טעמים.

אַז עס בייטען זיך איבער די ערשיינונגען, בייט זיך אויך איבער דער טייטש פון דעם בעגריף, וואָס דער מענש האָט אויפגעבויט פאַר זיי. ווערען אונזערע קענטניסען פאַנאַנדערגעוואַקסען אין דער ברייט און אין דער טיעף, מוזען, פערשטעהט זיך, אויך אונזערע בעגריפען צופאַסען זיך צו די נייע קענטניסען. און אַ חוץ דעם וואַריאירט דער בעטייט פון אַ בעגריף, ווען פערשיעדענע מענשען לעגען אין איהם אַריין אַ פערשיידענעם זין. ווען עס רעדט זיך אָבער וועגען אַ בעשטימטען בעגריף אין אַ בעשטימטען זין זיינעם, מוז ער גאַנץ זיכער בלייבען אומבעריהרליך, אַ איין פאַר אַלע מאָל געגעבענער ענין פאַר אָט דער געגעבענער אונטערזוכונג און — „ווען דו רעדסט וועגען „אלף", איז טראַכט וועגען „אלף" און ניט וועגען „בית" (האַרטמאַן).

דער היוצא מדברינו איז, אַז דער מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם איז בכלל ניט קיין גינסטיגע פלאַנצערד פאַר דער דיאַלעקטיק, ווייל זיין דערקענטניס־טעאָריע האָט ניט אין זיך קיין צווינגענדע קראַפט און זיין לעהרע וועגען בעגריפען נעהמט ביי די בעגריפען אַוועק יענעם אומרוה, יענעם ברען צו בעוועגען זיך, וואָס זיי האָבען געמוזט האָבען ביי העגעל'ן.

נאָך ערגער פאַר דער פילאָסאָפישער בעגרינדונג פון דער דיאַ־

לעקטיק זענען יענע ענדערונגען, וואָס מאַרקס האָט אריינגעטראָגען אין דער לעהרע וועגען רוים און צייט. זיי נעהמען אוועק אין גאַנצען די מעגליכקייט פילאָסאָפיש ווי עס איז צו פערענטפערען די נויטוועגדיגקייט פון א דיאַלעקטישען דענקען.

די ענדערונג, וואָס מאַרקס האָט, אין איינעם מיט פייערבאַך'ן, אריינגעטראָגען אין דער לעהרע פון רוים און צייט, בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט, ווי כמעט אלע מאַטעריאַליסטען, אָנגעהויבען גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון א „ריינעם" רוים און א „ריינער" צייט, וואָס זענען לגמרי אונאָבהענגיג פון די זאכען און די ערשיינונגען, מיט וועלכע זיי זענען אָנגעפילט.

רוים און צייט, זאָגט ענגעלס, זענען די גרונד־פאָרמען פון יעטוועדען „זיין" און גראָד דערפאַר, וואָס די צייט הענגט ניט אָב פון יענע ענדערונגען, וועלכע שפּילען זיך אָב אין איהר, קאָן מען מעסטען די צייט. די צייט, אין וועלכער עס קומען ניט פאָר קיין שום ענדערונגען, איז די „ריינע" צייט, די „אמת'ע", די צייט אין איהר אייגענעם זין. און דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם רוים. נאָר דער „ריינער" רוים, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט אָנגעפילט, איז דער „אמת'ער" רוים, דער רוים, ווי ער איז אין זיך גופא.*)

כדי צו פערשטעהן די ראָליע פון אזא בליק אויף רוים און צייט אין דער פילאָסאָפישער בעגרינדונג פון דער דיאַלעקטיק, מוז

---

*) די שטעלונג פון דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע צו דעם רוים־און־צייט־פּראָבלעם איז אַזוי וויכטיג, אַז מיר מוזען דאָ ברענגען דעם גאַנצען ציטאַט, וואָס אויף זיין סמך האָבען מיר אויבען איבערגעגעבען ענגעלס'עס בליק: „די גרונדפאָרמען אַללעס זיינס זינד רוים אונד צייט, אונד איין זיין אויסער דער צייט איסט איין עבענזאָ גראָססער אונזינן, ווי איין זיין אויסערהאַלב דעם רוימעס... נאָך העררן דיוהרינג עקסיסטירט די צייט נור דורך די פערענדערונג, ניכט די פערענדערונג אין אונד דורך די צייט. „עבען וויל די צייט פאָן דער פערענדערונג פערשיעדען, אונאַבהענגיג איסט", קאַנן מאַן זי דורך די פערענדערונג מעססען. דען צום מעססען געהערט איממער איין פאָר דעם צו מעססענדען פערשיעדענעס. אונד די צייט, אין דער קיינע ערקעננבאַרע פערענדערונגען פאָרגעהן, איסט ווייט ענטפערנט דאַפאָן, „קיינע" צייט צו זיין; זי איסט פיעלמעהר די „ריינע", פאָן קיינען פרעמדען ביימישונגען אַפפיצירטע אַלזאָ די „וואַהרע" צייט, די צייט „אַלס זאָלכע". אַנטי־דיוהרינג, ז. 41—42.

מען קודם־כל האָבען איין זין, אז די ראַליע איז ניט נאָר אזא פּשוט'ע וויִ עס קאָן זיך אויסדרוקען אויף דעם ערשטען שיין. נעהמט מען אָן מארקס'עס געדאנק וועגען רוים און צייט אין זיין גאנצער פאר־אריסטאָטעלישער נאאיוויטעט, מוז מען באמת זיך אויסאיינען ביז צו א געוויסען גראד מיט דעם דיאַלעקטישען דענקען. גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון א לעדיגען רוים הייסט אננעהמען, אז אן אבסאָלוטער גאָרנישט קאָן עקזיסטירען, און גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון א „ריינער" צייט הייסט צוגעבען, אז אן אבסאָלוטער גאָרנישט קאָן פליסען אייביג און ניט איבערגעריסענערהייד. וואָס דאַרף מען א בעסערען בעוויז פאר דער דיאַלעקטישער לאָגיק, וואָס זאָגט, אז זאכען קאָנען יע־עקזיסטירען און ניט־עקזיסטירען אין איין און דערזעלביגער צייט?

וויל מען דעריבער באמת מסכים זיין, אז רוים און צייט עקזיסטירען רעאַל ניט נאָר, ווי עמפּירישע ערשיינונגען, וואָס זענען אפשר געבונדען אָן דער מענשליכער פּסיכאָ־פיזישער אָרגאניזאציע, נאָר ווי מעטאפיזישע וועזענס, וואָס זענען א ברעקעל ניט געבונדען אָן אונזער ארט אָנשויען, ווי וועזענס, וואָס ליעגען אין גאנצען דרויסען פון אונז, מוז מען אויך מודה זיין אין זייער דיאַלעקטישען כאראַקטער. דאָס איז אפשר געוועזען איינער פון די טעמים, פאר וואָס מארקס און ענגעלס האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער עקזיסטענץ פון דעם „ריינעם" רוים און דער „ריינער" צייט. מארקס און ענגעלס האָבען אבער משמעות פארגעסען, אז, ניט קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען דיאַלעקטישען כאראַקטער פון רוים און צייט, זענען יענע „גרונד־פאָרמען פון דעם זיין" ניט נאָר ניט אין שטאנד צו בעגרינדען די דיאַלעקטיק אין אַלע אנדערע זאכען און ערשיינונגען פון דער וועלט, — אדרבא! זיי מאכען א תל פון יעדער דיאַלעקטיק אין די רומליך־צייטליכע ערשיינונגען.

ברענגט מען רוים און צייט פאר א קרבן דעם דיאַלעקטישען דענקען, קויפען מיר מיט דעם קרבן אויס אַלע איבעריגע רוימליך־צייטליכע ערשיינונגען פון דער נויטיגקייט צו האָבען וועלכע עס איז אינעווייניגסטע סתירות אין זיך.

די מעשה איז שוין געווען בעקאנט פייערבאך'ן, וואָס האָט אויך אזוי ווי מארקס געהאַלטען רוים און צייט פאר „וועזענטליכע

בעדינגונגען", „פאָרמען פון דעם שכל און געזעצען סיי פון דעם זיין, סיי פון דעם דענקען". ער, פייערבאַך, האָט אָבער אויסגע־נוצט דעם געדאַנק, כדי אין אַ מייסטערהאַפט קלאָרען אַנאַליז צו בעווייזען דעם גאַנצען באַנקראָט פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק.

„די עקזיסטענץ פון די ערשיינונגען אין דעם רוים", זאָגט ער, „דאָס איז דער א מ ת פון די לאָגישע פערשיידענקייטען". „די זון איז ניט דאָרטען, וואו דער מערקור. דער מערקור ניט דאָרטען וואו די ווענערע, דאָס אויג ניט דאָרטען וואו דער אויער און אזוי ו." „אָברוימען פאר די פערשיידענע זאַכען פערשיידענע ע ר ־ ט ע ר, ר ו י מ ל י ך פאַנאַנדערשיידען, וואָס איז קוואַליטאַטיוו פערשיידען — אָט דאָס איז דער בעדינג פון יעדער עקאָנאָמיע, אפילו דער שכל'דיגער". און בנוגע צו דער צייט, זאָגט פייערבאַך: „נאָר די צייט גיט אונז אַ מיטעל אין די הענד, וואָס דורך איהם קאָנען מיר אין איין־און־דעמזעלביגען וועזען פעראייניגען די גע־גענזעצליכע און ווידערשפּרעכענדע אייגענשאַפטען אזוי, ווי זיי ווערען פעראייניגט אין דער ווירקליכקייט".*)

הייסט עס, קורץ און גוט: איין־און־דיזעלביגע זאַך קאָן ניט אין איין־און־דערזעלביגער צייט זיין זי אליין און נאָך עפּעס אַן אַנדער זאַך פּשוט דערפאר, וואָס די ווידערשפּרעכענדיגע איי־גענשאַפטען, וועלכע מיר שרייבען־צו יענער זאַך, זענען אָבגע־טיילט איינע פון די אַנדערע אָדער אין דעם רוים, אָדער אין דער צייט.

מיר האָבען ביז אַהער דורכגעמוסטערט די פילאָסאָפישע אַנ־שויאונגען פון דעם מאַרקסיזם, וואָס קאָנען האָבען אַ שייכות, — אַ פּאָזיטיווע אָדער אַ נעגאַטיווע, — צו דער דיאַלעקטישער לאָגיק, און אונזער לייסטער וואָלט ניט געוועזען פאָרפול, ווען מיר וואָלטען דורכגעלאָזען יענעם בעוויז פאַר דאָס דיאַלעקטישע דענקען, וועלכען ענגעלס געפינט אַרוים אין דער גאַנצער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון דער פילאָסאָפיע. ער איז אַהן שפּאַס איינגעגלויבט אַז א ל ע בעסערע דענקער און פילאָסאָפען האָבען געהאַלטען פון דער ווידער־שפּרוך־לאָגיק, און אַז די גאַנצע געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע

*) פייערבאַך, ווערקע, בד. 2, ז. 332—335.

דערהויפּט פון קאַנט'ן אַז, האָט געשטרעבט ארויסצואַרבייטען דעם מעטאָד פון דענקען, וואָס איז אַזוי טייער ענגעלס'ן.*)

אין גאַנצען פּאַנאַנדערקלייבען זיך אין יענעם בעוויז קאָנען מיר איצטער ניט, ווייל ער איז פערבונדען מיט דעם אַנאַליז פון דעם מאַרקסיסטישען „היסטאָריזם", וואָס לערנט, אַז די אמת'ן זענען נאָר אמת'ן פאַר פערשיידענע, בעגרעניצטע היסטאָרישע עפּאָכען און אַז דער לעצטער גליעד פון אַ היסטאָרישער ענטוויקלונג איז דער לעצטער אמת פאַר יענעם ענין, וואָס האָט זיך היסטאָריש ענטוויקעלט. דער „היסטאָריזם" איז איינער פון די גרונד־זיילען, אויף וועלכע עס רוהט די מאַרקסיסטישע מעטאָדען־לעהרע. איצטער זיך אָבגעבען מיט איהם וואָלט הייסען אריבערשרייטען די גרעניצען פון אונזער איצטיגער אַרבייט. לאָמיר זיך דעריבער בענוגענען מיט אַ פּאָר בעמערקונגען.

ערשטענס, האָט די גריכישע פילאָסאָפיע ניט אין איהר גאַנצען פערנעהם געהאַלטען פון דעם דיאַלעקטישען דענקען. די איינציגע, געהאַלטען ... ענטליכע דיאַלעקטישע לאָגיק האָט געהערשט נאָר אין דעם פאַרסאָקראַטישען פּעריאָד פון איהר ענטוויקלונג, דער עיקר ביי העראַקליט און די סאָפיסטען, הייסט עס, אין אַזאַ צייט, ווען די פילאָסאָפיע איז נאָך אליין ניט געוועזען קלאָר אין די גרונד־געזעצען פון דעם מענשליכען דענקען.

אריסטאָטעל'ן האַלט ענגעלס פאַר דעם אוניווערזאַלסטען קאָפּ צווישען די גריכישע פילאָסאָפען, וואָס זענען, נאָך זיין מיינונג נאָך, אַלע געוועזען געבוירענע דיאַלעקטיקער. אויך איהם שפּאַנט ענגעלס איין אין זיין פילאָסאָפישען טריאומף־וואָגען, ווייל ער האָט „אויסגעפאָרשט די וועזענטליכסטע פאָרמען פון דעם דיאַלעקטישען דענקען".**)

ענגעלס פערגעסט אָבער צו דערצעהלען, אַז אריסטאָטעל איז געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט בעגרינדעט דעם ל אָ ג י ש ע ן ווידערשפּרוך־געזעץ און האָט בעוויזען זיין אבסאָלוטע נויטיגקייט פאַר דעם מענשליכען דענקען. געוויס האָט ער אויך אויסגעפאָרשט

---

*) אַנטי־דיוהרינג. ז. 15 און 5.

**) דאָרטען גופא.

די „וועזענטליכע פאָרמען פון דעם דיאַלעקטישען דענקען“, אָבער ער האָט דאָס געטהאָן, כדי קלאָר צו מאַכען, פאַר וואָס מען טאָר זיך אויף זיי ניט פערלאָזען.

צווייטענס. די ווידערבעלעבונג פון דער דיאַלעקטיק אין דער קלאַסישער דייטשער פילאָסאָפיע און דאָס שטרעבען פון יענער פילאָסאָפיע צו העגעלס דיאַלעקטיק איז נאָך אבסאָלוט קיין בעווייז ניט, אז די דיאַלעקטישע לאָגיק איז ריכטיג. לאָמיר ניט פערגעסען, אז די דייטשע פילאָסאָפיע האָט געשטרעבט צו אַ סך אזוינס, וואָס ענגעלס אליין וועט מודה זיין, אז עס האָט זיך ניט געלוינט צו יאָגען זיך נאָך דעם. מיר וועלען נאָר דערמאָנען אָן העגעל׳ס „אבסאָלוט“.

אויף אַזאַ׳ן אופן זעהען מיר, אז קיין איינע פון די פילאָסאָפישע פאָרבעדינגונגען, וואָס זענען געלעגען אויף דעם גרונד פון דער העגעל׳שער דיאַלעקטיק קאָנען, אויף דעם פעלד פון דעם מאַטעריאַליזם, ניט בעגרינדען אַ־פּריאָרי די דיאַלעקטישע לאָגיק פון מאַרקס.

עס בלייבט פאַר אונז דעריבער נאָך פאָנאַנדערצוקלייבען זיך אין די צוויי אַנדערע וועגען, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען בעגרינדען די ריכטיגקייט פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק: ערשטענס — אנאַליזירען יענע קריטישע אָנפאַלען, וועלכע די דיאַלעקטיק מאַכט אויף דער פאָרמאַלער לאָגיק און צווייטענס אָבשאַצען יענע פאַקטען, מיט וועלכע ענגעלס אילוסטרירט און בעקרעפטיגט זיינע גרונד־הנחות.

4.

די קריטיק פון דער פאָרמאַלער לאָגיק ביי העגעל און מאַרקס.

מיר זיינען געבליבען שטעהן ביי דעם בעווייז, אז קיין איינע פון די פילאָסאָפישע פאָרבעדינגונגען, וואָס ליגען אויף דעם גרונט פון העגעל׳ס דיאַלעקטיק, קאָן ניט בעגרינדען די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק אַ־פּריאָרי און אז עס בלייבען נאָר צוויי וועגען, ווי אַרויסצובריינגען די ריכטיגקייט פון דער דיאַלעקטישער לאָגיק:

ערשטענס די קריטיק פון דעם „מעטאַפיזישען“ דענק־מעטאָד, וואָס דאַרף בעווייזען די פאַלשקייט פון דער פאָרמאַלער לאָגיק, און צווייטענס די פאַקטען פון דער וויסענשאַפט און דעם לעבען, וואָס זאָלען אונז צווינגען צו גלויבען אין דעם אמת פון איהר היפך, — דער דיאַלעקטיק.

מיט דעם ערשטען פון די צוויי וועגען וועלען מיר זיך איצטער בעשעפטיגען.

לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי ענגעלס כאַראַקטעריזירט דעם מעטאַפיזישען טיפּ דענקען. דער מעטאַפיזיקער, זאָגט ער, דענקט אין אונמיטעלבאַרע היפּכים. זיינע רעד בעשטעהען פון „יע־יע“, „ניין־ניין“... פאַר איהם עקזיסטירט אַ זאַך, אָדער זי עקזיסטירט ניט. פאַר איהם קאָן די זאַך ניט זיין זי גופא און אין דערזעלביגער צייט עפּעס אַן אַנדער זאַך. פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו שליסען איינס דאָס אַנדערע אַבסאָלוט אויס“.

שוין פריהער, בעת מיר האָבען ציטירט די גאַנצע שטעל, האָבען מיר בעמערקט, אַז יענע כאַראַקטעריסטיק וויל חוזק מאַכען פון די דריי העכסטע געזעצען פון דער לאָגיק.

ליידער האָבען ענגעלס און מאַרקס זיך ערגעץ ניט אַריינגעלאָזען אין אַ טיעפערען אַנאַליז פון יענע געזעצען, כדי די פאַלשקייט פון זיי ניט נאָר צו אילוסטרירען מיט איינצעלנע ביישפּילען, נאָר אויך צו בעווייזען אויף דעם גרונט פון אַן אַלגעמיינער, פּרינציפּיעלער קריטיק. זיי האָבען משמעות, געגלויבט, אַז אַזאַ'ן אַרבייט איז שוין אין גאַנצען איבעריג, נאָך דעם ווי העגעל האָט אַזוי פיעל מיה אָנגעווענדעט, זי דורכצופיהרען.

על כל פנים, בעגעהט זיך ענגעלס מיט דער פראַגע, אַקוראַט ווי זי וואָלט שוין לאַנג־לאַנג געווען אַ פערענטפערטע, און אַ פערענטפערטע, פערשטעהט זיך, צו גונסטען פון דער דיאַלעקטיק. און צו דער דיאַלעקטישער לאָגיק שטעלט ער זיך, ווי צו אַ שטה, וואָס איז שוין לאַנג און אומעטום אָנגענומען געוואָרען אין דעם פילאָסאָפישען געדאַנק, אַנטקעגען וועלכער עס קאָן נאָר קעמפען אַזאַ שגעון, ווי דער אָבגעשטאַנענער דיוהרינג.

איך ווייס ניט, צי עס איז נויטיג אָבצושטעלען זיך באריכות אויף דעם בעווייז, אַז אַזאַ שטעלונג צו דעם פּראָבלעם שטימט

אַ ברעקעל ניט צונויף מיט דער ווירקליכער לאַגע אין דעם וויסענשאַפטליכען און דעם פילאָסאָפישען געדאַנק.

אַחוץ מאַרקס, ענגעלס און אַ צוויי־דריי פון זייערע פילאָסאָפישע אָנהענגער, גלויבען נאָך איצטער אין דער דיאַלעקטישער לאָגיק די באמת־אָבגעשטאַנענע, פערמאַרינירטע פילאָסאָפען פון דער „פילאָסאָפישער געזעלשאַפט“ אין בערלין (אויב זי לעבט נאָך אויף דער וועלט) און אפשר נאָך אַזעלכע גאָר ניט קיין פערזענטאַבעלע פיגורען, ווי יוליאוס באַהנזען, דער מחבר פון אַ צוויי בענדיגען ווערק: „דער ווידערשפּרוך אים וויסען אונד וועזען דער וועלט“, וואָס האָט, ווי עס ווייזט אויס, אויך „גערעטעט“ און ערגעץ־וואו־הין „אַריבערגעטראָגען“ די העגעל׳שע דיאַלעקטיק.*)

אָנווייזען אויף דעם מאָדערנעם געדאַנק האָבען דעריבער די מאַרקסיסטען אין ד ע ר פראַגע נאָך אַ סך ווייניגער רעכט, איידער אין אַלע אַנדערע פראַגען, סיידען מען זאָל אונטער דעם „מאָדערנעם געדאַנק“ פערשטעהן נאָר די ווערק פון קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס.

אָבער אויך אין דעם פאַל וואָלט דאָס געהייסען אינדירעקטערהייד אָבשיקען צו ה ע ג ע ל ׳ ן. און דעריבער מוזען מיר, אויב מיר ווילען בעקאַנט ווערען מיט דער מאַרקסיסטישער קריטיק פונ׳ם „געזונטען מענשענפערשטאַנד“, זיך ווענדען צו איהר ערשטען קוואַל, צו העגעל׳ס „לאָגיק“.

מיר ווערען זיך דערביי בענוגענען ניט מעהר, ווי מיט דעם אַנאַליז פון יענע אַרגומענטען, וועלכע העגעל האָט אַרויסגערוקט דירעקט אַנטקעגען די דריי העכסטע געזעצען פון דעם פאָרמאַללאָגישען דענקען. דערביי וועלען מיר געפינען, אז העגעל׳ס טענות און פּלפּולים האָבען אַ געוויסען וואָג נאָר אויף דער טעריטאָריע פון דעם העגעל׳שען אידעאַליזם. מחוץ לתהום פון העגעל׳ס פילאָסאָפיע פערלירען זיי יעטווועדען זין, און דער מאַרקסיזם מאַכט ניט קיין אויסנאַהם אין דעם פונקט; אויך לויט די יסודות פון זיין פילאָסאָפיע פערלירט העגעל׳ס אַרגומענטאַציע איהר גאַנצען ווערטה.

---

*) וועגען באַהנזענען, זעה האַרטמאַן׳ס: „פילאָסאָפישע פראַגען דער געגענוואַרט“, דעם קאַפּיטעל: „די רעאַל־דיאַלעקטיק“. —

לאָמיר אָנהויבען מיט דער קריטיק פון יענעם ערשטען געזעץ פון דעם לאָגישען דענקען, וואָס רופט זיך דער געזעץ פון אידענטיטעט און וואָס זאָגט, אז יעדע זאַך איז אידענטיש מיט זיך אליין, אָדער אַז „אַלף איז גלייך אַלף". די גאַנצע העגעל'שע קריטיק פון יענעם געזעץ אויף וויפיעל זי פערדיענט אַנאַליזירט צו ווערען, ציהט זיך צונויף צו צוויי פונדאַמענטאַלע פונקטען.

ערשטענס ווארפט העגעל ארויף אַ חשד פון ספק אויף יענעם גלויבען, אז דער דאָזיגער געזעץ איז אַלגעמיין־גילטיג, ד. ה. אַ געזעץ פאַר יעטוועדען דענקענדען מוח. קיינער, זאָגט ער, קאָן קיין מאָל ניט דערווייזען, אַז אַלע מענשען זאָלען על פי הכרח מוזען גלויבען אין דעם זאַץ פון אידענטיטעט. מען ווייזט אָן אויף די מענשליכע ערפאַהרונג. אָבער אין דער אמת'ען בעטייט דאָס נאָר, אז מיר שיקען אָב די פראַגע צו דער אינדיווידועלער ערפאַהרונג פון יעדעם איינעם און דערביי זענען מיר זיכער, אז „אויב מען וועט ווען עס איז זאָגען: „אַלף איז אַלף, אַ בוים איז אַ בוים, וועט יעדער תיכף ומיד מסכים זיין מיט דעם". אָבער דאָס הייסט דאָך נאָך ניט, אז „דער עקספּערימענט מיט דעם אַבסטראַקטען זאַץ — אַלף גלייך אַלף — זאָל מען האָבען דורכגעמאַכט מיט יעטוועדען בעוואוסטזיין". ממילא איז די זיכערקייט, אַז דער אידענטיטעט־זאַץ איז אַלגעמיין־גילטיג, אויפגעבויט ניט מעהר, ווי אויף „דער פערזיכערונג, אַז ווען מען וואָלט געמאַכט אַזאַ פּרואוו, וואָלט מען אין דעם רעזולטאַט בעקומען זיין אַלגעמיינע אַנערקענונג".*)

העגעל'ס גאַנצער ארגומענט איז דאָ אויפגעבויט, לויט אונזער מיינונג, אויף אַן אונבעוואוסטען אָדער מיט־אַ־כיוון'דיגען צונויפּפּלאָנטערען פון צוויי ענינים. בעת ער גיט איבער די מיינונגען פון דעם געגנער, רעדט ער וועגען עמפּירישע אינדעטיטעטזאַצען, ווי צ. ב. אַז אַ בוים איז אַ בוים, גאָט איז גאָט. און בעת ער ענטפערט דעם געגנער האָט ער שוין אין זין נאָר די אַ ב ס ט ר אַ ק ט ע פ אָ ר מ ע ל פון אַלע יענע זאַצען: אַלף גלייך אַלף. עס איז אָבער אַ גרויסע נפקא מיניה צווישען די צוויי ענינים.

*) העגעל'ס לאָגיק. בד. 2. ז. 34.

אויב מען וואָלט געוואָלט פּרואווען אויף אַלע מענשען דורכפיהרען דעם עקספּערימענט מיט דער אַבסטראַקטער פאָרמעל פון דעם אידינטעט־זאַץ, וואָלט מען געקאָנט לכתחילה פאָראויס זאָגען, אַז ער וועט זיך בשום אופן נים איינגעבען. צווישען די ווענינגעבילדעטע אָדער נאָך נים דערוואַקסענע, וואָס זענען נים געוועהנט צו דעם אַבסטראַקטען דענקען, וועלען זיך געווים געפינען אויך אַזוינע, וועמען יענער געזעץ וועט אין גאַנצען מטושטש מאַכען, און פון דעסטוועגען וועט קיינער פון זיי קיינמאָל נים זיין אין ספק, אַז א בוים איז אַ בוים און אַ שטאָט אין אַ שטאָט.

שוין לאָקק האָט ריכטיג בעמערקט וועגען דעם זאַץ פון ווידערשפּרוך, אַז קינדער דערוויסען זיך פון דער ערפאַהרונג, אַז „ביטער איז נים זים“, א סך פריהער איידער זייער מוח קאָן בענעהמען די אַבסטראַקטע פאָרמעל פון דעם ווידערשפּרוך־זאַץ, אַז „אַלף איז נים־אַלף“. דער לאָגישער אידענטיטעט־זאַץ: „אַלף גלייך אַלף“ איז דאָך אָבער נים קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די אַבסטראַקטע פאָרמעל פאַר אַלע עמפּירישע אידענטיטעט זאַצען און פאַלט אין גאַנצען מיט זיי צונויף. און אויב קיינער איז נים אין ספק, אַז א שטאָט איז אַ שטאָט און דגל., קאָן אויך קיינער נים חושד זיין דעם אמת פון „אַלף גלייך אַלף“.

געווים מוז מען מודה זיין, אַז אַזאַ מין עקספּערימענט מיט די עמפּירישע אידענטיטעט־זאַצען איז נאָך נים געמאַכט געוואָרען און קאָן קיין מאָל נים דורכגעפיהרט ווערען אויף אַלע מענשען. דעריבער בלייבט די אַלגעמיינגילטיגקייט פון דעם אידענטיטעט־זאַץ נאָך עד היום נים מעהר ווי אַ זעלבסטפערשטענדליכע „פערזיכערונג.“

אָבער אַז אַזאַ „פערזיכערונג“ איז געבויט אויף אַ גוטען פונדאַמענט האָט העגעל געמאַגט איינזעהן שוין פון דעם פאַקט אליין, וואָס אַלע מענשען, וואָס זענען נאָר ביים קלאָרען פערשטאַנד, ווייזען ארוים אַ געוויסע פראַקטישע טעטיגקייט. די פראַקטיקע אָבער, — און דאָס האָט העגעל אליין, ווי מיר האָבען געזעהן, געמוזט מודה זיין, איז איינגעפונדעוועט אויף די דענק־פאָרמען פון דעם „פערשטאַנד“, ד. ה. אויך אויף דעם אידענטיטעט־זאַץ בתוכם

און בכלל איז די פּראַקטיקע דער בעסטער בעווייז, אז מיר דענקען לאָגיש און ניט דיאַלעקטיש.

אַ צווייטע טענה העגעל'ס אַנטקעגען דעם זאַץ, וואָס אינטערעסירט אונז איצטער, בעשטעהט אין דעם, וואָס ער, דער זאַץ „איז אין זיין פּאָזיטיווען אויסדרוק, אַלף גלייך אַלף, ניט מעהר ווי דער אויסדרוק פון אַ וויסטער טאַוטאָלאָגיע. און דעריבער, זאָגט ער ווייטער, „האָט מען שוין לאַנג ריכטיג בעמערקט, אז יענער געזעץ פון דענקען האָט ניט קיין ברעקעל אינהאַלט און פיהרט ניט צו ווייטערע רעזולטאַטען."*)

די טענה איז אין זיך גופא זעהר אַ ריכטיגע און דערמאָנען דעם עולם וועגען איהר איז אין העגעל'ס צייטען נאָך געוויס ניט געווען קיין איבעריגע זאַך, ווייל, ניט קוקענדיג אויף קאַנט'ס טיעפע און גרינדליכע אויספאָרשונגען אין דער דערקענטניס-טעאָריע, האָט נאָך יעמאָלט ניט אויפגעהערט דער גלויבען, אז די פאָרמאַלע לאָגיק איז אַ קוואַל פון אונזער דערקענטניס.

אָבער העגעל'ס ריכטיגע טענה ריהרט אַ ברעקעל ניט אָן די ריכטיגקייט פון יענעם לאָגישען געזעץ גופא. אין דער אמת'ען דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז די פאָרמעל: „אַלף גלייך אַלף", — ווי אויך אַלע אַנדערע לאָגישע געזעצען בכלל, — קאָן ניט דיענען ווי א וועג-ווייזער אויף דעם פעלד פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. זיי זענען אָבער, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, אַ התראה-אויפשריפט. די התראה-אויפשריפט, וואָס שטעהט ביי דער גרעניץ פון יעדער וויסענשאַפט איז מתרה יעדען איינעם, ער זאָל ניט אַריבערטרעטען דעם גבול פון דענקען, ווייל דאָס קאָן זיין אַ סכנה פאַר די רעזולטאַטען פון זיין פאָרשען.

און אַז אַזאַ התראה-אויפשריפט קאָן צייטענווייז זיין זעהר אַ ניצליכע זאַך, — דאָס בעווייזט אונז דער ביישפּיעל פון דער דייטשער קלאַסישער פילאָסאָפיע, וואָס האָט געפונען איהר קלאָגליכען סוף אויף יענער זייט גרעניץ פון דער פאָרמאַלער לאָגיק. איצטער, אז מיר ווייסען שוין דעם צרה'דיגען גורל פון דער דייטשער קלאַסישער פילאָסאָפיע, וואָלט מען צו דער התראה נאָך

*) ד. ג. ז. 46.

קאַנט צושרייבען: „דאָ איז פעראומגליקט געוואָרען און זיך אראָבגעקאָלערט אין אָבגרונט די טיעפזיניגסטע פון אַלע פילאָסאָפיען“.

העגעל׳ס איבעריגע ארגומענטען, וואָס דארפען בעווייזען די פאַלשקייט פון דעם אידענטיטעט־זאַץ זענען אָדער ריינע סאָפיסטיק, ווי צ. ב. ווען ער לעגט פאַנאַנדער דעם געדאַנק, אַז דער אידענטיטעט־זאַץ שליעסט אין זיך גופא איין דעם ווידערשפרוך, ווייל אידענטיטעט, איינערלייקייט איז דאָך פערשיידען פון פערשיידענקייט, ממילא האָט דאָס אין זיך אין דערזעלביגער צייט אי די איינערלייקייט, אי די פערשיידענקייט, אָדער זיינע טענות האָבען נאָר א זין אין די גרעניצען פון זיין אייגענער, העגעל׳שער פילאָסאָפיע, ווי צ. ב. ווען ער זאָגט, אַז יעדע בעשטימטקייט איז אַן איבערגאַנג צו א גערענזאַץ; אָדער זיי בעשטעהן אויס איראָניע און חוזק־מאַכען פון דעם לאָגישען דענקען, וואָס דאָס איז, ווי יעדער סאָוס, גוט נאָר יעמאָלט, ווען ער ווערט סערווירט צו א סאָלידערען מאכל.

לאָמיר דאָ בעמערקען, אַז א גרויסען טייל פון יענע העגעל׳שע סאָפיזמען האָט מאַרקס אריבערגענומען אין זיין „קאַפיטאַל“, דערהויפט אין זיין ווערט־לעהרע, וואו צ. ב. זיין אַנאַליז פון דער פאָרמעל: 20 ארשין לייווענט גלייך 20 אַרשין לייווענט און די ווידערשפרוכען, וואָס ער געפינט אין איהר, זעהען זעהר ענהליך אויס צו העגעל׳ס אַנאַליז פון דער פאָרמעל: „אַלף גלייך אַלף“.

מיר רעכענען פון דעסטוועגען ניט פאַר נויטיג אָבצושטעלען זיך דאָ און קריטיש פאַנאַנדערפּאַלמעסען יענע אַבסטראקטע דיאַלעקטיק פון מאַרקס׳עס „קאַפיטאַל“, ווייל מיר זענען אַליין ניט זיכער: האָט מאַרקס באמת געגלויבט אין די אַלע דיאַלעקטישע קונץ־שטיק, אָדער ער האָט פשוט מיט א כיוון קאָקעטירט מיט העגעל׳ס גאַנגען אין בעוויז, ווי ער האָט מיט א כיוון „קאָקעטירט“ (זיין אייגענער אויסדרוק) מיט העגעל׳ס טערמינאָלאָגיע.

על־כל־פנים, וואָלט אויך אויף דעם ביישפּיעל פון מאַרקס׳עס „20 אַרשין לייווענט גלייך 20 אַרשין לייווענט“ ניט שווער געווען צו בעווייזען, אַז די דיאַלעקטישע קריטיק פון דעם אידענטיטעט־זאַץ האַלט ניט אויס קיין קריטיק, ווייל זי איז כמעט אין גאַנצען אויפגעבויט אויף יענעם געדאַנק, אַז שוין די פשוט׳ע פערשיידענקייט

איז אזוי גוט ווי אַ ווידערשפּרוך, — אַ געדאַנק וואָס איז גאַנץ ייכטיג, ווען מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון העגעל'ס בעגריפס־לעהרע. דער געדאַנק ווערט אָבער מגולגל אין אַ קלאָרען סאָפיזם, ווי נאָר מען פערלאָזט, אין איינעם מיט מאַרקסען, העגעלס בליק אויף דעם בעגריף.

די קריטיק פון די צוויי אַנדערע אויבערשטע געזעצען פון דעם לאָגישען דענקען, — דעם זאַץ פון ווידערשפּרוך און פון אויסגעשלאָסענעם דריטען, — איז ביי העגעל'ן אקוראט אזוי שוואַך פונדאמענטירט, ווי זיין קריטיק פון דעם אידענטיטעט־זאַץ. דער רעזולטאט, צו וועלכען ער קומט, קאָן פאָרמולירט ווערען מיט זיינע אייגענע ווערטער אזוי: „גלייכקייט איז אין דערזעלביגער צייט גלייכקייט און ניט־גלייכקייט; ניט־גלייכקייט — אין דערזעלביגער צייט ניט־גלייכקייט און גלייכקייט“.*)

די פיין צונויפגעפלאָכטענע סאָפיזמען, וואָס מיט זייער הילף האָט העגעל ארויסגעבראַכט יענעם רעזולטאַט, זענען אין גאַנצען פנאַנדערגעקניפּעלט געוואָרען פון הארטמאַנען און ווערען צוריקגעפיהרט צו דער פּשוט'ער „ענטדעקונג“, אז יעדער איינער פון יענע בעגריפען איז, ערשטענס, ג ל י י ך צו זיך אליין און דערנאָך אונטערשיידעט ער זיך פון זיין היפך. הייסט ע־, אז ער איז גלייך און ניט גלייך אין איין־און־דערזעלביגער צייט.

הארטמאַן האָט אָבער ניט בעמערקט, אז העגעל אליין האָט אַלע מאָל גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס די „זיך־גופא־פרעמד־געוואָרענע רעפלעקסיע“, ווי ער רופט אָן די פאָרמאַלע לאָגיק, קאָן איהם ענטפערען. די „זיך־גופא־פרעמד־געוואָרענע רעפלעקסיע“ מיידט אויס אַלע נעצען פון דער העגעל'שער סאָפיסטיק מיט דער פּשוט'ער בעמערקונג, אז יענע בעגריפען „אויף וויפיעל זיי זענען גלייך איינער צו דעם אַנדערען, אויף אַזוי פיעל קאָנען זיי ניט זיין ניט גלייך“.**) העגעל ענטפערט אָבער דערויף, אז די אלע קאָמפּראָמיס־פאָרמולען: „אויף וויפיעל — אויף אזוי פיעל“; „פון איין זייט — פון דער אנדער זייט“ און „נעהמט מען אין אַנבעטראַכט“, דאַרפען ניט אָנשטעהן פאר אַ טיפען דענקער. עס פערשטעהט זיך, אז ווען מען

*) ד. ג. ז. 42.

**) ד. ג.

וואַרפט זיי אַלע אַראָב פון חשבון, מוזען מיר קומען צו דעם אויפ־פיהר, וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר דער דיאַלעקטיק:

„אויב צוויי זאַכען, זאָגט העגעל, זענען ניט אין גאַנצען גלייך איינע צו דער אַנדערער, זענען זיי אין איין־און־דערזעלביגער צייט גלייך און ניט־גלייך. גלייך זענען זיי שוין אין דעם אליין, וואָס זיי ביידע זענען זאַכען און זענען בכלל צוויי, — יעדע איינע פון זיי איז דאָך אַ זאַך און יעטוועדע שטעלט מיט זיך פאָר איינס, הייסט עס יעטוועדע איז די זעלביגע זאַך, וואָס די אַנדערע, — און ניט גלייך זענען זיי לויט דעם אָננעהם".*)

די מעשה דערפון איז אָבער, — זאָגען מיר צו דעם מאַרקסיזם, — וואָס אַראָבוואַרפען אָט די אַלע „אויף וויפיעל — אויף אַזוי פיעל" פון חשבון האָט אַ רעכט נאָר דער, וואָס שטעהט אין די גרע־ניצען פון העגעל'ס בעגריפס־לעהרע. אויב איינער גלויבט, אין איי־נעם מיט העגעל'ן, אַז „גלייכקייט" און „ניט גלייכקייט" זענען צוויי מאָמענטען פון איין־און־דעמזעלביגען בעגריף: „פערשיידענקייט", — צוויי מאָמענטען, וואָס דאַרפען „אַריינדרינגען איינער אין דעם אַנדערען", כדי זיי זאָלען קאָנען וואוינען אין איין־און־דעמזעלביגען בעגריף, — יעמאָלט, פערשטעהט זיך, האָבען די אַלע „נעהמט־מען־אין־בעטראַכט"ען קיין ברעקעל בעדייט ניט. אָבער פאַרוואָס מאַרקס וויל זיי ניט נעהמען אין בעטראַכט קאָן מען שוין לחלוטין ניט פער־שטעהן. ניט האָט ער דאָס ערגעץ־וואו דערקלערט, ניט קאָן דאָס דערקלערט ווערן פון דעם שטאַנדפונקט פון דער מאַרקסיסטישער בעגריפס־לעהרע.

נאָך מאַרקס'ען זענען דאָך די בעגריפען ניט מעהר, ווי אַ מעהר אָדער ווייניגער אַבסטראַקטע קאָפּיע פון די ווירקליכע זאַכען. בתור אַבסטראַקציע איז דער בעגריף נאָר אויף אַזוי פיעל אמת, אויף ווי פיעל ער אַבסטראַהירט פון אַלע אַנדערע איינענשאַפטען פון די זאַכען און שטרייכעלט אונטער זייער בשותפות'שע סימנים. אַ פּאַלאַץ און אַ דאָרף־הייזעל האָבען געוויס אַ סך בשותפות'שע סימנים, לויט וועלכע מען קאָן זיי אַרומ־נעהמען מיט איין בעגריף. אָבער זייער גלייכקייט איז פאַרט אַן

*) ד. ג.

אַבסטראַקציע, וואָס האָט אַ ווערטה און אַ קראַפט נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל מען אַבסטראַהירט פון זייער פערשיידענקייט. און דער קריטיקער פון דער „אַבסטראַקטער גלייכהייט" אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען האָט וועניגער פון וועמען עס איז אַן אַנדערען געדאַרפט זיך לאָזען פאַנגען אין דעם נעץ פון דער העגעל'שער סאָפיסטיק.

מיר ווייסען שוין, אַז אויך דעם געזעץ פון דעם אויסגעשלאָסע־נעם דריטען לייקענט ענגעלס אָב אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון דער מעטאַפיזישער דענק־מעטאָדע. „פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו שליסען איינס דאָס אַנדערע אויס!" — איראָניזירט ער אויף זיין חשבון.

און — ווידער אַמאָל — עס איז גרינג צו פערשטעהן, פאַר־וואָס אַזאַ געדאַנק מוז אויסקומען לעכערליך, ווי נאָר מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון העגעל'ס לאָגיק. „פּאָזיטיוו" און „נעגאַטיוו" זענען דאָך, לויט העגעל, קודם כל צוויי מאָמענטען פון איין־און־דעמזעלביגען בעגריף, דאַרפען זיי „איינער דעם אַנדערן דורכדרינגען" וכו'. הייסט עס, אַז אויב דער פערשטאַנד נעהמט פאַנאַנדער די צוויי מאָמענטען, בעווייזט ער דערמיט (אַזוי מיינט העגעל), אַז ער איז ניט בכוח אַריינצונעהמען אין זיך דעם „ספּעקו־ליאַטיווען" זין פון דעם בעגריף.

אָבער יענס איז דאָך העגעל און דאָס איז גאָר מאַרקס. וואָס דער אידעאַליסט העגעל מעג, טאָרען ניט טהאָן די מאַטעריאַליסטען מאַרקס און ענגעלס. זיי טהוען דאָס אָבער. העגעל'ס קריטיק פון דעם דריטען לאָגישען געזעץ געפינט ענגעלס פאַר בעזונדערס וויכטיג; דער עיקר איז ער מסכים מיט דער קרי־טיק פון יענער „פלאַטשיגקייט" פון אונזער פערשטאַנד, וואָס אַ דאַנק איהר בעטראַכטען מיר דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע ווי צוויי פערשיידענע, נאָך מעהר, ווי צוויי אַנטגעגען־לויפענדע ריכטונ־גען פון איין־און־דערזעלביגער ערשיינונג. *)

לאָמיר דעריבער זעהן, ווי העגעל קריטיקירט די דאָזיגע „פלאַטשיגקייט".

---

*) זעה אַנטי־דיוהרינג. ז. 122. די גאַנצע שטעל ברענגען מיר אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל.

„אַ שעה וועג אין דער ריכטונג צו מזרח און אַקוראַט אַזוי פיל שעה אין דער אומגעקעהרטען ריכטונג צו מערב זענען מבטל דעם ערשטען וועג", אַקוראַט ווי מינוס אלף און פּליוס אלף זענען גלייך נול. אָבער דאָס איז נאָר על פּי דעם פערשטאַנד. על פּי דעם העכערען שכל, וואָס טראַכט דיאַלעקטיש, קומט דאָס אויס אַנדערש. „דער וועג", זאָגט העגעל, „וואָס איז דורכגעגאַנגען געוואָרען אין דער ריכטונג צו מזרח און צוריק צו מערב, שטעלט מיט זיך פאָר אַ סומע פון צוויי פעריאָדען צייט". ובכן זענען די צוויי וועגען ניט גלייך נול, נאָר שטעלען מיט זיך פאָר צוויי „שעה" וועג, אַקוראַט אַזוי, ווי, לויט דער דיאַלעקטיק, זענען אויך פּליוס אלף און מינוס אלף ניט נול; זייער רעזולטאַט איז גלייך צו צוויי אלף'ן. *)

אָט דאָס איז אין קורצען דער גרונד־געדאַנק העגעל'ס, און דער בעסטער ענטפער אויף איהם איז — לאָזען איהם שפּינען ווייטער אויף דעם זעלביגען שטייגער. אין דער אמת'ען! פאַר וואָס זאָל מען זיך עפּעס בענוגענען ניט מעהר ווי מיט איין נעגאַציע פון דעם דורכגעגאַנגענעם וועג? פאַר וואָס ניט דורכמאַכען די זעלביגע פּראָצעדור אַ טויזענד מאָל נאָכאַנאַנד אהין און צוריק? אַ דיאַלעקטיקער, וואָס וואָלט וועלען אויף דעם אופן מאַכען אַ רייזע דיאַלעקטיש, וואָלט, אמת, באַלד פון די כוחות אויסגעגאַנגען און וואָלט קיין איין שריט ווייטער ניט געמאַכט. דערפאַר וואָלט ער אָבער געקאָנט זיך טרייסטען מיט דעם, אַז ער בעקומט אין רעזולטאַט אַלץ גרעסערע און גרעסערע „סומען צייט". אַ וואָס: די ריכטונג? מעג דאָך דער דיאַלעקטיקער אין גאַנצען ניט טראַכטען וועגען אַזאַ מין זאַך ווי ריכטונג, און בעת מען רעדט וועגען אַ מהלך וועג פון איין פּונקט ביז צו אַן אַנדערן אין איין בעשטימטער ריכטונג, איז דאָך איהם ניט פערוועהרט מגלגל צו זיין די פראַגע פון רוים אין אַ פראַגע פון צייט און טראַכטען נאָר וועגען יענעם פּאָזיטיווען סכום צייט, וואָס מען קאָן ארויסשלאָגען, בעת מען „נעגירט" און מען נעגירט ווידער צוריק איין־און־דעמזעלביגען וועג...

ניט ווילענדיג ווערט מען דערביי דערמאָנט אָן אַ פּאָר קלוגע ווערטער פון ענגעלס'ן, וואָס ער האָט, לײדער, געזאָגט ביי אַ ווענינער

*) העגעל'ס לאָגיק. בד. ז. ז. 54—53.

פּאַסענדער געלעגענהייט: „ביי דער נעגאַציע פון דער נעגאַציע וואָס זאָל בעשטעהן אין דער קינדערשער בעשעפטיגונג, כסדר צו שטעלען דעם אלף און אויסצומעקען איהם, קאָן קיין אנדער זאך ניט אַרויסקומען, ווי נאָר די טפשות פון דעם וואָס פערנעהמט זיך מיט אזא נודנער פּראָצעדור".*)

אויף דעם זעלביגען שניט זענען אויפגעבויט כמעט אַלע אַר־גומענטען העגעל'ס אַנטקעגען דעם געזעץ פון דעם אויסגעשלאָסענעם דריטען. זיי האָבען נאָר איין איינציגען ווערט: זיי בעווייזען, אַז אין יעדער ערשיינונג זיינען דאָ א סך זייטען, וועלכע קאָנען ניט אַרומגענומען ווערען מיט א מאָל פון דעם אבסטראַקטען דענקען און בעגרייפען, און אַז בעת דער מאַטעמאַטיקער זאָגט, צ. ב., אַז דער נעגירטער וועג איז גלייך נול, אַז דער וואָס דאַרף געהן צוואַנציג מייל און איז אָבגעגאַנגען הין און צוריק צו פינף מייל, איז דער סכום וועג, וואָס ער האָט געמאַכט גלייך נול, ווייל איהם שטעהען נאָך פאַר די גאַנצע צוואַנציג מייל, הייסט דאָס ניט, אַז אַלע פּראָ־צעסען וואָס זענען דערביי פאָרגעקומען זענען גלייך נול. עס זענען דערביי געוועזען געוויסע אַנשטרענגונגען. געוויסע סומען פון צייט האָבען זיך „צו'געדויערט" צו דעם אייביגען וועלט־דויער, — צו רעד־דען אין בערגסאָן'ס לשון, — און אין דעם לעבען פון דעם רייזענ־דען האָט דער הין־און־הער־גאַנג איינגעקריצט שפּורען, אויף אייביג ניט אויסצומעקען.

דאָס אַלץ איז זעהר ריכטיג. אָבער דאָס אַלץ האָט קיין ברעקעל שייכות ניט צו דער לאָגישער פראַגע. זי, די לאָגיק, אָדער אין אונזער פאַל די מאַטעמאַטיק, וואָס איז געבויט אויף דער לאָגיק, וויל לכתחילה זיין אבסטראַקט, אַרויסשעהלען נאָר איין ענין פון די אַלע ענינים, מיט וועלכע ער איז אין דער ווירקליכקייט צונויפ־געבונדען, כדי אויסצושטודירען ז י י ן טבע און ז י י ן ראַליע אין דעם אַלגעמיינעם רעזולטאַט. העגעל מעג ניט האַלטען דער־פון, ווייל ער גלויבט, אַז דער בעגריף איז בטבע ניט קיין אַב־סטראַקציע פון רעעלע ערשיינונגען, נאָר דער מעטאַפיזישער קערענ־דעל, פון וועלכען עס שפּראָצען אַרויס אַלע רעעלע ערשיינונגען

*) ענטי־דיוהרינג. 145.

מיט א מאָל. מאַרקס האָט זיך אָבער אָוועקגעשטעלט אויף דעם יסוד פון דער מאַטעריאַליסטישער דערקענטנים־טעאָריע, וואָס זעהט אין דעם בעגריף נאָר אַן אַבסטראַקציע פון ווירקליכע פּאַסירונגען און פּראָצעסען, און ממילא איז ער מחויב צו האַלטען זיך פאַר דעם כלל־גדול אויף בנוגע צו דעם גזעץ פון דעם אויסגעשלאָסענעם דריטען. אויך ער מוז גלויבען, אַז די נעגאַטיווע ריכטונג איז אין גאַנצען מבטל די פּאָזיטיווע ריכטונג, אויב ביידע זענען פון דערזעלביגער גרוים, ד. ה., אַז מען מוז אָהן א ברעקעל איראָניע איבער'חזר'ן מיט דעם „מעטאַפיזיקער": „פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו שליעסען איינם דאָס אַנדערע אוים".

צו אַן עהנליכען רעזולטאַט קומען מיר, ווען מיר טראַכטען זיך אריין אין העגעל'ס קריטיק פון דעם ווידערשפּרוך־געזעץ.

דעם גאַנצען כוח פון זיין אויסערגעוועהנליכען פּלפּול האָט העגעל אָנגעווענדט צו דערווייזען, אַז דער ווידערשפּרוך איז דער אינוועניגסטער אמת פון אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. בעת דער העכערער מענשליכער שכל, וואָס איז א שפּיעגעל פון דעם וועלט־שכל, טראַכט דעם בעגריף: „תוך" („וועזען"), אַזוי וויקלען זיך פון איהם אַרוים איינצעלנע בעגריפען, ווי „איינערלייקייט", „פערשיידענקייט", „היפּך". די אַלע בעגריפען זענען נאָך גאָר די ערשטע, ניעדעריגערע פאַזען פון זיין פאַנאַנדערוויקלען זיך. זיי געהערן נאָך צו די „בעשטימונגען פון דער רעפלעקסיע". די דאָזיגע בעשטימונגען בלייבען אָבער ניט שטעהן אויף איין אָרט. די אינוועניגסטע דיאַלעקטיק טרייבט זיי צו א ווייטערדיגער ענטוויקלונג און סוף־סוף געהען זיי אַליין איבער אין דער „א ב ס אָ ל ו ט ע ר", דער גאָר אמת'ער בעשטימונג, אין דעם בעגריף „ווידערשפּרוך" וועמעס געזעץ העגעל פאָרמולירט אַזוי: „אַלע זאַכען ווידערשפּרעכען זיך אַליין".

עס איז קלאָר, אַז וויבאַלד מען האַלט מיט העגעל'ן, אַז אַלץ, וואָס איז אמת אין בעגריף, מוז זיין אמת אין דער ווירקליכקייט, און וויבאַלד מען איז מסכים מיט איהם, אַז דער ווידערשפּרוך איז א נויטווענדיגער (דער נויטווענדיגסטער!) מאָמענט אין דעם בעגריף: „תוך", איז יעמאָלט ממילא געדרונגען, אַז דער ווידער־

שפּרוך מוז זיין א נויטווענדיגסטער עלעמענט אין דעם תוך פון יע־דערווירקליכקייט.

דעריבער האָט העגעל גאַנץ גערעכט געוויס גערעכט דאָס צו זאָגן: „איינער פון די גרינדליכסטע אבער־גלויבענס פון דער גאַנצער לאָגיק, וואָס האָט געהערשט ביז אַהער, ווי אויך פון דער געוועהנליכער פאָרשטעלונג, בעשטעהט אין יענער איבערצייגונג, אז דער ווידערשפּרוך שטעלט ניט פאָר מיט זיך אויך אזא תוך'האפטע און אימאַנענטע בעשטימונג, ווי די איינערלייקייט... מען פערזיבערט, אז עס קאָן ניט זיין קיין זאַך, וואָס זאָל ווידערשפּרעכען זיך גופא". פון דעסטוועגען, מיינט העגעל, „וואָס איז שייך צו דער פערזיכערונג, אז אין דער נאַטור איז קיין אינוועניגסטער ווידערשפּרוך כלומר'שט ניטאָ, דאַרפען מיר פון אַלערליי איינשמועסונגען ניט מבולבל ווערען: אן אבסאָליוטע בעשטימונג מוז על פּי חיוב זיך געפינען אין איטליכער ערפאַהרונג, אין יעטוועדער ווירקליכקייט, ווי אויך אין יעדען בעגריף".*)

פון די ווערטער געהט אַרויס קלאָר ווי דער טאָג, אז העגעל לייקענט אָב דעם געזעץ פון ווידערשפּרוך אויף דעם סמך פון אַזעלכע אַרגומענטען, וואָס קאָנען האָבען א ווערט, ווען עס איז קראַפט נאָר אין די גרעניצען פון זיין אייגענער פילאָסאָפיע. אויב דער ווידערשפּרוך איז באמת אַן „אבסאָלוטע בעשטימונג" פון דעם „תוך" פון די זאַכען און אויב אַלץ, וואָס געפינט זיך אין דעם בעגריף: „תוך", מוז זיך געפינען אין איטליכער ווירקליכקייט און אין איטליכער ערפאַהרונג, איז יעמאָלט, פערשטעהט זיך, זיכער, אז יעדע זאַך מוז האָבען איהר ווידערשפּרוך אין זיך גופא.

אָבער — אַלץ דיזעלביגע שאלה! מאַרקס שטעהט דאָך ניט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון העגעל. די בעגריפען האָבען פאַר איהם שוין אויפגעהערט צו זיין „אבסאָליוטע תוך־בעשטימונגען", זיי זענען דאָך ניט מעהר ווי אַבסטראַקציעס פון איינצעלנע ערשיינונגען. ווי אַזוי קאָן ער א־פּריאָרי דערווייזען, אז דער אינוועניגסטער ווידערשפּרוך מוז עקזיסטירען אין דער וועלט?

---

*) לאָגיק, בד. 2. ז. 68.

על־כל־פנים איז קלאָר, אַז העגעל׳ס אַ־פּריאָרישע חשבונות, פאַר וואָס דער ווידערשפּרוך מוז זיין איממאַנענט אין דעם תוך פון יע־דער זאַך, קאָנען ניט זיין קיין טעם־מספּיק פאַר אַ מאַטעריאַליסט פון מאַרקס׳ חדר. פאַר די תלמידים פון דעם דיאַלעקטישען מאַטעריאַ־ליזם איז ניטאָ קיין אַנדער וועג, ווי צו בעווייזען אויף דעם סמך פון דער ערפאַהרונג גופא, אַז די ווידערשפּרוכען קומען ווירקליך פאַר אין אַלע רעאַלע ערשיינונגען.

ווי עס איז בעקאַנט האָט ענגעלס אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגען דיוהרינגען אַ פּרוב געטהאָן צו ברענגען אַזאַ בעוויז פון דער ווירקליכקייט. מיר וועלען זיך דעריבער מוזען באריכות אָבשטעלען אויף דעם אַנאַליז פון יענע רעאַלע פאַקטען, וועלכע ענגעלס ברענגט, זיי זאָלען עדות זאָגען אויף דעם אמת פון דעם דיאַלעקטישען דענקען. דאָס וועלען מיר טהאָן אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל, דעם לעצטען פון אונזער היינטיגער אַרבייט.

דערווייַלע דאַרפען מיר אָבער אַ ריהר טהאָן, לכל הפּחות אין קורצע שטריכען, אויף די פראַגע וועגען אורזאַך און ווירקונג, וואָס איז זינט לייבניץ׳ען פאַר אַ סך דענקער געוואָרען אַ פערטער גרונד־געזעץ פון דער פאָרמאַלער לאָגיק, אונטער דעם נאָמען: „דער געזעץ פון דעם גענוגיגען גרונד", פון דעם טעם־מספּיק. מיר טהוען דאָס, ווייל ענגעלס רוקט אַרויס אויך דעם געזעץ, ווי איינעם פון די פּונקטען, אין וועלכע דער דיאַלעקטיקער געהט זיך פאַנאַנדער מיט דעם „מעטאַפיזיקער".

עס פערשטעהט זיך, אַז מיר וועלען ביי דעם אַנאַליז אין גאַנצען לאָזען אָן אַ זייט די דערקענטניס־טהעאָרעטישע און מעטאַפיזישע עלעמענטען פון דעם פּראָבלעם און מיר וועלען זיך בעגרעניצען נאָר מיט איהר ריין פאָרמאַל־לאָגישער זייט.

„קוקט מען זיך צו נעהנטער", זאָגט ענגעלס, „געפינען מיר, אַז אורזאַך און ווירקונג בייטען כסדר זייערע ערטער" און „דאָס, וואָס איז דאָ אָדער איצטער געוועזען אַ ווירקונג, וועט ווערען דאָרטען אָדער שפּעטער אורזאַך און אומגעקעהרט."*)

אויף דעם ערשטען בליק קאָן מען מיינען, אַז אין תוך איז דיינ

---

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 8.

זויל ענגעלס ניט מעהר ווי אַרויסברענגען ענעם כמעט אומעטום דיכטיגען געדאַנק, אַז עס קאָן ניט זיין אין דער נאַטור, דער געשיכטע און דער טעכניק אַזעלכע ערשיינונגען, וואָס זאָלען אומעטום און ביי אַלע אומשטענדען שפּיעלען נאָר די ראָליע פון אורזאַכען, אָדער נאָר די ראָליע פון ווירקונגען.

נאָך מעהר, עס קאָן איינעם אויסדוכטען, אַז ענגעלס' פּערזיכערונג געהט גאָר להיפך צו דער דיאַלעקטיק, ווייל מען קאָן פון איהר אַרויסדרינגען, אַז דאָס וואָס איז דאָ אָדער איצטער אַ ווירקונג, קאָן ניט זיין דאָ אָדער איצטער אַן אורזאַך, און דאָס, וואָס איז דאָרטען אָדער יעמאָלט געווען אַן אורזאַך, האָט ניט געקאָנט זיין דאָרטען אָדער יעמאָלט אַ ווירקונג. דער אויסטייטש געהט ניט אויף דעם ערשטען בליק להיפך צו ענגעלס' גרונד־געדאַנק וועגען אורזאַך און ווירקונג און ממילא מוז ער אַליין אויך צוגעבען, אַז פאַר יעדער געגעבענער צייט און פאַר יעדען געגעבענעם אָרט שליעסען אורזאַך און ווירקונג לגמרי איינע די אַנדערע אויס. און דאָס איז דאָך אַלץ, וואָס די פאָרמאַלע לאָגיק קאָן פאָדערען פון אונז.

עס איז אָבער קלאָר, אַז אויף אַזאַ מין אַרומנעהמען דעם ענין קאָן דער דיאַלעקטיקער בשום אופן ניט מסכים זיין. ער, וואָס לייקענט לגמרי אָב דעם געזעץ פון דעם אויסגעשלאָסענעם דריטען, מיט זיין פאָרמעל: „אָדער — אָדער“, קאָן ניט צוגעבען, אַז יעדע געגעבענע ערשיינונג זאָל אין יעדער געגעבענער צייט זיין אָ ד ע ר אַן אורזאַך, אָ ד ע ר אַ ווירקונג. און עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ענגעלס איז אויך אין דעם פונקט זיך ניט פערנאַנדערגעגאַנגען מיט די „דיאַלעקטיקער“, ווען אפילו זיין געדאַנק איז ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט דער געהעריגער פּינקטליכקייט.

אָט פאַר וואָס עס וועט ניט שאַטען, ווען מיר וועלען קלאָרער מאַכען די ריכטיגקייט פון דער פאָרמאַלער לאָגיק אויך אין דעם פונקט.

איך שים אַרויס אַ קויל און זי לעכערט דורך אַ ברעט. די לאָך אין ברעט איז די ווירקונג, דאָס דורכפליהען פון דער קויל איהר אורזאַך. וואָלטען אַלע ערשיינונגען פון אורזאַך און ווירקונג געווען אַזוי איינפאַך, ווי דער נאָר וואָס געבראַכטער פאַל, וואָלטען

מיר זיך געקאָנט בעגעגענען מיט איהם און מכבד זיין דעם דיאַ־לעקטיקער מיט דער אויפגאַבע, ער זאָל אונז בעווייזען, ווען און וואו די ווירקונג — די לאָך אין ברעט — קאָן ווידער ווערען צו אַן אורזאַך פאַר אַ נייעם דורכפליהען פון אַ קויל.

אָבער אַזוי איינפאַך ווי אין אונזער ביישפּיעל איז ליידער קיינמאָל ניט די שייכות צווישען אורזאַך און ווירקונג אין דעם גרויסען פּלאַנטער פון דעם וועלט־געשעהען. פון דעסטוועגען ווי פער־קניפּעלט דער דאָזיגער פּלאַנטער זאָל ניט זיין, קאָן מען ארויס־שטעלען דעם כלל־גדול, אַז דאָס וואָס איז „איצטער אָדער דאָ" אַן אורזאַך קאָן אין תוך אריין בשום אופן ניט ווערען אַ ווירקונג, אויב מען זאָל אונטער דעם וואָרט: „דאָס" אַלע מאָל פערשטעהן אַ י י ן בעשטימטע ערשיינונג, אין איין בעשטימטען מאָמענט צייט, אין איין בעשטימטער שייכות.

אין אַ געוויסער בעשטימטער שייכות איז אַ פאָטער די אור־זאַך פון זיין זוהן, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער אַליין האָט ניט אויפגעהערט צו זיין דער זוהן פון זיין פאָטער. ווי אַן אורזאַך פון זיין זוהן וועט ער אין דערזעלביגער שייכות קיין מאָל ניט קאָנען ווערען זיין ווירקונג, ווען אפילו יענער קאָן אין זיין צייט ווערען אַ פאָטער. יעדער איינער פון זיי איז, על פי דעם וואָרט, אין איין־און־דערזעלביגער צייט סיי אַ פאָטער, סיי אַ זוהן. אָבער זאָגען, אַז ביי זיי פאַלען צונויף אין איינעם די בעגריפען אור־זאַך און ווירקונג קאָן נאָר יענער, וואָס וואַרפט אין גאַנצען אַראָב פון חשבון די „פון איין זייט — פון דער אנדער זייט", „גענומען אין בעטראַכט" און די „אויף וויפיעל — אויף אַזוי פיעל", וואָס זענען אַזוי פערהאַסט געווען ביי העגעל'ן.

געוויס קאָן ענגעלס ניט זיין אַזוי נאַאיוו, ער זאָל לאָזען דעם זיידען נאָך אַ מאָל געבוירען ווערען פון דעם אייגענעם אייניקעל. אָבער מיר האָבען קיין ברעקעל גרונד ניט צו זיין זיכער, אַז ביי אַנדערע ערשיינונגען, וועמעס געגענזייטיגע שייכות'ען עס ליעגען ניט אַזוי קלאָר אויף דער האַנד, וואָלט אפשר ענגעלס ארויסגעפונען, אַז „ווען מען קוקט זיך צו נעהנטער צו דער זאַך", פאַלען אורזאַך און ווירקונג אין איין און דערזעלביגער שייכות צונויף. גלויבט ער דאָך אין דער אינוועניגסטער קרובה'שאַפט פון פּאָזיטיוו און

נעגאַטיוו, איז ער דאָך זיכער אין דעם, אַז יעדע זאַך קאָן אין איין און דערזעלבינער צייט יע־עקזיסטירען און ניט־עקזיסטירען, זאָגט ער דאָך אונז, אַז אורזאַך און ווירקונג געפינען זיך ניט אין אַן אבסאָלוטען לאָגישען היפּך איינע צו דער אַנדערער! עס קאָן דע־ריבער זיין, אַז אונזער ביישפּיעל מיט זיידע און אייניקעל וועט זיין פאַר דעם דיאַלעקטיקער ניט קיין שטאַרקערער ארגומענט איידער דער ביישפּיעל פון קויל און ברעט. מען מוז מחמת דעם זיך אַ ביסעל טיעפער אריינלאָזען אין דעם ענין און זעהן, צו וועלכע רע־זולטאַטען מען קומט, ווען מען קוקט זיך באמת צו אַ ביסעל נעהענ־טער צו דער זאַך.

לאָמיר צוליעב דעם זיך שטעלען אויף אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז זעהר נאָהענט צו די אנשויאונגען פון דעם דיאַלעקטישען מאַ־טעריאַליזם גופא און לאָמיר בעטראַכטען יעדע זאַך אין דער וועלט, ווי אַ צייטווייליגען קאָמפּלעקס פון געוויסע „קרעפטען“, אָדער ריכטיגער ווי אַ קאָמפּלעקס פון פּיעלע, פערשיידענע ארטען ב ע־ו ו ע ג ו נ ג ע ן, וואָס האָבען זיך אויף אַ צייט אויסגעבאַלאַנסירט אין איהר און האַלטען זיך אויף אין אַ לפי־ערך'דיגען גלייכגעוויכט, פון וועלכען זי וועט ווידער ארויסגעפיהרט ווערן דורך די קראַפט פון דער אַלגעמיין־וועלטליכער בעוועגונג.

דערביי איז וויכטיג צו געדענקען, אַז די פערשיידענע ארטען בעוועגונג, פון וועלכע די „זאַך“ בעשטעהט, נעהמען אַן אַנטייל אין איהר ניט אין אַ גלייכען סכום, נאָר אין אַ געוויסער אינוועניגסטער פּראָפּאָרציע, וואָס איז פערשיידען פאַר די פערשיידענע זאַכען.

איך רעכען, אַז אויך דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסט וועט גאָר נישט האָבען אנטגעגען דעם דאָזיגען געדאַנק, אויב ער איז גאָר ניט בדעה צו געהן להיפך צו די דאַטען פון דער פיזיקאַלישער כע־מיע, וואָס זוכט אויסצופאָרשען, וועלכע פערשיידענע ארטען בעווע־גונג נעהמען אַן אנטייל אין דער בעשאַפונג פון דער „זאַך“ און אין אַ וועלכער אינוועניגסטער שיכות געפינען זיי זיך אין איהר. ביי איין זאַך צ. ב. איז יענע אינוועניגסטע שיכות אַזאַ, אַז עס איז גע־נוג ארויסצורופען אַ קלייניגקען שינוי אין יענער ארט בעוועגונג, וואָס מען רופט וואַרעמקייט, כדי אין דער זאַך זאָל אין גאַנצען צו־שטערט ווערן דאָס גלייכגעוויכט. צו אַנדערע קאָן מען צופיהרען

בעדייטענדע סכום'ען פון וואַרעמקייט און דאָס גלייכגעוויכט ווערט ניט אָנגערירט (ווייניגסטענס זעהט זיך דאָס ניט אָן).

און דאָס אייגענע, וואָס מיט דער וואַרעמקייט, איז אויך מיט יעדער אנדער אַרט בעוועגונג. לאָמיר דאָ דערמאָנען, לאָז זיין, נאָר יענע ווירקונג, וואָס אַ קליינער שאַרפער געגענשטאַנד קאָן אַרויסרו־פען אין אַ כלי פון לאַבילען גלאָז, אין אַן אַזוי אָנגערופענעם „באָלאָ־ניער פלעשעל". עס איז גענוג אַריינוואַרפען אין אַזאַ פלעשעל אַ קליין שפּיציג שטיינדעל און עס לייכט אַ טרייסעל טהאָן, כדי אין גאַנצען צו צושטערען דעם מאָלעקולאַרען גלייכגעוויכט פון דער כלי, כדי אין גאַנצען איבערצובייטען אין איהם דעם צושטאַנד פון יענער אַרט בעוועגונג, וואָס רופט זיך בעהעפטונגס־קראַפט: דאָס פלע־שעל פליהט זיך פאַנאַנדער אין פיצלעך.

אויף דעם ביישפּיעל ווילען מיר אַ פּרואוו טהאָן קלאָר מאַכען די לאָגישע שיכות פון אורזאַך און ווירקונג. וואָס איז דאָ געווען די אורזאַך, וואָס — ווירקונג?

אין דער בעשריבענער ערשיינונג האָבען זיך משתתף געווען דריי „זאַכען": די האַנד, דאָס שטיינדעל, די כלי. זיי אַלע זענען אַריינגעריסען געוואָרען אין אַ בעוועגונג פון איין און דערזעלביגער אַרט. און פון דעסטוועגען איז דער רעזולטאַט פון דער בעוועגונג געווען פערשיידען פאַר יעדען פון זיי. בעת האַנד און שטיינדעל זענען ניט אַרויסגעפיהרט געוואָרען פון זייער מאָלעקולאַ־רען גלייכגעוויכט, ד. ה. פון יענער צווישען־שיכות, אין וועלכער עס האָבען זיך ביי זיי אויסגעבאַלאַנסירט די פערשיידענע קרעפּ־טען, — איז דאָס פלעשעל צופאַלען אין שטיקער. הייסט עס, אַז דער בולט'ער רעזולטאַט פון דער בעוועגונג איז געווען דער איבער־געאַנדערשטער גלייכגעוויכט פון איין „זאַך", פון דער כלי. דער נאָהענטסטער אורזאַך פון דעם רעזולטאַט איז געווען די בעוועגונג פון דעם שפּיציגען שטיינדעל, וואָס האָט זיין גלייכגעוויכט ניט פערלאָרען; אַ ווייטערע אורזאַך איז געלעגען אין דער בעוועגונג פון דער האַנד, און דערביי איז דער גאַנצער אַרויסגעקומענער עפעקט געווען בעדינגט דורך יענע בעשטימטע צווישען שיכות'ען, אין וועלכע עס האָבען זיך אויסגעבאַלאַנסירט די קרעפטען, וואָס פון זיי זענען בעשטאַנען האַנד, שטיינדעל און כלי.

די ערשיינונג אין איהר טאָטאַליטעט איז גאַנץ געוויס ניט מעהר ווי איין רינגעלע אין די אָהן־צאָהליגע רינגעלעך, פון וועלכע עס בעשטעהט דער אונענדליכער וועלט־פּראָצעס. אָבער אויב מיר זאָלען זי אויסשניידען פון דער גאַנצער נעץ וועלט־ערשיינונגען, כדי זי בעסער צו אַנאַליזירען און אויב מיר וועלען אָבשטעלען אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם ל ע צ ט ע ן רעזולטאַט און דער נאָהענטער אורזאַך, איז גאַנץ לייכט איינצוזעהן, אַז אורזאַך און ווירקונג שליסען דאָ לגמרי איינע די אַנדערע אויס, ד. ה., אַז אין איין־און־דערזעלביגער צייט און אין איין־און־דעמזעלבינען אָרט קאָנען זיי ניט פערביעטען ווערן איינע אויף דער אַנדערער. די פערענדערונג אין דעם צושטאַנד פון איין „זאַך" איז געווען די ו ו י ר ק ו נ ג, די בעוועגונג פון דער ניט־פערענדערטער זאַך איז געווען די א ו ר ז א ך דערפון.

געוויס ווייסען מיר, אַז ווען צוויי זאַכען שטויסען זיך צונויף, קומען דאָס רוב די פערענדערונגען פאָר ניט אין איינער פון זיי, נאָר אין ביידע מיט אַמאָל; אין ביידע ליידען דורך אַ פערענדערונג. איין אָדער מעהרערע קרעפטען, פון וועלכע די „זאַכען" בעשטעהען. אָבער דער לאָגישער פּועל־יוצא ווערט דערפון ניט קיין אַנדערער.

פון אַלע מעגליכע קאָמבינאַציעס, וואָס קאָנען דאָ פאָרקומען און קומען באמת פאָר אין דעם לעבען פון דער וועלט, נעהמען מיר ארויס נאָר צוויי פעלען, וואָס צו זיי קאָנען, לויט אונזער מיינונג, צוגעפיהרט ווערן אַלע אַנדערע.

דער ערשטער פאַל שפּיעלט זיך אָב יעמאָלט, ווען די פערענדערונגען קומען פאָר אין ביידע „זאַכען" צו דערזעלביגער צייט. צו דעם טיפּ קאָן מען צופיהרען כמעט אַלע ערשיינונגען פון דער ניט־אָרגאַנישער נאַטור. דאָ ווירקט דער קרעפטען־קאָמפּלעקס פון איין זאַך אויף דעם קרעפטען־קאָמפּלעקס פון דער אַנדערער זאַך. דער ערשטער קרעפטען־קאָמפּלעקס איז די אורזאַך פון דער פערענדערונג, וואָס קומט פאָר אין דעם צווייטען, און דער צווייטער קרעפטען־קאָמפּלעקס איז די אורזאַך פון יענער פערענדערונג, וואָס איז ארויסגעקומען אין דעם ערשטען. די פּשוט'סטע ערשיינונג פון דער אַרט, איז — ווען מיר רייבען אַ שטיין אָן אַ שטיין פון גלייכער האַרטקייט. די פערענדערונג אין דער דרויסען־

פאָרם פון איין שטיין איז אַ פועל־יוצא פון דעם קרעפטען־קאַמפּ־לעקס, וואָס אין דעם אַנדערן שטיין, און אומגעקעהרט. הייסט עס, אַז אויך דאָ געהט די אורזאַך ניט איבער אין דער ווירקונג און די ווירקונג ווערט ניט קיין אורזאַך.

מיט דעם צווייטען פאַל האָבען מיר צו טהאָן אומעטום, וואו צוויי „זאַכען" שטויסען זיך צונויף אויף אַזאַ'ן אַרט, אַז די ערשטע רופט אַרויס אַן ענדערונג אין דער צווייטער און באַלד אויפ'ן שטעל טהוט זי אַליין אונטערפאַלען אונטער דער ווירקונג פון יענער ענ־דערונג, וועלכע זי האָט אַרויסגערופען. דאָס איז די עפטערע פאָרם פון יענער שותפות־ווירקונג, מיט וועלכער מיר בעגעגנען זיך אין דעם סאָציאַלען לעבען און אין דער מענשליכער געשיכטע. אַ געוויסער צושטאַנד פון פּראָדוקטיוו־קרעפטען, צ. ב., האָט אַרויס־גערופען, לויט מאַרקס'ען, אַ געוויסע ענדערונג אין דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דער מענשהייט, וואָס האָט געפיהרט צו אַ גרעסערער התמדה אין דער וויסענשאַפט פון מעכאַניק. אָט די פערשטאַרקטע בעשעפטיגונג מיט מעכאַנישע פּראָבלעמען האָט פון איהר זייט גע־פיהרט צו נייע ערפינדונגען, וואָס האָבען ווידער־אַ־מאָל אַ הויב געטהאָן די ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען.

בלייבט מען בלויז ביי דעם אַבסטראַקטען אויסדרוק, איז די „עקאָנאָמיק" (דער צושטאַנד פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען) געווען אויף־אַ־מאָל אי אַן אורזאַך, אי אַ ווירקונג, אַקוראַט אַזוי, ווי אויך דער „גייסטיגער פאַקטאָר" האָט געשפּיעלט דיזעלביגע דאָפּעל־ראָ־ליע. אָבער ביי דעם טיעפערען, פּינקטליכערען אַנאַליז פון דעם פּראָצעס זעהט מען אַלע מאָל איין, אַז די אורזאַך איז דאָ פריהער געוועזן אַ צ י י ט ל י ך בעשטימטע ענטוויקלונגס־פאַזע פון דער עקאָנאָמיק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט ווי אַ ווירקונג אַ צ י י ט־ל י ך בעשטימטע ענדערונג אין דעם צושטאַנד פון דער וויסענ־שאַפטליכער מעכאַניק. און אָט די בעשטימטע ענטוויקלונגס־פאַזע פון דער וויסענשאַפט איז פון איהר זייט געוואָרען אַן אורזאַך, אָבער נאָר פאַר נ י י ע, צייטליך אַ סך שפּעטער ליגענדע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמיק, וואָס טרעטען ערשט איצטער אַרויס ווי אַ ווירקונג פון דעם „גייסטיגען פאַקטאָר".

די צ י י ט איז די מחיצה צווישען אורזאַך און ווירקונג

ביי איין און דערזעלביגער זאַך און לאָזט זיי ניט צונויפגעגאָסען ווערן אין איינעם, — די זעלביגע צייט, וואָס נעהמט פאַנאַנדער, ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, אין איינעם מיט דעם רוים די ווידערשפרוכען פון דער וועלט און פערטהיילט זיי אויף פערשיידענע עדטער אין פערשיידענע מאָמענטען; די זעלביגע „ריינע" צייט, וועלע העגעל האָט געלייקענט און אין וועלבער מארקס און ענגעלס האָבען געגלויבט.

דערפון איז געדרונגען, אז דער מ א ר ק ס י ס ט י ש ע ר מ א ט ע ר י א ל י ז ם, וו אָ ס ג ל ו י ב ט א י ן „ר י י נ ע צ י י ט", ה אָ ט ק י י ן ב ר ע ק ע ל ג ר ו נ ד נ י ט ד י א ל ע ק ט י ש צ ו נ ו י פ צ ו מ י ש ע ן א ו ר ז א ך א ו ן ו ו י ר ק ו נ ג.

די נאַטור, לפּחות, די וואָס מיר קענען עמפּיריש, נעהמען מיר אויף ניט לויט די געזעצען פון דער דיאלעקטיק, נאָר לויט די געזעצען פון דער ל אָ ג י ק, — אַלע איינס, ווי איהר וועט קוקען אויף יענע לאָגישע געזעצען: ווי אויף אַ־פּריאָרישע פאָרמען פון אונזער שכל, די איינציגע ברילען, דורך וועלבע מיר קאָנען קוקען אויף דער וועלט, ווי דאָס טהוט קאַנט, אָדער ווי אויף „מעהר אָדער ווייניגער אַבסטראַקטע קאָפּיעס" פון די ווירקליכע ערשיינונגען, ווי דאָס טהוט מאַרקס.

.5

„די וועלט, ווי מאַטעריע און... ווידערשפּרוך".

ענגעלס שרייבט:

„כל זמן מיר בעטראַכטען די זאַכען אין זייער לעבלאָזער רוה, יעדוועדע בעזונדער, איינע לעבען דער אַנדערער, ווערען מיר, פערשטעהט זיך, ניט אַנשטויסען זיך אויף ווידערשפּרוכען. מיר געפינען דאָ געוויסע אייגענשאַפטען, וואָס זענען אָפט עהנליך, אָפט פערשיידען, אָדער גאָר ווידערשפּרעכיג, אָבער אין דעם געגעבענעם פאַל זענען זיי (די אייגענשאַפטען) פ ע ר ט י י ל ט א ו י ף פ ע ר ש י י ד ע נ ע ז א כ ע ן א ו ן מ מ י ל א ב ע ה א ל ט ע ן ז ע י נ י ט א י ן ז י ך ק י י ן ש ו ם ו ו י ד ע ר ש פּ ר ו ך.

אויף וויפיעל מען קאן זיך בעגרעניצן מיט [illegible] שונגס-פעלד, אויף אזויפיעל קאָנען מיר אויסקומען מיט דער הילף פון דעם גע־וועהנליכען מעטאַפיזישען דענקען. גאַנץ אַנדערש ווערט דאָס אָבער, ווען מיר בעטראַכטען די זאַכען אין זייער בעוועגונג, זייער פערענדע־רונג, זייער לעבען, זייער בייט־ווירקען איינע אויף דער אנדערער. די בעוועגונג גופא איז א ווידערשפּרוך; אפילו די פשוט'ע מעכאַני־שע בעוועגונג אין'ם רוים קאָן פאָרקומען נאָר אויף אזא'ן אופן, אַז א וויזסער עס איז קערפּער נעפינט זיך אין איין און דעמזעלביגען צייט־מאָמענט אין איין אָרט און אין דערזעלביגער צייט אין אן אַנדער אָרט, — אין איין־און־דעמזעלביגען אָרט און ניט אין איין־און־דעמ־זעלביגען. די שטענדיגע פערווירקליכונג און די גלייכצייטיגע פער־ענטפערונג פון דער סתירה, — אָט דאָס איז דאָס — בעוועגונג".*)

אזוי זאָגט ענגעלס. דערצו מוז מען צוגעבען, אַז, לויט דער לעה־רע פון מאַרקס, האָט יעדער ווידערשפּרוך זיין אייגענע בעוועגונגס־פאָרם, אין וועלכער ער ווערט רעאַליזירט. „אין דערינען", זאָגט מאַרקס, „בעשטעהט בכלל די מעטאָדע, ווי צו פערענטפערן ווידער־שפּרוכען עס איז צ. ב. א ווידערשפּרוך, אַז א קערפּער זאָל שטענדיג האַלטען אין פאַלען אויף אַן אַנדער קערפּער און אַקוראַט אַזוי שטענ־דיג האַלטען אין אַנטפליהען פון איהם. דער עליפּסיס שטעלט דאָס מיט זיך פאָר יענע פאָרם פון בעוועגונג, וואָס אין איהר ווערט יענער ווידערשפּרוך אין גלייכער מאָס סיי פערווירקליכט, סיי פערענט־פערט".**)

דער בליק אויף בעוועגונג ווי אויף א פערווירקליכטען ווידער־שפּרוך, ווי אויך דאָס רוב פון די אַנדערע ביישפּיעלען, וואָס מיר וועלען נאָך ברענגען שפּעטער, האָבען מאַרקס און ענגעלס אריבערגע־נומען פון העגעל'ן. ווען וואָס עס איז בעוועגט זיך, — זאָגט העגעל, — קומט דאָס פאָר ניט אַזוי, אַז אין איין „איצטער" געפינט זיך די זאַך דאָ און אין אַן אַנדער „איצטער" געפינט זי זיך דאָרטען. נאָר דאָס קומט פאָר אַזוי, אַז אין איין־און־דעמזעלביגען „איצטער" פער־

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 120.

**) קאַרל מאַרקס, דאָס קאַפּיטאַל, בד. 2, ז. 69.

ווילט די זאך סיי דא, סיי ניט דא, און אין דעם „דא“ געפינט זי זיך און געפינט זיך ניט. *)

אזא בליק אויף בעוועגונג איז זעהר וויכטיג פאר מארקס׳ דיאלעקטישען מאטעריאליזם, וואס איז אויפגעבויט אויף זיין דיאלעקטישער לאגיק. אויב ס׳איז אמת, וואס ענגעלס זאגט, אז די בעוועגונג איז די „עקזיסטענץ־פארם פון דער מאטעריע“ און אויב דער ווידערשפרוך שטעלט מיט זיך פאר די פערבארגענע טרייב־פעדער פון דער בעוועגונג, אזוי צו זאגען, איהר „נאטורא נאטוראנס“, איז יעמאלט ווערן אלע ארגומענטען אנטגעגען דער דיאלעקטישער לאגיק בטול מיט איין קלאפ. דאס איז דערפאר, ווייל אין דער מאטעריאליסטישער פילאסאפיע פון קארל מארקס ווערט אלץ צוגעפיהרט צו בעוועגונג און ממילא אויך צו דעם ווידערשפרוך, וואס ליעגט אין איהר יסוד. דער ווידערשפרוך, דער יסוד פון בעוועגונג, מוז, — דאס איז קלאר, — זיין אויך דער יסוד פאר יעדוועדער ערשיינונג און פאר יעדער זאך אין דער וועלט. און די פארמאלע לאגיק, וואס רופט אויס, אז א ווידערשפרוך קאן גאר ניט געמאלט זיין, ניט ארוים מיט דעם גופא זיך אליין א כתב, אז זי איז ניט ביכולת צו פערשטעהן די ערשיינונגען פון דער נאטור.

צום גליק פאר דער פארמאלער לאגיק און פאר דעם געזונטען מענשליכען שכל איז אט דער קארדינאלער פונקט אין דער לעהרע פון דעם דיאלעקטישען מאטעריאליזם אזוי שוואך ביי מארקס און ענגעלס אוועקגעשטעלט, אזוי וועניג דורכגעטראכט און — דער עיקר — אזוי שלעכט צונויפגעשטימט מיט די אנדערע גרונד־פעסטען פון דעם איינענעם דיאלעקטישען מאטעריאליזם זייערען, אז ס׳איז גענוג זיך א ביסעל טיעפער אריינטראכטען אין דעם ענין, כדי צו בעמערקען, ווי שאקעלדיג די הינערשע פיסלעך זענען, אויף וועלכע ער האט זיך ביז אהער געהאלטען.

אין דער אמת׳ן ! די וועלט, פערזיכערט אונז מארקס, בעשטעהט פון מאטעריע און בעוועגונג, און בעוועגונג איז א זיך פערווירקליכענדער ווידערשפרוך.

לאמיר קודם קלאר ווערן, א י ן ו ו א ס בעשטעהט דער־

---

*) זעה העגעל׳ס לאגיק, בד. 2, ז. 69.

ווי־ערשפרוך פון בעוועגונג? פערגלייכט מען די ענטפערס פון מארקס און ענגעלס, וועלכע מיר האבען אויבען געבראכט, איז ניט שווער צו בעמערקען, אז זיי נעהמען אויף די זאך פון צוויי פערשיי־דענע זייטען. ענגעלס בעטראכט זי, אזוי ווי העגעל אין דעם אויבען אנגעפיהרטען ביישפיעל, מעהר פון דעם אנטאלאגישען שטאנדפונקט, וואס האט אין זין די גרונד־געזעצען פון דעם אל־וועלטליכען זיין. מארקס ווידער בעטראכט די בעוועגונג מעהר פון דעם דינאמישען שטאנדפונקט. בעוועגונג דערקלערט ער, — דאס איז א ווידערשפרוך צווישען צוויי אנטגעגענגע־זעצטע שטרעבונגען, ווי פליהען און פאלען.

ביידע ענטפערס אבער האלטען זעהר וועניג אויס די קריטיק, און אין בעסטען פאל, הארמאנירען זיי שלעכט מיט יענעם אלגעמיינסטען גרונד־זאץ פונ׳ם מאטעריאליזם, אין וועלכען אויך מארקס און ענגעלס האבען געגלויבט, און וואס זאגט, אז „פון גארנישט קאן גארנישט ארויסקומען“.

לאמיר פריהער דורכנעהמען ענגעלס׳עס אנטאלאגישען ענטפער.

זיין אויסטייטש פון בעוועגונג מוז מען, פערשטעהט זיך, אנ־נעהמען אין דעם זין, אז בעת דער קערפער בעוועגט זיך, געפינט ער זיך אין גאנצען אין איין ארט און אין דערזעלביגער צייט אין גאנצען אין אן אנדער ארט. אבער אויב יא אזוי, אויב ער געפינט זיך מיט אלע זיינע טיילען אין איין ארט, איז יעמאלט זיין גלייכצייטיגער זיין אין אן אנדער ארט אן זאמת׳ע ענטשטעהונג פון גארנישט. ווייל — פון וואנען האט ער גע־זאלט קומען אין דעם אנדער ארט? פון דעם ערשטען? אבער דער קערפער האט נאך גאר ניט פערלארען זיין פריהערדיגען ארט: ענ־געלס זאגט אויסדריקליך, אז ער געפינט זיך נאך אין איהם. פער־לאזט ער אבער אין דער בעוועגונג יענעם פריהערדיגען ארט, קאן ער אין דערזעלבער צייט ניט בלייבען אין איהם, ווייל זיין בלייבען דא וואלט ווידער געווען אן ענטשטעהונג פון גארנישט.

דאס ווערט נאך קלארער, ווען מען האט אין זין דעם סכום פון דער מאטעריע און איהר וואג, וואס מאכען אויס דעם קערפער. בעת ער געפינט זיך אין רוה, פערנעהמט דער קערפער, לאמיר זאגען, איין

קוביק־מעטער און וועגט אַ צענטנער. יעדער אָרט, וואָס ער פֿער־נעהמט, איז אָנגעלאָדען מיט אַ צענטנער מאַטעריע. און אויב אין דער בעוועגונג פֿערנעהמט ער, ווי ענגעלס מיינט, צוויי ערטער, — ער געפֿינט זיך אין דעם פֿריהערדיגען און אין דעם שפּעטערדיגען אָרט, — איז מען געצוואונגען אָנצונעהמען, אַז אין ביידע ערטער האָט ער צו אַ צענטנער מאַטעריע, ד. ה. אַז איין צענטנער מאַטעריע ווערט דאָ געבוירען פֿון גאָרנישט.

מען קאָן געוויס ניט לייקענען, אַז אָט דער אַרגומענט אונזערער אַנטגעגען דער דיאַלעקטיק פֿון בעוועגונג וואָלט אין גאַנצען פֿערלאָ־רען זיין „צענטנער־שווערע" וואָג, ווען מיר וואָלטען געפּרובט אַרויס שטעלען איהם אַנטגעגען העגעל'ן. מען טאָר ניט פֿערגעסען, אַז יענער דענקער האָט אויף דעם שאַרפֿסטען אופֿן געלייקענט דעם גרונד געזעץ פֿון דעם מאַטעריאַליזם, דעם „עקס ניהילאָ ניהיל", און האָט איהם געהאַלטען פֿאַר איינעם פֿון די געפֿעהרליכסטע אַפּיקורסות. *) דעם גרונד־פּרינציפּ פֿון זיין גאַנצער נאַטור־פֿילאָסאָפֿיע, „דאָס ווערדען", האָט ער פֿערשטאַנען פּשוט כמשמעו: ווי אַ ווערן פֿון גאָרנישט. ער האָט, צ. ב., געלייקענט, אַז די וואָלקענס זאָלען זיך אויפֿבויען פֿון דעם וואַסער־דונסט און האָט קאַטעגאָריש פֿערזיכערט, אַז בעת'ן אויסדונסטען ווערשווינדט דאָס וואַסער לגמרי און ווערט אויפ'סניי געבוירען אין די וואָלקענס און דעם רעגען „אַבסאָלוט פֿון גאָרנישט",**) קוים האָט העגעל געגלויבט אין אַן ענטשטעהונג פֿון גאָרנישט, מעג מען איהם אויך מוחל זיין דעם גלויבען, אַז ביי דער בעוועגונג געפֿינט זיך דער קערפּער אין איין־און־דעמזעלביגען „איצטער" „סיי דאָ, סיי ניט דאָ".

אָבער דאָס קאָן מען בשום אופֿן ניט מוחל זיין מאַרקס'ען. ווי יעדער מאַטעריאַליסט, האָט ער געמוזט אָננעהמען — און ער האָט טאַ־קי זיכער געגלויבט — אַז די ענטשטעהונג פֿון גאָרנישט איז אַן אונ־מעגליכע זאַך. „עס איז מובן ממילא", זאָגט ער אין איינער פֿון זיינע אַנמערקונגען צום „קאַפּיטאַל", „אַז, ווי לוקרעץ זאָגט, ניל פּאָססע

---

*) זעה העגעל'ס ענציקלאָפּעדיע (עד. ראָזענקראַנץ), זז. 112-113.

**) זיינע איינענע ווערטער. זעה פראַנטץ און היללערט: „ווערטער־ליכע אויסציגע א. א. וו." §§ 86—88.

קרעארי דע ניהילאָ. פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט ארויסקומען".*) און ווי וויכטיג דער זאַץ איז פאַר איהם געווען, זעהט מען דערפון, אז ער חזר'ט איהם איבער סיי אין דעם צווייטען באַנד, סיי אין דעם דריטען.**) אויך ענגעלס פערגעסט ניט צו דערמאָנען יענעם געזעץ אין זיין פּאָלעמיק אנטגעגען דיורינגען. „פון גאָרנישט", זאָגט ער, „קאָן מען, אַט זעהט איהר דאָך, ניט קומען צו עפּעס „אָהן אַ בעשאַפונגס־אַקט".***)

און אויב עס איז אַזוי, איז זייער ערשטער חוב געווען, אבזאָגען זיך פון יענע דיאַלעקטישע מיינונגען, וואָס געהן להיפך צו דעם געזעץ, פון וועלכען זיי האָבען געהאַלטען אַזוי שטאַל־און־אייזען. וואָלט מאַרקס קאָנסעקווענט געבליבען טריי צו זיינע אייגענע מאַטעריאַליסטישע גרונד־פעסטען, וואָלט ער אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אריבערטראָגען אין זיין סיסטעם העגעל'ס קוק אויף בעוועגונג. אינאיינעם מיט פייערבאַך'ן וואָלט ער אַנטגעגען העגעל'ס סאָפיזמען אוועקגעשטעלט אַ סך אַ געזונטערען געדאַנק פון דעם מענשליכען פערשטאַנד, וואָס זאָגט, אַז „די פערווייַלונג אין איין געוויסען אָרט איז אַ פּאָזיטיווער אַקט". „איך בין ניט דאָרטען", זאָגט פייערבאַך, „ווייל איך בין דאָ". דאָס ניט־זיין דאָרטען איז אויף אַזאַ'ן אופן דער פועל־יוצא פון דעם פּאָזיטיווען קלאָרען זיין דאָ".****)

אויב אָבער מאַרקס האָט אבסאָלוט אָנגעשפּאַרט אריבער צו רעטען העגעל'ס לעהרע וועגען בעוועגונג, האָט ער געדאַרפט מטריח זיין זיך און אויך אַריבער רעטען די נויטיגע פלאַנץ־ערד פאַר איהר, — די אָבלייקענונג פון „עקס ניהילאָ ניהיל", ד. ה. אָבזאָגען זיך פון דעם מאַטעריאַליזם. נאָר יעמאָלט, אמת, וואָלט ער שוין ניט נויטיג געהאַט צו פלאַנצען אַן אייגענעם פילאָסאָפישען גאָרטען!

אונזער גאַנצע אַרגומענטאַציע קאָן חרוב ווערן, אויב מען זאָל צולאָזען דעם אבסורד און אויסטייטשען די שטעלע, וואָס מיר האָבען

*) מאַרקס, קאַפּיטאַל, בד. 1 (פיערטער אויפל.), ז. 117, אַנמערקונג 27.

**) דאָס קאַפּיטאַל, בד. 2 (1893), ז. 307 און בד. 3, ערשטע אַבטיילונג, ז. 13.

***) אַנטי־דיוהרינג, ז. 45.

****) זעה פייערבאַך'ס ווערקע, בד. 2, ז. 333.

אויבען געבראַכט פון ענגעלס'ען אין אזא זין, אַז ביי דער בעוועגונג געפינט זיך דער קערפּער נ י ט מיט אַלע זיינע טיילען אין איין אָרט און אין דערזעלבינער צייט אין אַן אנדער אָרט. דער ווידעראָרט און אין דערזעלבינער צייט אין אַן אנדער אָרט. דער ווידערשפּרוך פון דער בעוועגונג וואַלט, לויט דעם פּירוש, בעשטאַנען אין דעם, וואָס בעת איין טייל פון דעם קערפּער געפינט זיך אין איין אָרט, געפינט זיך אַן אנדער טייל זיינער אין אַנדער אָרט. אַבער, ווען אפילו מיר זאָלען צוגעבען, אַז אַזאַ צושטאַנד פון דעם קערפּער, ביי וועמען די פערשיידענע טיילען פערנעהמען פערשיידענע ערטער אין'ם רוים, קאָן אָנגערופען ווערן אַ ווידערשפּרוך, בלייבט יעמאָלט די קשיא: פאַרוואָס האָט ענגעלס ענטפּלעקט דעם דאָזיגען ווידערשפּרוך נאָר אין זיך בעוועגענדע קערפּערס, פאַר וואָס ניט אויך אין רוהענדע? אויך ביי די קערפּער אין רוהע פערנעהמען דאָך די פערשיידענע טיילען פערשיידענע ערטער אין רוים, הייסט עס, אַז אויך זיי זענען אין איין אָרט (דעם אָרט פון איין טייל) און אין דערזעלבער צייט אויך אין אנדערע ערטער (אין די ערטער פון די אַנדערע טיילען.) און ווען מען זאָל שוין געהן אזוי ווייט און געפינען אַן אינווענינגסטען ווידערשפּרוך אויך אין דעם רוה־צושטאַנד פון אַ קערפּער, וואָלטען מיר יעמאָלט גריילעך געוואָלט וויסען, וועלכע ב ע וו ע ג ו נ ג ס־פ אָ ר ם איז צוגעמאָסטען צו יענעם ווידערשפּרוך, אין וועלכער בעוועגונגס־פאָרם ווערט די רוה „אין גלייכער מאָס פערווירקליכט און פערענטפערט"...

ניט פיעל סאָלידער בעגרינדעט איז אויך יענער פּירוש אויף דער דיאַלעקטיק פון בעוועגונג, וואָס געפינט זיך אין די אויבען געבראַכטע ווערטער פון מאַרקס. די בעוועגונג, זאָגט ער, איז אַ רעזולטאַט פון צוויי אנטגעגען־געזעצטע שטרעבונגען, ווי צ. ב., פון דער צענטריפּעטאַלער און דער צענטריפוגאַלער, און דעריבער איז זי אַ רעזולטאַט פון אַ ווידערשפּרוך.

א חוץ דעם, וואָס אַן אנטאַגאָניזם פון רעאַלע קרעפטען קאָן נאָך ווייט ניט בעטראַכט ווערן ווי אַן א י נ וו ע נ י ג ס ט ע ר לאָגישער ווידערשפּרוך, — זייער ווידערשטרייט וואַקסט ארויס ניט פון אינווענינג, נאָר פון דעם, וואָס זיי געהען אין פ ע ר ש י י ד ע נ ע ריכטונגען און שטויסען זיך צונויף אין איין קערפּער, און אויב אַ

קערפּער וואָלט געשטאַנען אונטער דער מאַכט פון נ אָ ר א צענט־ריפּעטאַלער אָדער נ אָ ר א צענטריפוגאַלער „קראַפט“, וואָלט צו קיין ווידערשטרייט ניט געקומען, — א חוץ דעם, זאָג איך, דאַרף מען דאָך ניט פערגעסען, אז סיי די צענטריפּעטאַלע, סיי די צענטריפוגאַלע קראַפט, זענען, — אויב מען זאָל ניט קוקען אויף זיין אַנטראָפּאָמאָרפיש, ווי אויף ווילענס־שטרעבונגען, — אין עצם אויך ניט קיין אַנדער זאַך ווי געוויסע אַרטען פון בעוועגונגען. בתור בעוועגונגען מוז יעדע איינע פון זיי שוין אין זיך גופא האָבען דעם אינוועניגסטען ווידערשפּרוך, און עס פרעגט זיך ווידער די שאלה: אין וואָס בעשטעהט דער ווידערשפּרוך פון י ע ד ע ר בעוועגונג? אין דער געשיכטע פון דעם פילאָסאָפישען געדאַנק קאָן מען געפינען א סך ענט־פערם אויף דער דאָזיגער שאלה, אָבער זיי האָבען קיין שייכות ניט צו דער דיאַלעקטישער לאָגיק. דער איינציגער ענטפער, וואָס מאַרקס קאָן אונז געבען אויף דער שאלה, איז דער, וועלכען ענגעלס האָט אריבערגענומען פון העגעל'ן. אָבער יענער ענטפער שטעהט, ווי מיר האָבען געזעהן אין אַן אמת'ען רעאַלען אַנטאַגאָניזם מיט דעם גרונד־געדאַנק פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, — „דעם עקס ביהילאָ ניהיל“.

אגב ווילען מיר דאָ בעמערקען, אז דער בליק אויף בעוועגונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין דעם ציטאַט פון מאַרקס, שמעקט צופיעל מיט יענעם פיליסטערישען וועלט־בליק, וועלכער זעהט אין דער בע־וועגונג נאָר דעם פּראָדוקט פון א קאַמף, פון א קרעפטען־שטרייט, וואָס שטויסט דעם קערפּער אין פערשיידענע ריכטונגען. אָהן קאַמף איז ניטאָ קיין בעוועגונג, — דאָס איז דער יסוד פון דעם בליק, וואָס איז שוין ארויסגעזאָגט געוואָרען פון העראַקליט'ן.

אין דער אמת'ען איז די מעשה פונקט פערקעהרט. ניט די בע־וועגונג איז דער רעזולטאַט פון א קאַמף, נאָר דער קאַמף איז א פּראָ־דוקט פון בעוועגונגען, וואָס געהען אין פערשיידענע ריכטונגען און שטויסען זיך צונויף. און דאָרטען, וואו דער צונויפשטויס איז אַם שטאַרקסטען, דאָרטען הערט די בעוועגונג גאָר אויף, ד. ה., זי געהט איבער אין אַן אַנדער פאָרם, וואָס האָט ניט קיין אַנטגעגענגעזעצטע בעוועגונג אַנטגעגען זיך. דעריבער זאָגט אונז אויך דער גרונד־געזעץ

פון דער מעכאַניק, אַז יעדע בעוועגונג געהט אין דער ליניע פון דעם קלענסטען ווידערשטאַנד.

די עליפּטישע בעוועגונגס־פאָרם, וועלכע מאַרקס ברענגט ווי אַן אילוסטראַציע צו זיין געדאַנק, ווי יעדע בעוועגונגס־פאָרם בכלל, דיענט אונז פאַר אַ סימן, אַז די שטרייטענדע קרעפטע ווירקען דאָ אויף דעם קערפּער ניט איינע פונקט להיפך צו דער אַנדערער. וואָלט דאָס געווען אַזוי, וואָלט דער קערפּער געמוזט בלייבען שטעהן. אויב ער בעוועגט זיך אין דעם עלליפּסיס, הייסט עס, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל איז די ליניע פון דעם קלענסטען ווידערשטאַנד אַן עלליפּסיס.

דערפון איז געדרונגען, אַז די בעוועגונג איז ניט נאָר ניט קיין פועל־יוצא פון אַן אינגעוויקעלטען לאָגישען ווידערשפּרוך — אויף וואָס ענגעלס לעגט אַזוי פיעל געוויכט, — זי איז אפילו ניט קיין רעזולטאַט פון אַ רעאַלען קרעפטען־שטרייט, ווי דאָס דערקלערט מאַרקס. די קרעפטען גופא זענען שוין ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַר־טען פון בעוועגונג. ממילא מוז מען קומען צו דער אונטערשטעטער שורה, אַז פון דער בעוועגונג קאָן מען קיין איין איינציגען בעוויז ניט ארויסקוועטשען צוליעב דער דיאַלעקטישער לאָגיק פון מאַרקס און ענגעלס.

אַ צווייטער וועלט־ווידערשפּרוך איז, לויט ענגעלס, דער פאַקט פון אונענדליכקייט.

די „אונענדליכקייט", זאָגט ער, „שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווי־דערשפּרוך און איז פול מיט ווידערשפּרוכען. דער ווידערשפּרוך בע־שטעהט שוין אין דעם, וואָס די אונענדליכקייט דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן אויסשליסליך פון ענדליכע גרויסען, ווי דאָס איז אויך אין דער ווירקליכקייט. די בעגרענעצטקייט פון דער מאַטעריעלער וועלט פיהרט צו ניט קיין קלענערען ווידערשפּרוך, איידער איהר אומבעגרענעצט־קייט, און יעדער פּרואוו אַבצושאַפען יענע ווידערשפּרוכען פיהרט צו נייע, נאָך גרעסערע. דוקא ווייל די אונענדליכקייט איז אַ ווידער־שפּרוך, בילדעט זי דאָס אַ פּראָצעס, אַן אונענדליכען אין צייט און רוים. מבטל זיין דעם ווידערשפּרוך וואָלט געהייסען מאַכען אַ סוף צו דער אונענדליכקייט."*) וואָס איז שייך אונענדליכקייט, מוזען

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 53.

מיר זיך מודה זיין, אז מיר ווייסען אין דער אמת'ען ניט, ווי איז דא די מעשה מיט איהר אין דער ווירקליכקייט. די וויסענשאפט, קודם די עקזאקטע נאטור־וויסענשאפט, איז, נאך אונזער מיינונג נאך, ניט גאר אומגערעכט, ווען זי בענוגענט זיך נאר מיט ענדליכע ערשיינונ־גען אין דעם הימעל פון אונענדליכקייט, לאזט זי איבער „דען פילא־זאפען און דען שפאטצען“.

מיר ווייסען נאר, אז די היפאטעזע פון אונענדליכקייט, וואס וואקסט על פי נויטווענדיגקייט אויס אין אונזער שכל, גערט להיפך צו דער אנדער היפאטעזע, וואס איז פונקט אזוי אונפערמיידליך אין אונזער דענקען, און וואס זאגט, אז ערגעץ וואו דארף דאך זיין א סוף. על כל פנים איז אין דעם בעגריף פון אונענדליכקייט גופא קיין ברעקעל ווידערשפרוך ניטא, ווען אפילו דאס אונענדליכע זאל בעשטעהן „פון לויטער ענדליכע גרויסען“. האט דאך דער פשוט'ער בעגריף פון א גאנצען, וואס בעשטעהט פון איינצעלנע טיילען, פון א וואלד, וואס בעשטעהט פון איינצעלנע ביימער, קיין שמץ פון אן אינוועניגסטען ווידערשפרוך אין זיך.

א חוץ דעם מיינען מיר, אז מען קאן נאך ניט פערוועהרען צו זיין מסופק אויך אין דעם אנדער גערדאנק פון ענגעלס, אז יעדע אונענד־ליכקייט מוז זיך דוקא רעאליזירען אין א וועלכען עס איז פראצעס. לאמיר דערמאנען אן דעם אונענדליכען ריינעם רוים, אין וועלכען אויך מארקס און ענגעלס האבען געגלויבט. *)

אזוי ווי דער רוים איז אונענדליך, האט ער בעדארפט, לויט ענ־געלס, ערשטענס בעשטעהן פון לויטער ענדליכע טיילען, וואס איז שוין פאר זיך ניט אמת. צווייטענס, האט ער געדארפט זיין א פראצ־עס, און דאס איז ער אויך ניט, ניט קוקענדיג דערויף, וואס דער „ריינער“ רוים איז אין תוך אריין ווי מיר האבען דא שוין אויבען בעמערקט, — „א ווירקליכער ווידערשפרוך, ווייל ער איז א רעאל־עקזיסטירענדע אבסאלוטע לעדיגקייט.“

---

*) „אייביגקייט אין דער צייט, אונענדליכקייט אין דעם רוים בע־שטעהט שוין לכתחילה און לויט דעם פשוט'סטען פשט פון דעם ווארט אין דעם, צו קיין זייט ניט צו האבען קיין ענד, ניט צו פארענט, ניט צו הינטען, ניט צו אויבען, ניט צו אונטען, ניט צו רעכטס אדער צו לינקס“. אנטי־דיוהרינג, ז. 38.

דערפון איז געדרונגען, אַז די אונענדליכקייט דאַרף ניט דוקא זיין קיין ווידערשפּרוך און זי מוז אויך ניט זיין קיין פּראָצעס, און ממילא איז אויך דער צווייטער בעוויז פאַר דער דיאַלעקטיק אין דער נאַטור בטל ומבוטל.

לאָמיר איצטער איבערגעהן צו די איבעריגע ווידערשפּרוכען, וואָס ענגעלס'ען האָט זיך איינגעגעבען צו ענטדעקען „אין דער דערקענטניס און דעם וועזען פון דער וועלט".

מיר וועלען אָנהויבען פון דער „דערקענטניס", פון דער מאַטעמאַטיק.

פון די דיאַלעקטישע עלעמענטען אין דער מאַטעמאַטיק, וואָס דערוויזען בלומרשט די גאַנצעמעסיגקייט פון דעם ווידערשפּרוך, שטעלט ענגעלס ארויס כמעט אַלע יענע פאַקטען, אויף וועלכע הע־געל האָט שוין אָנגעוויזען: דער ווידערשפּרוך אין דעם דיפערענ־ציאַל־חשבון, די צוגלייכונג פון אַ גלייכער ליניע צו אַ קרומער אונ־טער געוויסע בעדינגונגען, די צוגלייכונג פון „אַ" אין דער פּאָטענץ ½ צו דעם קוואַדראַט־וואָרצעל פון „אַ" און לסוף די אָנווענדונג פון קוואַדראַט־וואָרצלען פון מינוס איינס.

„דאָס לעצטערע", זאָגט ענגעלס, „שטעלט מיט זיך פאָר ניט נאָר אַ ווידערשפּרוך, נאָר אפילו אַן אבסורדען ווידערשפּרוך, אַן אמת'ען ווידערזין." „און פון דעסטוועגען", לעגט ער צו, „איז דער קוואַדראַט־וואָרצעל פון מינוס איינס אין אַ סך פעלען אַ נויטווענ־דיגער רעזולטאַט פון ריכטיגע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען; נאָך מעהר, וואו וואָלט אַהינגעקומען די גאַנצע מאַטעמאַטיק, די העכערע און די נידעריגערע, ווען מען וואָלט איהר פערוועהרט צו אָפּערירען מיט די קוואַדראַט־וואָרצלען פון מינוס איינס." *)

בנוגע צו די אַלע פאַקטען מוז מען קודם כל בעמערקען, אַז ווען אפילו זייער ווידערשפּרוכפולער כאַראַקטער זאָל דערוויזען ווערן בלי שום ספק, וואָלטען זיי אויך יעמאָלט נאָך ניט געווען קיין בע־וויז פאַר די עקזיסטענץ פון ווידערשפּרוכען אין דער רעאַלער ווירקליכקייט. ווייל פון די ווידערשפּרוכען, וואָס געפינען זיך אין

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 122.

דעם מענשליכען שכל, קאָן מען ניט ברענגען קיין ראיה אויף ווידער־שפּרוכען, וואָס געפינען זיך אין דער נאַטור.

ענגעלס אליין זאָגט זעהר ריכטיג אין איין אָרט, אז „אין דעם וועלען בעווייזען די רעאַליטעט פון א וועלכען עס איז רעזולטאַט פון געדאַנק דורך דעם, וואָס מען שטיצט זיך אויף דער אידענטיטעט פון זיין און דענקען, איז גראַד געלעגען איינע פון די ווילדעסטע פיעבער־פאַנטאַזיעס העגעל׳ס".*) אנטגעגען די פיעבער־פאַנטאַזיעס האָט קאַרל מאַרקס געקעמפט גאַנץ ענערגיש. נאָר אין גאַנצען בע־פרייען זיך פון זיי האָט ער, משמעות, ניט געקאָנט.

דער עיקר אָבער, וואָס מען דאַרף האָבען אין זין, איז דער פאַקט, אז די ווידערשפּרוכען, וועלכע ענגעלס דעקט אויף אין די מאַטעמאַטישע פאָרמולען און סימבאָלען, זענען ש י י ן ־ווידער־שפּרוכען, אויסגעדרוכטע, — ווידערשפּרוכען אין דער דרויסענדיגער פאָרם, ניט אין דעם אינווענינסטען תוך.

זיי אלע קאָנען גאַנץ גוט דערקלערט ווערן פון א פאָרמאַל־לאָגישען שטאַנדפּונקט, אויב מען זאָל זיי נאָר ניט בעטראַכטען „ווי מעהר אָדער ווייניגער אבסטראַקטע קאָפּיעס פון די זאַכען גופא", נאָר ווי „א פרייע בעשאַפונג און פּראָדוקטען פון דעם פערשטאַנדס כוח הדמיון", ווי ענגעלס האָט אין אן אנדער אָרט זעהר ריכטיג אָנגערופען אנדערע מאַטעמאַטישע אויסדרוקען, וואָס גערן להיפך צו זיין דיאַלעקטישער לאָגיק. **)

דעם געזונטען מענשענפערשטאַנד איז ניט שווער צו דערקלע־רען די אלע זיך ווידערשפּרעכענדע פאָרמולען און סימבאָלען דער־באַר, ווייל ערשטענס ווערן א סך פון זיי אָנגעווענדט אין דעם מאַ־טעמאַטישען חשבון אויף דעם זעלביגען סמך, אויף וועלכען מיר לאָזען ה י פּ אָ ט ע ט י ש צו אבסאָלוט אונמעגליכע זאַכען, כדי דערנאָך בעסער און קלאָרער ארויסצוברענגען דעם אמת. און צווייר־טענס קאָנען די אלע ווידערשפּרוכען זעהר גרינג צוגעפיהרט ווערן צו קאָנקרעטע ערשיינונגען, וואָס האָבען, ווי יעדע קאָנקרעטע ערשיי־נונג, קיין ברעקעל ווידערשפּרוך ניט אין זיך.

---

*) אנטי־דיוהרינג, ז. 30.

**) פגל. אנטי־דיוהרינג, ז. 25.

אָס ווייס יעדער איינער, וואָס איז בעקאַנט מיט דער מאָדערנער וויסענשאַפטליכער לאָגיק, און אין דעם קאָן זיך יעדער איינער פערזיכערן, ווער עס וועט איבערלייענען, לאָז זיין אין וואונדט׳ס לאָגיק יענעם קאַפּיטעל, וואָס האָט צו טהאָן מיט דער לאָגיק פון די מאַטעמאַטישע וויסענשאַפטען. דאָרטען קאָן דער לעזער געפינען ניט נאָר די דערקלערונג פון דער ווידערזיניגער פאָרמעל: „קוואַדראַט־וואָרצעל פון מינוס איינס", נאָר אויך פון אפשר נאָך אַ ווידערזיניגערער פאָרמעל: „מינוס קוואַדראַט־וואָרצעל פון מינוס איינס." *)

דער וויכטיגסטער רעזולטאַט, צו וועלכען די מאָדערנע לאָגיק איז געקומען בנוגע צו די נעגאַטיווע און אויסגעדוכטע גרויסען, ווערט זעהר ריכטיג פאָרמולירט פון וואונדטען אזוי: „דער לאָגישער בעטייט פון די נעגאַטיווע און די אויסגעדוכטע גרויסען ליעגט אין דעם, וואָס זיי בעשטימען א חוץ די ריין מעטרישע שיכות׳ען פון די גרויסען, אויך נאָך די פערשיידענע שיכות׳ען פון זייער ריכטונג; דערביי דאַרף מען די בעגריפען ריכטונג און אויסציהונגען נעהמען אין א מעהר אַלגעמיין־לאָגישען זין, וואָס נעהמט אין זיך אריין די רוימליכע שיכות׳ען נאָר ווי אַ ספּעציעלען פאַל."**)

די צרה מיט דער דיאַלעקטישער לאָגיק ליעגט גראָד אין דעם, וואָס זי טראַכט וועניג וואָס וועגען די פערשיידענע ריכטונגען פון

---

*) ווי וואונדט, לאָגיק, בד. 2 (1894), זז. 87—249.

**) דאָרטען גופא, ז. 145. איין ביישפּיעל וועט אונז קלאָר מאַכען יענעם רעזולטאַט. לאָז זיין, אַז אין דעם מיטען פון דער ליניע בע—צע איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַ פּערפּענדיקוליאַר אַ—דע, אזוי אַז אַלע ליניעס: אַ—בע, אַ—צע און אַ—דע זענען אַבסאָלוט גלייך אין דער לענג; זיי שיידען זיך אָבער פאַנאַנדער אין דער ר י כ ט ו נ ג פון דעם פונקט אַ. אַ—בע געהט רעכטס, אַ—צע לינקס און אַ—דע געהט אַרויף אין דער הויך. אויב מען זאָל זאָגען אַז די לענג פון אַ—בע איז גלייך „פּליוס איינס", איז יעמאָלט די לענג פון אַ—צע „מינוס איינס" און דער אַלגעבּרעאישער ציי‌כען פאַר דער ליניע אַ—דע ווערט געפונען פון דער פּראָפּאָרציע: „פּליוס איינס שטעלט זיך צו אַ—דע, ווי אַ—דע צו מינוס איינס". ממילא איז אַ—דע אין קוואַדראַט גלייך צו מינוס איינס אין קוואַדראַט. אָדער: אַ—דע איז גלייך דעם קוואַדראַט וואָרצעל פון מינוס איינס.

די פערשיידענע גרויסען. אזוי רעדט צ. ב. ענגעלס אין זיינע טענות אַנטגעגען דיוהרינגען אזעלכע רעיד: „דער, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען פארטיג צו ווערן מיט העגעל׳ס לעהרע וועגען „וועזען" ביז צו יענעם אָרט, וואו ער רעדט וועגען דער פלאַטשיגקייט פון אַזוינע בעגריפען, ווי די בעוועגונג פון קרעפטען אין להיפך׳דיגע ריכטונגען און ניט לויט דעם אינוועניגסטען ווידערשפרוך, וואָלט בעסער געטהאָן, ווען ער וואָלט לגמרי אויפגעהערט צו געברויכען אזעלכע געמיין־פלעצער." *)

אָבער ערשטענס האָבען מיר שוין אויבען געזעהן, מיט וועלכע לאָגישע סאָפיזמען העגעל קעמפט אַנטגעגען די לאָגישע „פלאַטשיגקייטען". והשנית, דאַרף מען ניט פערגעסען, אז עס זענען לײַדער נאָך דא מאָמענטען אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאַנק, ווען עס איז גאָר ניט קיין איבעריגע זאַך פאַר דער וויסענשאַפט — דערמאָנען אָן געוויסע, אַלעמען בעקאַנטע „געמיין־פלעצער".

זאָגט אַליין, איז דאָס ניט אַ קלאָרער געמיין־פלאַץ, אָן אמת׳ע אויבענאויפיגע פלאַטשיגקייט, ווען מארקס זאָגט, אז „די מיטעלאַלטער האָט ניט געקאָנט לעבען פון קאַטאָליציזם, ווי די אַלטע וועלט האָט ניט געקאָנט לעבען פון פאָליטיק",**) אָדער ווען ענגעלס דערצעהלט אונז, אז „מענשען דאַרפען עסען, טרינקען, שלאָפען, האָבען אַ וואוינונג און קליידער, הייסט עס, ארבייטען, איידער זיי קאָנען קעמפען פאַר הערשאַפט און בעשעפטיגען זיך מיט פאָליטיק, רעליגיע, פילאָסאָפיע א. אז. וו."***)

און פון דעסטוועגען איז ענגעלס אַ ברעקעל ניט אין ספק, אז אין דעם אָנווייז אויף יענעם „מיט׳ן האנד אָנצוטאַפענדען פאַקט" ליעגט איינער פון די אונשטערבליכסטע פערדיענסטען פון קאַרל מאַרקס****). און ער איז גרייליך גערעכט, ווייל מאַרקס האָט אין דער אמת׳ען בעוויעזען אַ גרויסען, אונשאַצבאַרען דיענסט דער געזעלשאַפטס־וויסענשאַפט מיט דעם, וואָס ער האָט אזוי שאַרף

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 122.
**) קאַרל מאַרקס, דאָס קאַפּיטאַל בד. 1, (צווייטע אויפלאַגע), ז. 60.
***) זעה: פר. ענגעלס, „קאַרל מאַרקס". די וואָכע. פיגאַרא נומ. 35, ז. 550.
****) דאָרטען גופא.

אונטערגעשטריכען די מעכטיגע ווירקונג פון דעם עקאָנאָמישען פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון די פעלקער. ניט קוקענדיג דערויף, איז דער „אַנצוטאַפּענדער פאַקט“, אַקוראַט אַזאַ טרואיזם, ווי די לעהרע פון די ריכטונגען, מיט וועלכע עס אָפּערירט די מאַטעמאַטיק.

די נפקא מיניה איז, הפנים, נאָר אין דעם: האָלט מען פון א וועלכען עס איז אַלעמען בעקאַנטען געדאַנק, יעמאָלט רופט מען איהם: „אַנצוטאַפּענדער פאַקט“; אַז ניט ניט מען איהם א צונעמעניש: „אַן אַלגעמיינער, אויסגעטראָטענער פּלאַץ“. אַזעלכע בּרוגז'דיגע, אומצופּריעדענע צונעמענישען בעווייזען לחלוטין גאָרנישט און איידער מען ווענדט זיי אָן, איז ניט איבעריג צו דערמאָהנען זיך אַז ענגעלס'עס א ווערטעל, וואָס ער האָט געזאָגט אַנטקעגען דיוהרינגען: „אַזוינע אויסדריקען פון אומצופרידענקייט און בּערדראָס קאָן מען אַנווענדען אומעטום און ממילא זענען זיי ערגעץ ניט אם פּלאַץ“*).

אָבער גאָר איבעריג זענען זיי אין אונזער פאַל, ווען מיר קאָנען, מיט דער הילף פון אַזאַ „אַנצוטאַפּענדען פאַקט“, ווי די פערשיידענקייט פון ריכטונגען, דערקלערען כמעט אַלע מאַטעמאַטישע סימבּאָלען און צייכענס. די אַנטי־לאָגישע פאָרם פון געוויסע מאַטעמאַטישע סימבּאָלען קאָן דעריבער בשום אופן ניט אוועק נעהמען פון אונז אונזער כשר, לאָגיש רעכט — אין גאַנצען אָבצולייקענען די עקזיסטענץ פון אינוועניגסטע לאָגישע ווידערשפּרוכען אין דער נאַטור.

די דרויסענדיגע פאָרם פון דעם מאַטעמאַטישען אויסדרוק איז ניט מעהר ווי א צייכען, א סימבּאָל, אַן „אידעען־בעדערפענים פון דעם מאַטעמאַטיקער“. די „אידעען־בעדערפענים פון דעם מאַטעמאַטיקער איז אָבער ווייט דערפון, צו זיין א צוואַנג־געזעץ פאַר דער רעאַלער וועלט“**). די דאָזיגע שעהנע ווערטער געהערען ווידער א מאָל ניט צו קיין אַנדערן, נאָר צו ענגעלס'ען גופא, וואָס פערשטעהט אויסגעצייכענט דעם רעלאַטיווען בעדייט פון מאַטעמאַטישע סימבּאָלען דאָרטען, וואו זיי געהען להיפּך צו זיין קאַמף אַנטקעגען דער פאָרמאַלער לאָגיק.

---

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 47.

**) אַנטי־דיוהרינג, 40.

אויף אזא'ן אופן זעהען מיר, אז די דערקלערונג פון מאטעמאטישע ווידערשפרוכען מאכט ניט דער לאגיק קיין ברעקעל שוועריגקייט. לאמיר איצטער זעהען, אויף וויפיעל די רעאלע ערשיינונג פון דער נאטור קאנען צווינגען אונז, מיר זאלען זיך אויסאיינען מיט די גרונד־געזעצען פון דער דיאלעקטישער לאגיק.

פון אלע נאטור־ערשיינונגען ווייזט ענגעלס אן, דער עיקר, אויף די ערשיינונגען פון ל ע ב ע ן, ווי אויף א גבול פאר דעם מעטאפיזישען דענקען. פון יענער זייט גבול, זאגט ער, „ווערט דאס מעטאפיזישע דענקען איינזייטיג, בעגרעניצט, אבסטראקט און פערפלאנטערט זיך אין ניט פאנאנדערצובינדענדע ווידערשפרוכען"*).

אז די ערשיינונגען פון לעבען זענען זעהר א פערפלאנטערטער ענין; אז כדי צו פערשטעהן זיי, ווי דער סדר איז, מוזען מיר זיך אפשר אבזאגען פון א סך דמיונות, וועלכע אונזער „געזונטער מענשענפערשטאנד" האט ארויסגעבראכט, און אפילו פון א סך אמת'ען, וועלכע די מעכאניש־פיזיקאליש־כימישע וויסענשאפט האבען אויפגעבויט, — צו דעם געדאנק ווערען מיר איצטער אלץ מעהר און מעהר צוגעוואוינט, א דאנק דער מאדערנער ביאלאגיע און, דער עיקר, א דאנק דער אויסטייטשונג פון די ביאלאגישע פאקטען, וועלכע בערגסאן שלאגט פאר אין זיין „בעשאפערישער עוואלוציע".

אבער דער אלטער מאטעריאליסט ענגעלס האט געוויס ניט געהאט אין זין יענע נייע, אנטי־מאטעריאליסטישע ארגומענטען, וואס פאדערן, מיר זאלען קוקען אויף די ערשיינונגען פון לעבען מיט גאנץ אנדערע אויגען, איידער אויף די ערשיינונגען פון דער ניט־בעלעבטער נאטור, מיט וועלכע עס בעשעפטיגען זיך די מעכאניק, די פיזיק און די כעמיע. ענגעלס איז אומצופריעדען מיט דעם „מעטאפיזישען" דענקען אין דער ביאלאגיע, מעהר נישט ווי דערפאר, וואס ער זאגט זיך אויך דא ניט אב פון די פארמאל־לאגישע גרונד־געזעצען. דער מעטאפיזיקער, מיינט ענגעלס, לאזט דא ארויס פון אויג זעהר א וויכטיגען פונקט:

„אין די טאג־טעגליכע פעלען", זאגט ער, „ווייסען מיר צ. ב.

---

*) אנטי־דיוהרינג, ז. 7.

און מיר קאָנען בעשטימט ארויסזאָגען, צי עס עקזיסטירט א וואָסער עס אין לעבעדיג ווענען אדער ניט. ביי א מעהר פינקטליכער אונ־טערזוכונג אָבער געפינען מיר, אז דאָס איז אָפט מאָל זעהר א שווערע מעשה; דאָס ווייסען אויסגעצייכענט די יוריסטען, וואָס האָבען אומזיסט זיך געפלייסט, אויפצושטעלען א ראַציאָנאַלען גרעניץ, וואָס פון איהם אָן זאָל די טויטונג פון א קינד אין דעם לייב פון דער מוטער בעטראַכט ווערן, ווי א מאָרד. אין דעם זעלביגען גראַד איז אויך אוממעגליך אויף זיכער צו בעשטימען דעם מאָמענט פון טויט: די פיזיאָלאָגיע דערווייזט, אז דער טויט שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין איינצייטיגע, מאָמענטאַלע פאַסירונג, נאָר א פראָצעס, וואָס געווערט גאַנץ לאַנג" *).

דער מאַטעריאַליסט ענגעלס איז, ווי מיר זעהען דאָ און ווי מיר וועלען נאָך שפּעטער זעהען, זעהר ווייט פון דעם געדאַנק, אז דאָס לעבען שטעלט מיט זיך פאָר א ספּעציפיש אנדער זאַך, איידער יענע ערשיינונגען, וועלכע מיר זענען געוואוינט אָנצונעהמען פאַר ניט לעבעדיגע, און אז צוליעב דעם אליין מוזען מיר אין דער ביאָלאָגיע אָנווענדען גאַנץ אַנדערע דענק־און פאָרשונגס־מעטאָדען, איידער אין דער ניט־אָרגאַנישער נאַטור. פאַר איהם איז לעבען ניט קיין אנדער זאַך, ווי דיזעלביגע אַרטען פון בעוועגונג, וואָס מיט זיי ווערען מיר בעקאַנט אין דער מעכאַניק, פיזיק און כעמיע. זיין דיאַלעקטישע מעטאָדע איז אין דער ביאָלאָגיע נויטיג נאָר צוליעב דעם, כדי מיר זאָלען קאָנען פּינקטליך דערקענען די קלענסטע איבער־גאַנגס־שטופען פון טויט־זיין צו לעבעדיג־ווערן און פון לעבעדיג־זיין צו טויט־ווערן. צוליעב אָט די קליינסטע איבער־גאַנגס־שטופען דאַרפען מיר זיך אָבזאָגען פון יענע דענק־געזעצען, וועלכע מיר ווענדען אָן אין דער פאָרמאַלער לאָגיק.

אָבער — בלייבט ענגעלס אַלעמאָל טריי צו אזא בליק אויף דעם ענין?

„הערר דיוהרינג", שרייבט ער אין אַן אָרט, „האַלט משמעות זיינע לעזער פאַר זויג־קינדער. דער בעווייז פון איינצעלנע איבער־גאַנגען און פערבינדונגען צווישען די קלענסטע רינגעלעך אין דער

*) דאָרטען גופא.

קעיט פון'ם זיין, — אַט דאָס גראַד איז דאָך דער אינהאַלט פון די נאַטור־וויסענשאַפטען און אויב ערגעץ־וואו בלייבט דער ענין שטעקען, וועט קיינעם ניט אַרויף אויפ'ן זינען צו דערקלערן די פֿיי־ערשיענענע בעוועגונג פון גאָרנישט; נאָר מען דערקלעהרט זי דורך אַן אַריבערטראָג, אַ פערוואַנדלונג אָדער אַ פערשפּרייטונג פון אַ פריהערדיגער בעוועגונג"*).

אונז דוכט, אַז אין די ווערטער האָט ענגעלס אַליין אַרויס נע־געבען אַ פּסק אַנטגעגען דער נויטווענדיגקייט פון דער דיאַלעקטי־שער לאָגיק אין דער ביאָלאָגיע. די פּינקטליכע דערקענטניס פון די קלענסטע איבערגאַנגס שטופען איז די אויפגאַבע פון דער ווי־סענשאַפט בכלל. די ביאָלאָגיע מיט איהר גרונד־פּראָבלעם — „דאָס לעבען" — איז דאָ ניט מעהר און ניט ווייניגער מיוחס, איידער די פיזיק אָדער די געאָלאָגיע.

אָדער דאַרף מען אפשר האָבען דעם דיאַלעקטישען דענק מעטאָד, כדי צו דערקלערן, ווי אַזוי בעוועגונג ווערט אַריבערגע־טראָגען, פערוואַנדעלט און פערשפּרייט?

בשום אופן וועל איך ניט לייקענען, אַז די דערקלערונג פון בעוועגונג, ווי אויך די דערקלערונג פון איהרע טראַנספאָרמאַציעס, פאָדערט אַזעלכע דענק־מיטלען, וואָס ליגען אַ סך טיעפער איידער די אוצרות פון דעם געזונטען מענשען־פערשטאַנד. אָבער וואָס קאָן אונז דאָ דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם מיט זיין דיאַלעקטישער לאָגיק העלפען? די דיאַלעקטישע לאָגיק דערקלערט די בעוועגונג, ווי אַ ווידערשפּרוך; דער מאַטעריאַליזם פּטר'ט אָב די שאלה מיט דעם פּשוט'ען בעמערק, אַז די בעוועגונג איז די „זיינס־פאָרם פון דער מאַטעריע".ביידע גיעבען ניט אַ רוק די שאלה ניט אויף איין שפּאַן פאָראויס.

אַ חוץ דעם: ווער־ווער, אָבער ענגעלס האָט אודאי קיין רעכט ניט אַריין ציעהען די „ניט־דערקלערבאַרקייט" פון לעבען אין אַ פערבינדונג מיט דער ניט־דערקלערבאַרקייט פון בעוועגונג. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם נעהמט אויף דעם פּראָבלעם פון לעבען אין אַזאַ פּשטות. אַז אויב מען שטימט

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 44.

איין מיט זיין גרונד־געדאַנקען, איז יעמאָלט איבערהויפּט ניטאָ קיין פּרינציפּיעלע מניעות, פּינקטליך אויפצושטעלען יענעם מאָמענט, ווען לעבען ווערט פּלוצלונג געבאָרען.

„דאָס לעבען", זאָגט אונז ענגעלס, „איז ניט קיין אנדער זאַך, ווי די זיינס־פאָרם פון די איי־ווייסעל־קערפּער"*). עס איז דעריבער קלאָר, אַז דאָרטען, וואו עס איז פאַראַן איי־ווייסעל; דאָרטען, וואו אַזאַ מין קערפּער ווערט אויפגעבויט פון ניט־אָרגאַנישע שטאָפען, — דאָרטען האָבען מיר אויך לעבען. ביי אַזאַ פעראייינפאַכטער מעטאָדע צו פערענטפערן פערשאָלטענע שאלות, איז די דיאַלעקטישע לאָגיק נאָך מעהר אַ פּינפטער ראָד צום וואָגען, ווי ערגעץ־וואו אנדערס.

דער מאָמענט פון לעבען איז אונז געגעבען מיט דעם אויפבוי־מאָמענט פון דעם איי־ווייסעל. קורץ, שאַרף און געשלאָסען. אויף אַזאַ'ן אופן איז די דערקלערונג פון לעבען אַקוראַט אַזוי גרינג פאַר דעם „מעטאַפיזיקער", ווי די דערקלערונג פון וועלכען איהר ווילט אַן אנדערן פיזישען אָדער כעמישען פאַקט. די דיאַלעקטיק האָט דאָ נאַרנישט ניט וואָס צו טהאָן. און אַקוראַט אַזוי איבעריג איז זי ביי דער דערקלערונג פון טויט. „פון דעם מאָמענט אָן ווען עס הערט אויף די שטענדיגע פערוואנדלונג פון די בעשטאַנד־טיילען אין איי־ווייסעל־קערפּער", זאָגט ענגעלס, „פון יענעם מאָמענט אָן הערט אויף צו עקזיסטירען דער איי־ווייסעל־קערפּער גופא. ע ר פ א ל ט פ א נ א נ ד ע ר, ד אָ ס ה י י ס ט ע ר ש ט א ר ב ט א װ ע ק"**).

די וויסענשאַפט האָט, הייסט עס, צו איהר אייגענער פערוואונדערונג, די פּינקטליכסטע מיטלען, ווי אַזוי אויפצושטעלען די מאָמענטען פון לעבען און טויט. און אויב ערגעץ־וואו טהוט זיך עס ניט אַזוי פלינק, ווי עס רעדט זיך, האָט דער מאַטעריאַליסט ענגעלס וועניגער פאַר אַלעמען דאָס רעכט צו זוכען די דערקלערונג פאַר „אַן ענטשטאַנענער אָדער פערשוואונדענער זיינס־פאָרם" ביי דעם ניט־זיין, אָדער, — וואָס דאָס איז די זעלבינע זאַך, — ביי אַ נעמיש פון זיין און ניט־זיין, ד. ה. ביי דעם ווידערשפּרוך.

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 74.
**) אַנטי־דיוהרינג, ז. 75.

ענגעלס ווייזט אָן נאָך אויף אַ פאַקט פון דער ביאָלאָגיע, וואָס דאַרף אונז דיקטירען די נויטווענדיגקייט פון דער דיאַלעקטישער דענק־מעטאָדע.

„יעדע אָרגאַנישע בריאה", זאָגט ער, „איז אין איטליכען הרף־עין דאָס און ניט דאָס, וואָס זי איז. אין יעדוועדען מאָמענט אַרבעט זי איבער שטאָפען, וואָס קומען פון דרויסען און שיידט אַרויס אַנדערע; אין יעדען מאָמענט שטאַרבען אָב קלייטעלעך פון איהר גוף און עס געשטאַלטען זיך נייע. אין אַ קירצערען אָדער לענגערען פעריאָד צייט ווערט דער שטאָף אין גאַנצען בענייט, פערביטען מיט אַנדערע אַטאָמען פון דער מאַטעריע אַזוי, אַז יעדע אָרגאַניזירטע בריאה איז דאָס, וואָס זי איז, און אין דערזעלביגער צייט עפּעס אַ גאַנץ אַנדער זאַך"*).

דער טעות פון דעם דיאַלעקטישען שלוס שטאַמט דאָ, לויט אונזער מיינונג, פון דעם, וואָס דערביי ווערט געפיהרט אַ דאָפּעלזיניגער שפּיעל מיט דעם וואָרט „דאָס".

אונטער דעם וואָרט „דאָס" פערשטעהען מיר ערשטענס די געגעבענע מאָמענטאַלע ערשיינונג, אַ בעשטימטע אין דער צייט, — אַן ערשיינונג, וואָס ווערט, שטרענג גערעדט, אַלע ווייליע לגמרי אַן אַנדערע. צווייטענס אָבער פערשטעהען מיר אונטער דעם וואָרט „דאָס" אַ ס כ ו ם פון געוויסע א י י ג ע נ ש אַ פ ט ע ן, וואָס בלייבען די אייגענע, אָדער כמעט די אייגענע, ביי דעם שטענדיגען פליעסען פון אַ וועלכער עס איז אַרט ערשיינונגען.

אַזוי צ. ב. בעשטעהט די פלאַם אין יעדען נייעם הרף־עין ווירקליך פון גאַנץ אַנדערע שטאָף־טיילכעלעך, איידער אין דעם פריהערדיגען. אָבער היות ווי די נייע שטאָף־טיילכעלעך טרעטען אַרויס מיט די זעלביגע אייגענשאַפטען, וואָס די פריהערדיגע, זאָגען מיר, אַז די פלאַם איז געבליבען דיזעלביגע פלאַם. שטרענג גערעדט אָבער, בלייבט זי דיזעלביגע פלאַם אויך יעמאָלט, ווען מען לעשט זי אויס און צינדט זי ווידער אָן. זי בלייבט דעריבער דאָס, וואָס זי איז, נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל איהרע איצטיגע טיילכעלעך זענען בעשענקט מיט דיזעלביגע אייגענשאַפטען, וואָס

*) אַנטי־דיוהרינג, ז. 7. פגל. אויך ז. 75.

די פריהערדיגע. זי איז געוואָרען אַן אַנדערע נאָר אויף אַזוי פיעל,
אויף וויפיעל איהרע טיילכעלעך זענען אין זיך גופא אַנדערע, נייע.
דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם. אויף
וויפיעל ער בעשטעהט פון גאַנץ נייע מאַטעריעלע אַטאָמען, אויף
אַזוי פיעל איז ער געוואָרען אַן אַנדערער; אָבער אויף וויפיעל די
אַטאָמען ווייזען אַרוים דיזעלבינע אייגענשאַפטען, וואָס די פרי־
הערדיגע, אויף אַזוי פיעל בלייבט ער דאָס, וואָס ער איז געווען.
אין דער ווירקליכקייט, פערשטעהט זיך, זענען בכלל ניטאָ קיין צוויי
צושטענדען אין דעם לעבען פון אַן אָרגאַניזם, וואָס זאָלען זיין אין
גאַנצען גלייך איינער צו דעם אַנדערען, די גלייכקייט מיט זיך אַליין
איז אין דעם מענשליכען אָרגאַניזם, ווי אין דעם לעבעדיגען אָרגאַ־
ניזם בכלל, שטרענג גערעדט, ניט מעהר ווי אַ פיקציע. אַ ווייט
נעהענדע עהנליכקייט, — אַט דאָס נעהמען מיר אָן פאַר גלייכקייט.
די דיאַלעקטישע לאָגיק טרעט אַרוים אין דעם פאַל אין דער
ראָליע פון אַ ק אָ מ פּ ר אָ מ י ס צווישען דעם נאַאיווען, טאָג־
טעגליכען בליק אויף דער וועלט, — וואָס בעטראַכט אַ לעבעדיגען
אָרגאַניזם, ווי עפּעס אַ שטענדיגעס, עפּעס, וואָס איז תמיד גלייך
זיך אַליין, — און דעם וויסענשאַפטליכען בליק, וואָס שטרייכט
אונטער מיט דער גאַנצער קראַפט דעם פאַקט, אַז דער אָרגאַניזם
האַלט אין איין שטענדיגען בייטען־זיך.
אָבער אַזאַ קאָמפּראָמיס איז מעגליך אויך אין די גרעניצען
פון דער פאָרמאַלער לאָגיק: מען דאַרף נאָר ניט אַרויס לאָזען פון
אויג יענע „אויף וויפיעל — אויף אַזוי פיעל“, „פון איין זייט —
פון דער אַנדער זייט“, וועלכע העגעל האָט מבזה געווען מיט אַזאַ
פעררייסענער נאָז, און וואָס זייער אַרויס־יאָגען פון דער וויסענשאַפט
וואָלט נעהייסען אַ סוף צו דעם וויסענשאַפטליכען דענקען.

* * *

רעזיומירען מיר אַלץ, וואָס מיר האָבען געזאָגט וועגען דער
דיאַלעקטישער לאָגיק אין איהר פערבינדונג מיט דעם מאַטעריאַ־
ליזם, קומען מיר צו אָט וועלכע רעזולטאַטען:
ר א ש י ת. די דיאַלעקטישע לאָגיק מיט איהר אָבלייקענען
דעם ווידערשפּרוך־געזעץ, דאַרף בעטראַכט ווערן ווי אַ פּראָדוקט
פון געוויסע פילאָסאָפישע פאָרבעדינגען, וואָס האָבען אָבער איצ־

מער, א דאנק דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען געדאנק, פערלארען זייער פילאסאפישען בעדייט.

ש נ י ת. די צונויפ־פארונג פון דער דיאלעקטישער לאגיק מיט דעם מאטעריאליזם נעהמט ביי איהר אוועק יעדען שאטען פון א וואסער עס איז טעארעטישער בעגרינדונג. די מארקסישע קריטיק פון דער פארמאלער לאגיק וואלט מען געקאנט פערשטעהן און מוחל זיין, ווען מארקס'עס וועלט־אנשויאונג וואלט געבליבען אין די גרעניצען פון דער העגעל'שער פילאסאפיע, פון וואנען זי שטאמט אב. אבער אויף דער פלאנץ־ערד פון דעם מאטעריאליזם טרעט יענע קריטיק אריין אין א צונויפשטויס מיט פרינציפען, וועלכע מארקס און ענגעלס האלטען פאר ריכטיגע.

ו ה ש ל י ש י ת. פאר א וויסענשאפטליכער דערקלערונג פון די וועלט־ערשיינונגען איז די דיאלעקטישע לאגיק לגמרי איבעריג. אויף דעם ברייטען, ווייטען פעלד פון דער פראקטיקע קאן מען זי ניט אנווענדען. זי מוז דא, אוים אייגענער איניציאטיווע, איבערלאזען דעם פלאץ דער פארמאלער לאגיק און אויף אזא'ן אופן פיהרען צו א דערקענטניס־טעארעטישען דואליזם, וואס קאן מיט קיין זאך ניט פערענטפערט ווערן.

קורץ: פ י ל א ס א פ י ש איז זי ניט בעגרינדעט, פאר דער ו ו י ס ע נ ש א פ ט איבעריג, אין דער פ ר א ק ט י ק ע מעהר שעדליך, איידער אהן־נוצען, און ממילא האלט זי אומעטום ניט אוים קיין קריטיק.

* * *

די דיאלעקטישע לאגיק איז דער פונדאמענט פון דעם דיאלעקטישען מאטעריאליזם, דעם פילאסאפישען געביי פון מארקס און ענגעלס. אויף דער דיאלעקטישער לאגיק רוהט די דיאלעקטישע ענטוויקלונגס־לעהרע. אויף דער דיאלעקטישער ענטוויקלונגס־לעהרע — די דערקענטניס־טעאריע און די דיאלעקטישע מעטאדען־לעהרע. אויף די דריי זיילען ווערט אויפגעבויט די נאטור־פילאסאפיע און די סאציאלאגיע. נאך העכער אויבען — די געשיכטס־פילאסאפיע; די קרוין פון דעם גאנצען שטאלצען געביי איז די טעאריע פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם.

אַלע וויכטיגע טיילען פון דעם מאַרקסיסטישען סיסטעם האָ־
בען זייערע אייגענע פעהלערן, אָבער אויך אַ סך פעהלערן וואָס
שטאַמען דירעקט אָדער אינדירעקט אָב פון יענעם אונגליקליכען
שידוך, וואָס מאַרקס׳ען האָט זיך פערוועלט דורכפיהרען אין דער
פילאָסאָפיע: ווערער אַ שידוך צווישען אַ לייכטען שמעטערלינג,
דער העגעל׳שער ווידערשפרוך־לאָגיק, מיט אַ היפּאָפּאָטאַם, דעם מאַ־
טעריאַליזם.

די קריטיק פון דעם גאַנצען מאַרקסיסטישען סיסטעם פון
דעם שטאַנדפּונקט דאַרף נאָך ערשט געמאַכט ווערן.

מיר האָבען דערווייליע געגעבען מאַטעריאַל צו דעם ערשטען
קאַפּיטעל פון אַזאַ עד היום נאָך נויטיגער אַרבייט.

דער שטוטגארטער קאנגרעס

דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס *)

אַ סך בעזוכער פון דעם שטוטגאַרטער אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס, — דערהויפּט, די „געסט“, — זענען אַוועקגעפאָהרען, זאָגט מען, זעהר ענטוישט. זיי האָבען געהאָפט אויף אַ סך מעהר: זעהען מעהר כוח און מאכט פון דער וואַקסענדער פּראָלעטאַרישער אַרמעע, מעהר התלהבות ביי די קעמפּער פאַר דער מענשהייטס בעפרייאונג; מעהר פּראַקטישע און רעזאָלוטע אַרויסטרעטונגען און אין דערזעלביגער צייט אַ גרעסערען אינטעלעקטועלען און מאָראַלישען שאַפען.

די רוסישע פּרעסע האָט שוין אויך געמוזט זיך רעכענען אָט מיט דער שטימונג פון ענטטוישונג, וואָס איינינגע האָבען אַרויסגעטראָגען פון דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס.

די צייטונג „טאָווארישטש“ פערטיידיגט דעם קאָנגרעס מיט דער טענה, אַז פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל איז שוין אריבער די צייט פון יוגענדליכע התלהבות, פון „תפילות און זיסע קלאַנגען“. עס איז פאַר איהם געקומען די צייט פון ניכטערע אַרבייט, פון וואָכעדיגע קליינינגקייטען און אַז אין דעם אומשטאַנד גופא, — וואָס איז אפשר זעהר ווענינג מאַגנעטיש פאַר די זייטיגע מענשען, — ליעגט — גלויבט די צייטונג — די ערבות פאַר דעם ערפאָלג פון דער אַרבייטער־בעוועגונג.

מיר דוכט אָבער, אַז דער קאָנגרעס נויטיגט זיך ניט אין אַזאַ פערטיידיגונג, אוז די אַלע תרעומות זענען אַ פּראָדוקט פון מיספערשטענדנים און קנאַפּע בעקאַנטשאַפט מיט דעם ענין.

מען פערגלייכט שטוטגאַרט מיט לאָנדאָן, ציוריך, פּאַריז. מען פערגעסט אָבער דערביי, אַז זינט פּאַריז האָט זיך די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דעם קאָנגרעס שטאַרק איבערגעביטען. ביי די פּרי־

*) סערפ בד. 2 (1908), ז. 265-227.

הערדיגע סאָציאַליסטישע צונויפפאָהרען פלעגט דער שווערפונקט ליגען אין די זיצונגען פון דעם פלענום. די פראָמינענטערע פיה־רער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם פלעגען ארויסטרעטען פאר די דעלעגאטען, די געסט און דעם עולם מיט אלץ, וואָס האָט ביי זיי, ביי יעדען איינעם, אָנגעוועהטיגט אויף דער נשמה.

זיי האָבען געדונערט אַנטגעגען דער אַלטער אָבגעלעבטער וועלט, אין דער פערזאָן פון די מאַכטהאָבער אין יעדען איינצעלנעם לאַנד. זיי האָבען בעלויכטען אַלע ניעדערטרעכטיגקייטען פון די הערשענדע קלאַסען, וואָס זענען בעגאַנגען געוואָרען אין דעם פער־פלאָסענעם פעריאָד. פאַר דעם פלענום פלעגען זיי פאַנאַנדער־עפענען די ליכטיגע האָריזאָנטען פון דער צוקונפט, פלעגען בע־קאַנט מאַכען די חברים מיט דער לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין זייער לאַנד, ביי זייער פאָלק. און דאָ גופא, פאַר דעם פלענום פלעגען פאָרקומען די שאַרפע ויכוחים צווישען פער־שיידענע טאָערעטישע ריכטונגען און עס פלעגען פאַנאַנדערגע־קליבען ווערען די פּראַקטיאָנערע און אָרגאַניזאַציאָנערע שטרייטיג־קייטען.

דער וואָס האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלץ, וואָס עס איז גערעדט געוואָרען אויף די עפענטליכע זיצונגען, פלעגט אוועק געהן, בערייכערט מיט אַ סך נייע קענטנים; זיין שטעלונג צו דער אָדער יענער פראַגע, צו דער אָדער יענער פאַסירונג, — אין דער פאַרטיי אָדער אין דער וועלט, — פלעגט ווערן קלאָרער. אַ פריינד אָדער אַ פיינד, פלעגט ער מוזען בעוואונדערן יענע גייסטיגע ענערגיע, יענעם שטראָם פלאַמענדען געפיהל, וואָס פלעגען זיך ארויס ווייזען אויף דעם קאָנגרעס.

איצטער האָט זיך דאָס בילד אין גאַנצען געענדערט. די עפענטליכע זיצונגען פון דעם פלענום האָבען, — אין דעם פרט פון היסטאָרישען בעדייט, — זיך אָבגערוקט כמעט אויף גאָר דעם לעצ־טען פלאַן. דאָס געזעץ פון אַרבייטס־טיילונג האָט טריאומפירט אויך אין די אַרבייטען פון דעם קאָנגרעס. אין איין צייל מיט דעם פלענום זענען אַרויסגעטרעטען נייע געבילדען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די גייסטיגע אַרבייט פון דעם צונויפפאָהר.

ערשטענס, זענען דאָס די ליטעראַרישע פערעפענטליכונגען

פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען ביוראָ. אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנ־גרעס האָבען זיי פיגורירט אין דער געשטאַלט פון דריי בכבוד'ע בענד פון באַלד אַ 2,000 זייטלעך. דער לעזער האָט געקאָנט גע־פינען אין זיי די בעריכטען וועגען דער טהעטיגקייט פון די פערשיי־דענע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די פערשיידענע לענדער, בעריכטען וועגען די זיצונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען ביוראָ גופא און אויך די רעזאָלוציעס, וואָס זענען פאָרגעשלאָגען געוואָרען פאַר דעם קאָנגרעס, מיט ברייטליכע קאָמענטאַרען און מעמאָריאַ־לען צו זיי. אויב די בעריכטען פלעגען אויך פריהער געדרוקט ווערן פאַר'ן קאָנגרעס און פלעגען פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישען די דעלעגאַטען, פלעגט אָבער דער טעקסט פון די רעזאָלוציעס און זייער פערטיידיגונג מצד די אריינטראָגער, בעשעפטיגען די אויפ־מערקזאַמקייט פון דעם פלענום.

אַ גאַנץ אַנדער בעדייטונג האָבען אויך בעקומען די ק אָ מ י־ס י ע ס, וועלכע מען קלייבט אויס, כדי צו בעטראַכטען יעדען איינצעלנעם פונקט פון דער טאָג־אָרדנונג און כדי אויסצואַרבייטען אַ מעגליכסט איינשטימיגע רעזאָלוציע.

פריהער האָבען אַזעלכע קאָמיסיעס געדיענט נאָר ווי אַ פּלאַץ פאַר אַ פראָבע־קאַמף, אין וועלכען די שטרייטענדע צדדים פלעגען אויספּרואווען די פעסטקייט פון זייערע פאָזיציעס. אויף דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס פלעגט אין זיי שוין פאָרקומען די גענע־ראַל־פּראָבע פון דער שלאַכט. אָבער נאָר אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס האָבען זיי זיך פערוואַנדעלט אין דעם הויפּט שלאַכט־פעלד, כמעט דעם איינציגען אָרט, וואו עס ווערן אויסגעקעמפט די פער־שיידענע ריכטונגען.

דעם פלענום פלעגט מען אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס ברענגען אַ פאַרטיגען רעזולטאַט, דעם אַלכסון פון די אידעען־קרעפטען, וואָס האָבען זיך געשטעלט איינע דער אַנדערער אין וועג. און נאָר שוין גאָר אַן אומרוהיגע קראַפט, אונטער דעם דרוק פון שוין גאָר וויכטיגע טעמים, פלעגט פאַר דעם פלענום געפינען מוטה, ווידער אַרוים צוטיילען זיך פון דעם אַלגעבראַאישען פליוס־מינוס, אין וועלכען זי איז געוועזן בע'חשבונ'ט און דערטרונקען אין די זי־צונגען פון דער קאָמיסיע. אָבער אויך אין דעם פאַל איז איהר גורל

לכתחילה געווען בעשטימט אין זיצונגען, וואָס זענען, ווירעדעראַמאָל, פאָרגעקומען מחוץ פון דעם פלענום: מיר מיינען דאָ די זיצונגען פון די נאַציאָנאַלע סעקציעס.

אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס בעמערקען מיר אַן ערנסטערע שטעלונג צו די אַרבייטען פון די איינצעלנע נאַציאָנאַלע סעקציעס. אַט די זיצונגען אין די סעקציעס מוזען מיר בעטראַכטען פאַר דעם ד ר י ט ע ן נייען איינפיהר אין דער אָרגאַניזאַציע פון דעם קאָנגרעס. די דעלעגאַטען, ווענען די סעקציע פלעגט שיקען אין די קאָמיסיעס, פלעגען קומען צוריק אין דער סעקציע, פלעגען אָבגעבען אַ בעריכט וועגען אַלץ, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען, און פלעגען מאָטיווירען די אָדער יענע שטעלונג, וועלכע די סעקציע דאַרף אָננעהמען בנוגע צו דער אָדער יענער פראַגע, צו דער אָדער יענער רעזאָלוציע. אויף די עפענטליכע זיצונגען פלעגען די חברים קומען שוין מיט אַ פאַרטיגען בעשלוס, צו וועלכער פון די קעמפענדע רעזאָלוציעס צוצושטעהן.

אויף אַזאַ'ן אופן זענען די פלענאַר־זיצונגען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פלאַץ, וואו עס ווערן געמאַכט (און, געוועהנליך, שלעכט אויסגעהערט) די עפענטליכע דערקלערונגען מצד די אָדער יענע פעלקער, אָרגאַניזאַציעס אָדער ריכטונגען, און וואו עס ווערן דורכגעפיהרט די אָפיציעלע אָבשטימונגען.

די „עמאָציאָנעלע פונקציעס" פון דעם קאָנגרעס, דער גאַנצער צאָרן זיינער און זיין גאַנצע האָפענונג, יענע „תפילות און זיסע קלאַנגען", וואָס פאַר אַנדערע ליעגט גראָד אין זיי דער איינציגער אמחן פון די סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען, האָבען זיך שוין אין אַמסטערדאַם אויסגעטיילט אין בעזונדערע פערזאַמלונגען, אַלץ ווידער, מחוץ דעם קאָנגרעס: די פאָלקס־מיטינגען און די באַנקעטען.

אַ חוץ דעם האָבען אין שטוטגאַרט געמאַגט נאָך צוויי צונויפגעפאָהרען, וועמעס דעלעגאַטען עס זענען אין דערזעלביגער צייט געווען דעלעגאַטען צו דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס. דאָס זענען געווען „די צווישען־פאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל" און „די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישע פרויען".

און דערצו, איך נאָך אין ענגער שיכות צו דעם שטוטגאַרטער־

קאנגרעס, האָט שטאַטגעפונען די ערשטע זיצונג פון די פערטרע־טער פון דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־יוגענד.

מען מוז בעקאַנט ווערן מיט די אַלע ליטעראַרישע פערעפענט־ליכונגען, מיט אַלע אַרבייטען פון די קאָמיסיעס און די סעקציעס, מיט אַלע רעדעס אויף די מיטינגען און באַנקעטען, מט די פער־זאַמלונגען פון די פּאַראַלעלע און ספּעציעלע זייטיגע צונויפפאָהרען און זייערע זיצונגען, און ערשט דערנאָך צוגעבען צו זיי די פּלענאַרע זיצונגען פון דעם קאָנגרעס גופא, כדי אַרויסצוטראָגען אַזא אָדער אַן אַנדער ווערדיקט וועגען די וויכטיגקייט און דעם בעדייט פון דעם גאַנצען קאָנגרעס.

ליידער זענען די רעפּאָרטער־פונקציעס און דער סטענאָגראַ־פישער דיענסט פון דער פּאַרטיי־פּרעסע און די פּאַרטיי־סעקרעטאַ־רען נאָך ניט איינגעאָרדנעט, ווי עס דאַרף צו זיין, און אַ סך פון דעם, וואָס קומט פאָר אויף דעם קאָנגרעס גופא אָדער אויף די זי־צונגען, וואָס זענען פערבונדען מיט איהם, געהט לגמרי פערפאַלען פאַר דער געשיכטע.

לאָמיר האָפען, אז מען דאַרף ניט לאַנג וואַרטען אויף דער צייט, ווען דאָס אינטערנאַציאָנאַלע ביוראָ וועט אויף דעם גאַנצען משך פון דעם קאָנגרעס אַרויסגעבען אַן אייגענע צייטונג, וואָס זאָל מיט סטענאָגראַפישער פּינקטליכקייט איבערגעבען דער וועלט אַלע, אפילו די קלענסטע קליינינגקייטען פון יענער באמת גראַנדיעזער וועלט־פּאַסירונג, וועמעס נאָמען עס איז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס.

אַ ריין אינפאָרמאַטיווע בוך, וואָס זאָל צונויפגעשטעלט ווערן אויף דעם סמך פון אַזעלכע פולע בעריכטען וועגען יעדען איינ־צעלנעם צונויפפאָהר, וואָלט ניט נאָר געווען דער בעסטער היסטאָ־רישער מאָמענט, ניט נאָר אַ קוואַל צו שטודירען די געשיכטע פון דעם צווישען־פעלקערליכען סאָציאַליזם, נאָר אויך זיין וואַנגעליום, דאָס בעסטע פּראָפּאַגאַנדאַ־מיטעל פאַר זיינע אידעען.

וואָלטען מיר שוין איצטער געהאַט אַזעלכע ביכער וועגען די סאָציאַליסטישע צונויפפאָהרען, וואָלטען זיי אונז בעוויעזען, אז דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס דאַרף בשום אופן ניט אַראָבפאַלען פאַר זיינע פאָרגענגער ניט לויט די וויכטיגקייט פון די געדאַנקען, וואָס

זענען אויף איהם אַרויסגעזאָגט געוואָרען, ניט לויט דעם ווערטה און דער טיעף פון די ליידענשאַפטען, וואָס האָבען זיך אַרויסגע־ריסען אויף איהם, און אַז אין איינינע פּונקטען, שטעהט ער נאָך געווים העכער פאַר זיי.

איך האָב ניט די פּרעטענזיע צונויפשטעלען אַזאַ בוך וועגען דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס. עס פעהלען דערצו די נויטיגע מאַ־טעריאַלען, וואָס זייער גרעסטער טייל איז אויף אייביג דערטרונקען געוואָרען אין דעם שטראָם פון דער פערגאַנגענהייט, און קיין צייט דערצו איז אויך ניטאָ.

האָבענדיג אין זין אונזערע שפּעציעלע אויפגאַבען, וועל איך אַרויסנעהמען נאָר איין קאַפּיטעל פון אָט דעם בוך, — אמת, דעם, נאָך מיין מיינונג נאָך, אינטערעסאַנטעסטען, וואָס מען קאָן איהם אַ נאָמען געבען: „נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס“. אין דעם ליכט פון אָט דעם קאַפּי־טעל וועל איך בעריהרען אויבען־אויף אויך די אַנדערע מאָמענטען און רעזולטאַטען פון דעם צונויפפאָהר, די וויכטיגערע.

.2

אין פון דעסטוועגען מוזען מיר מיטטיילען דעם לעזער אויך אַ פּאָר עפּיזאָדען פון די, וואָס זענען פאָרגעקומען מחוץ דעם קאָנ־גרעס, כדי ער זאָל בעקומען אַ בעגריף וועגען דער מאַסע פון די אינטערעסאַנטע, וויכטיגע אין טיעפע ענינים, וואָס זענען בעהאַנ־דעלט געוואָרען דרויסען פון זיינע ווענט.

איך וועל אָנהויבען מיט דעם „עמאָציאָנעלען טייל“, מיט יענע „תפילות און זיסע קלאַנגען“, וואָס זייער צוועק איז — אויסצור־דיינינען, אָבצופּרישען די נשמה דורך דעם בעוואוסטזיין פון דער גרויס, וואָס שטעקט אין יענער איינציג הייליגער זאַך, אויף וועל־כער עס אַרבייט איצטער די מענשהייט אין דער געשטאַלט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט.

איך ווייס ניט, צי וועט זיך אין דער גאַנצער געשיכטע פון די פריהערדיגע סאָציאַליסטישע צונויפ־פאָהרען געפינען לאָז זיין איין עפּיזאָד, וואָס זאָל זיך קאָנען פערגלייכען מיט דער רעדע פון

דעם שווייצאַרישען דעלעגאַט ג ר י י ל י ך, אויף דעם פאָלקס־מיטינג, אונטער פרייען הימעל, אויף דעם קאָנשטאַטער פלעין.

דער אַלטער, גראָהער אַרבייטער אויף דעם פעלד פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, אַליין אַרויסגעוואַקסען פון די טיעפע שיכטען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, האָט אין זיין רעדע דערמאָהנט אָן יענער צייט, צוויי און פערציג יאָהר צוריק, ווען ער האָט אין איינעם מיט בעבעל'ן און נאָך איינינע חברים אוועק געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל אין דייטשלאַנד, גראָד דאָ אין שטוטגאַרט, גראָד אין דערזעלבינער „ליעדער־האַללע", וואו עס קומען פאָר די זיצונגען פון דעם קאָנגרעס.

„פון יענער מחנה זענען מיר געבליבען נאָר צוויי: איך און בעבעל. דערפאַר איז די מחנה גופא אויסגעוואַקסען", האָט ער געזאָגט, אַרומנעהמענדיג מיט זיין בליק די הונדערט־טויזענט־קעפּיגע מאַסע. „אין דעם אַרבייטער קלאַס האָבען מיר פערזעעט די זריעה פון דעם גרויסען און הערליכען מענשהייטס־אידעאַל, דעם אידעאַל פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט. אין מיליאָנען הערצער האָט דער אידעאַל טיעפע וואָרצלען געלאָזען און קיין פּאָליציי, קיינע שטראָפען קאָנען זיי ניט אַרויסרייסען (ש ט ו ר ע מ ד י נ ע א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ע ן). „טיעף אין דעם מענשליכען הארצען ליעגט איינגעגראָבען די בענקשאַפט נאָך גליק, די בענקשאַפט נאָך אַ געזעלשאַפט, אין וועלכען עס וועלען ניט זיין קיין קנעכט, עס וועט ניט זיין קיין עקספּלאָאַטאַציע, — נאָך אַ געזעלשאַפט וואָס וועט בעפרייען אַלע אַרבייטליעבענדע מענשען פון די דאגות, ווי אַזוי פאַרטיג צו ווערן מיט די נויטען פון לעבען".

„דיזעלבינע בענקשאַפט ליעגט טיעף בעהאַלטען אפילו ביי יענע, וואָס זענען איצטער נאָך גאָר ניט בעוואוסט דערפון. אפילו צווישען אונזערע געגנער געפינען זיך ניט ווייניג מענשען, וואָס וועלען דערנאָך בעוואוסט ווערן פון זייער בענקשאַפט. און יעמאָלט וועט די געשיכטע מאַכען אַ גרויסען שפּרונג פאָראויס (ש ט ו ר ע מ ד י נ ע א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ע ן). אַט דער ענדציעל פון אונזערע שטרעבונגען מאַכט שטאַרק ווי שטאָהל אונזער קראַפט".

„אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלען דאָס גליק מיט מיינע אויגען צו זעהען דעם מעכטיגען וואוקס פון דעם אַרבייטער־קלאַס אין

די לעצטע פערציג יאָהר. ווי די אידען אונטער משה'ס פיהרערשאַפט, וואָס איז אויך געווען א מורד במלכות, טומלער און סטרייקמאַכער (*שטורעמדיגע פרעהליכקייט*), האָבען געדאַרפט פערציג יאָהר אַרומוואַנדערן אין מדבר, איידער זיי זענען געקומען אין דעם צוגעזאָגטען לאַנד, אַזוי האָט אויך די ארבייטער־בעוועגונג איהר ארץ־כנען און זי וועט איינגעהמען יענע הייליגע לאַנד, אין וועלכען די מענשהייט וועט זיך אויפהויבען און וועט נעהמען אַן אַנטייל אין דער הייליגער קולטורעלער ירושה פון דער גאַנצער מענשהייט" (*שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטען*).

אָט דאָס איז די לעבענס־פילאָסאָפיע פון יענעם זקן, דעם קעמפער, דעם סאָציאַליסט. דורכגעלעבט אין איינעם מיט זיין קלאַס, אין אייביגע צונויפשטויסען מיט דער בורזשואַזיע, די גאַנצע אימה פון דעם עקאָנאָמישען דרוק און דער עקספּלואַטאַציע, אויף זיין איינענער הויט דורכגעשפּיהרט אין דעם טאָג־טעגליכען קאַמף, וועלכע אומגעהויערע קרעפטען מען מוז אָנשטרענגען, וועלכע קרבנות מען מוז ברענגען, כדי אָבצוראַנגלען ביי דער בורזשואַזיע לאָז זיין א ברעקעלע לעבענס־גליק פאַר דעם ארבייטער־קלאַס, שטעהט ער איצטער, א קינד פון פאָלק, ביי דעם ברעג פון זיין קבר און זאָגט אָב אין זיין צוואה צו די חברים דעם גלויבען *אין דעם מענשען*, אָט דעם יסוד פון זיין גלויבען אין דעם סאָציאַליזם; דעם גלויבען אין דעם מענשען, ווי א פּראָדוקט פון אַלע זיינע פיעל־יעהריגע מחשבות וועגען דעם לעבען און פון די איינדרוקען, וואָס דאָס לעבען האָט געמאַכט אויף איהם; דעם גלויבען אין דעם מענשען, ווי דעם לעצטען רעזולטאַט פון זיין גאַנצער רייכער ערפאַהרונג, ווי דעם טריאומפירענדען פינאַל פון א גאַנצען לעבען, געווידמעט דעם קאַמף פאַר דעם גליק פון דעם פאָלק.

עפּעס נביאים'שעס, עפּעס אַלט־יודעאישעס וועהעט דאָ פון זיין פיגור און פון זיינע קורצע רעיד.

אויב ס'איז אמת, וואָס גרייליך האָט דאָ געזאָגט וועגען דער אַלגעמיין־מענשליכער בענקשאַפט נאָך א גערעכטער געזעלשאַפטס־אָרדנונג, איז פון דעסטוועגען ניט שווער צו פערשטעהן, פאַר וואָס די דאָזיגע בענקשאַפט לעבט מעהר אין די הערצער פון דעם פּראָ־

לעטאַריאַט, איידער אין די הערצער פון דער בורזשואַזי. די קלאַסען־לאַגע פון דער אַרבייטערשאַפט שטימט צונויף מיט איהר און מאַכט זי נאָך שטאַרקער. ביי דער בורזשואַזי ווערט אַבער יענע בענקשאַפט אַריבערגעשריען און פערטויבט דורך איהר קלאַסען־לאַגע און איהר קלאַסען־אינטערעס.

אויב אַט די בענקשאַפט ליעגט ערגעץ־וואו „טיעף אריינגעגראָבען" אין די הערצער פון דער בורזשואַזיע איז דאָס סיידען נאָר אין דער פאָרם פון אַ ספּרונזשין, צונויף געדרעהט אין דרייען, צוגויפגעפּרעסט און צונויפגעקוועטשט אין די שרויבען פון איהרע קלאַסען־תאוות. געווים, ווי נאָר די נצחונות פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע וועלען איהר קלאָר מאַכען, ווי וועניג פרוכטבאַר עס קאָן זיין איהר ווידערשטאַנד, וועט די בעפּרייטע ספּרונזשין פון דער אַלגעמיין־מענשליכער בענקשאַפט זיך אויפ'ן שטעל אויסגלייכען און וועט בלי ספק אויפטהאָן איהרם: זי וועט אַוועק נעהמען ביי דער בורזשואַזי דעו אינוועניגסטען בעוואוסטזיין פון איהר גערעכטיגקייט און וועט ניט אויפהערען צו עגבערן איהר אין מוח דעם פאַקט, אַז דער אַלגעמיין־מענשליכער אמת און דער אַלגעמיין־מענשליכער יושר זענען אויף דער זייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט. שוין איצטער רייסט זיך אַט די בענקשאַפט אַרויס ביי אַ סך קינדער פון דער בורזשואַזיע, וואָס פערלאָזען זייער אייגענעם קלאַס און געהען איבער אין דעם סאָציאַליסטישען לאַגער.

אַבער לאָמיר לאָזען די בורזשואַזיע. די געשיכטע וועט שוין שפּעטער בעווייזען, צי איז אַזאַ לעבענס־פילאָסאָפיע ווי די, וואָס בעזעעלט דעם אַלטען ג ר ו י ל י ך, האָט געטראָפען דעם אמת, אָדער זי איז געווען נאָר אַ ראָמאַנטישער נעפּעל.

לאָמיר בעסער פרעגען, וואו האַלט דאָס איצטער מיט יענער בענקשאַפט ביי דעם פּראָלעטאַריאַט גופא, ביי זיינע פיהרער אויף דער אַרענע פון דעם סאָציאַליסטישען קאַמף? ווערט זי ניט פערשטעלט ביי איהם און ביי זיי דורך טויזענט קלייניגקייטען פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען?

ליידער, מוז מען ענטווערן: יע, זי ווערט זעהר אָפט פערשטעלט און פערטונקעלט. דער עיקר, זענען די לעצטע יאָהרען געווען זעהר וועניג גינסטיג פאַר יענער אַלגעמיין־מענשליכער

תשוקה. דעו טיעפער גלויבען אין דעם נאָהענטען פריעדליכען טריאומף פון דעם סאָציאַליזם, — א טריאומף, וואָס איז פערוואָהרענט שוין א דאנק דעם אָנוואקסען פון די פראָלעטארישע ארמעען, — א דאנק דעם „שטים־צעטעל“, — האָט ניט ארויסגערופען קיין נויטה אין וואָסערע איז אנדערע געפיהלען, א חוץ דער ענערגיע אין דעם פאָליטישען קאמף און דעם בעוואוסטזיין, אז דער „נאטירליכער גאנג פון דער ענטוויקלונג“ וועט ממילא אלץ פיהרען צום בעסטען אָט אויף דעם ערגסטען פון אַלע וועגען.

דער פראָלעטאריאט האָט אין דער לעצטער צייט וועניג וואָס נעטראכט סיי וועגען די פראקטישע מיטלען, ווי אזוי שוין צו פערווירקליכען דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל, סיי וועגען די קאמפמעטאָדען, ווי אזוי אוממיטעלבאר אָנצופאלען אויף דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

אויף די אַלע פראגען און פראָבלעמען האָט די הערשענדע וועלט־אנשויאונג געגעבען א „וויסענשאפטליך“ בעגרינדעטען ענטווער: די ענטוויקעלונג פון דעם קאפיטאליזם, די פערשטארקונג פון דעם ארבייטער׳ס פאָזיציעס, דער פאָליטישער און דער עקאָנאָמישער קלאסען־קאמף פון דעם פראָלעטאריאט.

אָבער אָט דער ענטפער האָט אויפגעהערט צו בעפריעדיגען א בעדייטענדען טייל פון דער מאָדערנער ארבייטערשאפט. זי הויבט אָן זיך אוועק צו שטעלען די שאלה: אין וואָס זשע זאָל זיך ארויסדריקען מיין טאָג־טעגליכע ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע ארבייט, א ח ו ץ דעם ריינעם קלאסען־קאמף? און ווי אַן ענטפער אויף דער פראגע ווערט געבוירען ביי איהר די — „בענקשאפט“, די בענקשאפט נאָך א וועלכען עס איז אוממיטעלבארען רעוואָלוציאָנערען אָנפאל אויף דער בורזשואזער געזעלשאפט און נאָך א פראָגראם פון פאָזיטיווע רעפאָרמען, וואָס זאָלען שוין איצטער אלס ארבייטען די געזעלשאפט אין א סאָציאַליסטישען גייסט.

נאָר אומדערווארטעט האָט זיך יענע בענקשאפט נאָך א פאָזיטיווער, ריין סאָציאַליסטישער פאָליטיק פון דעם פראָלעטאריאט ארוים געריסען אויף א זיצונג פון דער אינטער־פארלאמענטארישער קאָמיסיע, צו דעם ענד פון איהרע ארבייטען.

דאָס איז געווען אַ זעהר לעהררייבער עפּיזאָד, און איך וויל איהם ברענגען אין גאַנצען.

טרולסטרא פון האָלאַנד האָט אויפגעהויבען די פראַגע, איז אפשר געקומען די צייט, מען זאָל זיך נעהמען און אויסאַרבייטען אַן אייגענעם סיסטעם פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאָליטיק.

„מיט וואָס מיר בעשעפטיגען זיך אין די פּאַרלאַמענטען", האָט ער געזאָגט, „איז אין תוך אַריין בורזשואַזע פּאָליטיק אָדער, אין בעסטען פאַל, שטאַאַטס סאָציאַליזם. דער גאַנצער סכסוך צווישען דעם רעוויזיאָניזם און דעם ראַדיקאַליזם וואַקסט אַרויס פון יענעם אומשטאַנד, וואָס מיר האָבען ניט קיין סיסטעם פון אייגענע פּאָליטיק, וואָס מיר זענען נאָך געצוואונגען פּאָליטיש צו אַרבייטען מיט די פּאָליטישע מיטלען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. ווען מיר זעהען, אַז אין פראַנקרייך האָט זיך בעוויזען אַ שטאַרקע אַנאַרכיסטישע, לפּחות, אַנטי־מיליטאַריסטישע שטרעמונג וואָס געפינט אַנהענגער אויך אין דייטשלאַנד (די דייטשען לייקענען), ווערט יעמאָלט קלאָר, אַז אויך אָט דאָס פליעסט אַרויס פון דעמזעלבינען מאַנגעל אין אַן אייגענעם פּאָליטיטען סיסטעם ניט פאַר דער ווייטער צוקונפט, נאָר שוין פאַר דעם אונמיטעלבאַרען היינט".

טרולסטרא מאַכט דעריבער דעם פאָרשלאַג, „מען זאָל אויסקלייבען אַ קליינע קאָמיסיע אויסצופאָרשען די פראַגע".

וואַליאַן (פראַנצויזיש): וואָס טרולסטרא האָט אונז דאָ געזאָגט, איז זעהר אינטערעסאַנט. אָבער איך רעכען, ס'איז אוממעגליך שוין איצטער אויסצומאָלען די געשטאַלט פון דעם צוקונפטיגען פיהר. זשאָרעס האָט אַ מאָל צוגעזאָגט געבען אונז עפּעס אַזוינס פון דעם מין (שפּאַס האַפּטע שטימונג). ער האָט אָבער פערגעסען זיין צוזאָג (זשאָרעס רופט זיך אָב: „איך פערגעס קיין מאָל קיין זאַך ניט". שפּאַס האַפּטע שטימונג). אויב אַזוי, איז לאָז ער דאָס מאַכען אויף זיין אייגענעם חשבון און ריסק. די פּאַרטיי קאָן ניט נעהמען אויף זיך אַזאַ אחריות. מיר האָבען אויפמערקזאַם אויסגעהערט טרולסטרא'ס רעדע, אָבער געהן נאָך איהם, קאָנען מיר ניט".

זשאָרעס (פראַנצויזיש): „טרולסטרא'ס פאָרשלאַג געהערט

אייגענטליך ניט צו אונז. אויב שוין זיך בעשעפטיגען מיט דער
פראַגע, דאַרף מען זי איבערגעבען צו די איינצעלנע נאַציעס, זיי
זאָלען זי אפריהער אונטערזוכען, ווייל דאָ האַנדעלט זיך וועגען די
וויכטיגסטע פּראָבלעמען וואָס אינטערעסירען די סאָציאַלע דעמאָ־
קראַטיע. עס האַנדעלט זיך דאָ, מיר דוכט, ניט וועגען אויסאַרבײ־
טען דעם פּראָגראַם און די אַרכיטעקטור פון דער צוקונפטיגער גע־
זעלשאַפט, נאָר וועגען דעם, ווי אזוי צו פערווירקליכען אונזערע
מינימאַלע פאָדערונגען. אין פראַנקרייך זענען מיר אוועק געשטעלט
געוואָרען פאַר דער פראַגע: וואָס הויבען מיר אָן צו טהאָן, ווען
דער בורזשואזער ראַדיקאַליזם, וואָס שטעהט איצטער ביי דעם
רודער, וועט דורכפיהרען זיינע פאָדערונגען, אָדער ער וועט באַנקראָ־
טירען? איןביידע פעלען וועלען אויף אונז אַרויפפאַלען שווערע
אויפגאַבען. קויטסקי בעשעפטיגט זיך אין זיין בוך אויף דעם פאָ־
זיטיווסטען אופן מיט דעם פאַנאַנדעראַרבייטען געזעצגעבערישע
פראַגען פאַר דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט. און עס איז טאַקי אונ־
מעגליך פאַר אונז, מיר זאָלען זיך בעגרעניצען נאָר מיט דער קריי־
טיק פון דעם עקזיסטירענדען, מיר מוזען אויך פאַנאַנדערפּעגען פאָ־
זיטיווע פּערספּעקטיווען. שוין די פאָריגע פּאַרלאַמענטאַרישע קאָנ־
פערענץ האָט מיך געבעטען, איך זאָל פאָרלעגען בפרטיות מיינע
פאָרשלעגען בנוגע אונזער צוקונפט־פּאָליטיק. צום גליק פאַר דער
ענטוויקלונג פון׳ם סאָציאַליזם בין איך יעמאָלט געווען קראַנק
(ש פ אַ ס ה אַ פ ט ע ש ט י מ ו נ ג). אָבער איצטער בין איך
ווידער געזונט (ש פ אַ ס ה אַ פ ט ע ש ט י מ ו נ ג) און מיר
דוכט, אַז די איינצעלנע פּאַרלאַמענטאַרישע גרופּען האָבען זיך גע־
דאַרפט בעשעפטיגען מיט דער פראַגע. (ג ע ד: „ניט די פּאַרלאַמענ־
טאַרישע גרופּען, נאָר די פּאַרטייען אין זייער גאַנצען־"). מסכים
אויך מיט דעם". (צושטימונג).

ו ו י ק ט אָ ר א ד ל ע ר (וויען): „טרולסטרא׳ס פאָרש־
לאָג, דוכט מיר, איז אפשר ניצליך פאַר יעדער בעזונדער פּאַרלאַ־
מענטאַרישער פראַקציע, ס׳איז אָבער אַ שאלה צו ער קאָן זיין
פרוכטבאַר פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלע לעזונג. איך טייל ניט
טרולסטרא׳ס פעסימיזם. מיר דוכט, אז דער פעסימיזם בנוגע פּאַר־
לאַמענטאַרישע טעטיגקייט פאַלט אָן אויף איינעם נאָר דאָרטען, וואו

מען האָט לכתחילה געהאַט פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען וועגן דער מעגליכקייט און דעם בעדייט פון פּאַרלאַמענטאַרישע אַקציאָנען. ווער עס איז פריי געוועזן פון אַזעלכע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג, יענער וועט אויך ניט ענטוישט ווערן פון דעם קליינעם ביסעלע, וואָס די פּראָלעטאַרישע מינדערהייט דערגרייכט אין פּאַרלאַמענט. ער וועט זיך טרייסטען מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז די געזעצגעבערישע טעטיגקייט פון אַלע לענדער ווייזט אַרויס אַ פּראָגרעסיווע טענדענץ, וועט אפילו ניט אומעטום גאָר אָהן שריט צוריק. דאָס האָבען מיר קודם כל צו פערדאַנקען דער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט פון די סאָציאַליסטען, ניט אַזוי דעם, וואָס מיר אַליין טהוען אַמאָל, נאָר דעם, וואָס די אַנדערע זענען, ווילענדיג ניט־ווילענדיג, געצוואונגען צו טהאָן".

„זשאָרעס גלויבט, אַז די דעמאָקראַטיע אין פראַנקרייך האַלט שוין ביי דעם סוף פון איהר וועג. איך בין אין ספק, צו דאָס איז אמת אפילו פאַר פראַנקרייך. על כל פּנים, איז דאָס ניט ריכטיג פאַר די אַנדערע לענדער. אומעטום איז נאָך דאָ אַזאַ מאַסע אַרבייט, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט קאָן קאָם־קאָם פאַרטיג ווערן אַרויסוויקלען פון זיך דאָס, צו וואָס זי איז נאָך פעהיג. און אויב זשאָרעס פרעגט פאַר פראַנקרייך: איז וואָס ווייטער? — ענטפער איך איהם; נעהמט זיך, חבר זשאָרעס, דורכפיהרען אייער אייגענעם פּראָגראַם־מינימום. דאָס וועט אייך געבען אַ היבשע ביסעל טירחא, און, על כל פּנים, וועט דאָס צונעהמען צו פיעל צייט, איהר זאָלט נאָך קאָנען טראַכטען וועגען ווייטערדיגע שריט".

„יעדער האָט זיינע חסרונות. מיין חסרון איז — קורצזיכטיגקייט. אָבער איך וויים, אַז ווייטזיכטיגקייט איז אויך ניט קיין גרויסע מעלה. (ש פּ א ס ה א פּ ט ע ש ט י מ ו נ ג). מיר האָבען אַזוי פיעל דאגות מיט די פּלאָגען פון יעדען טאָג, — און מיין קורצזיכטיגע איבערצייגונג בעשטעהט אין דעם, אַז גראַד די אַרבייט פאַר די קליינינקייטען פון דעם טאָג איז דאָס וויכטיגסטע פאַר דעם איבערגאַנג פון דער געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, — אַז איך האָב קיין מורא ניט, מיין חלאת זאָל אָננעהמען צו געפעהרליכע מאָסען. געוויס, אויב מיר זאָלען בעשטימען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אַריינטראָגען אָרדענונג אין אַלע פּאָרשטע-

לונגען, וואָס עקזיסטירען וועגען דעם ענין, אָדער נאָר צונויפשטי־
מען זיי איינע מיט דער אנדערער, קאָן יענע חלאת ווערן געפֿהר־
ליך, אָבער ניט פֿאר דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, נאָר פֿאַר די
מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע גופא." (ש פּ א ס ה א פּ ט ע
ש ט י מ ו נ ג).

„פֿון דעסטוועגען שטעל איך מיך ניט נעגאַטיוו צו טרולסט־
רא'ס אידעע אין אַלע איהרע פּונקטען. עס וואָלט געווען זעהר גוט
אויסצושטודירען אַלע אָנהויבען פֿון דעם סאָציאַליזם, וואָס זענען
צושפּרייט אומעטום. אָבער יעמאָלט דאַרף מען זיך ניט בעגרעני־
צען נאָר מיט די רעזולטאַטען פֿון דער טעטיגקייט פֿון דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע, ווייל יענע התחלות ענטשטעהען פֿון זיך אַליין אויף
אַלע פֿעלדער, אָהן אונזער אריין מישען זיך. א בוך אָנשרייבען
וועגען דעם, וואָלט געווען אינטערעסאַנט, אָבער ניט אַן אינטער־
פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיע קאָן בעשפּרעכען די אַלע פֿראַ־
גען. א מענש, וואָס נעהמט אנטייל אין א גרויסער שלאכט, קאָן
זיין, ער זאָל די שלאכט אַליין גאָר ניט זעהן. אַזוי איז דאָס, ווי
איך רעכען, אויך מיט אונז: מיר אַלע נעהמען אַנטייל אין דער
גרויסער שלאַכט, אָבער מיר זעהען ניט איהר גאַנצען צוזאַמענהאַנג.
און אויך א קאָמיסיע וועט דאָס ניט קאָנען דערזעהן."

מען וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַנדערע עפּיזאָדען און איינ־
דרוקען פֿון יענע ארבייטען, וואָס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט מחוץ
פֿון דעם קאָנגרעס. מען וואָלט בעדאַרפֿט צוציעהען די אויפמערק־
זאַמקייט פֿון דעם לעזער אויף דער ערשטער סאָציאַליסטישער פֿרוי־
ען-קאָנפֿערענץ, אויף דער ערשטער מושטירונג פֿון א נייער וואַק־
סענדער אַרמעי, וואָס זוכט איהרע ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע
הענגען, וואָס וויל בעשטימען איהר א י י ג ע נ ע און בעזונדע־
ראַליע אין דעם בעפֿרייאונגס-קאַמף פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט
און וואָס איז בעזעלט מיט דעם טיעפֿען גלויבען אין דער וויכטיג־
קייט און נויטיגקייט פֿון איהר ארבייט.

„ווער עס האָט צוגעצויגען צו זיין ארבייט נאָר דעם מאַן", —
האָט געזאָגט די עסטאָנערין ב ע ר ג ל י י ן, — „דער האָט נאָר
א האַלבען מענשען; ווער עס האָט צוגעצויגען אויך די פֿרוי, יע־
נער האָט צוויי מענשען, און ווער עס האָט געוואונען אויך די קינ־

דער, יענעם געהעריט די צוקונפט. אָט די צוקונפט וועט די פּרוּיענ־בעווענונג געבען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".

מען וואָלט אויך געקאָנט בעקאַנט מאַכען דעם לעזער מיט די שטרעבונגען פון דער „יונגער גוואַרדיע", דער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־יוגענד, וואָס האָט אויך געהאַט איהרע אייגענע זיצונגען און האָט אָבגעדרוקט איהר בעריכט אין די אויבען דערמאָנטע פּובליקאַציעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלען ביוראָ. איהר ציעל איז בעשיינפּערליך צו פּערווירקליכען יענע ווערטער קויטסקי'ס, מיט וועלכע ער האָט זיך נאָך אין דעם יאָהר 1903 געווענדט צו דער עסטרייכער אַרבייטער־יוגענד:

„די בורזשואַזי האָט שוין איצטער ניט מעהר קיין שום אידעאַלען און די בורזשואַזע יוגענד שטייגט זי נאָך אַריבער אין ענטוויכלונג, מיעדקייט, האָפנונגס־לאָזיגקייט און מענשען־פּעראַכטונג אָדער גאָר אין אכזריות און צולאָזענקייט. דער פּראָלעטאַריאַט צוריק איז אין דער איצטיגער צייט ד ע ר ק ל אַ ס פ ו ן ד ע ם ר ע ו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ן א י ד ע אַ ל י ז ם, און יענע פּאָליטישע ראָליע, וואָס איז מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט צוריק אויסגעפאַלען אויף דעם גורל פון דעם שטודענטענטום, פאַלט איצטער אוים אויף דעם גורל פון דער אַרבייטער־יוגענד. זי איז דער קוואַל, וואו עס ווערט שטענדיג בעגייסט דער ענטהוזיאַזם פאַר אונזער גרויסער זאַך; מיט איהר קאָן מען אויך אויף דעם קלאָרסטען אופן אָבמעסטען דעם אינטעלעקטועלען און מאָראַלישען פּראָגרעס פון דער פּראָלעטאַריאַט".

נאָך אַמאָל: דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס שטעהט אין קיין פאַל ניט אָב פון זיינע פאָרגענגער ניט אין אינטערעס, ניט אין בעדייט. אמת, זיינע רעזאָלוציעס זענען, אין אַ סך פּרטים געוועזען ניט גאָר צופריעדענשטעלענד, אָבער מען דאַרף אויך ניט פערגעסען, אַז די רעזאָלוציעס פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל זענען מ אָ ט י וו י ר ט ע ד י ר ע ק ט י וו ע ן, וועלכע די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיעס פון דער גאַנצער וועלט אַרבייטען אוים פאַר די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיעס פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז אמת, זיי זענען יורידיש ניט בינדענד, זיי האָבען נאָר אַ ריין מ אָ ר אַ ל י ש ע בעדייטונג פאַר די פּאַרטיעס, וואָס

שטעהען צו צו דעם אינטערנאציאָנאל. אָבער ניט קוקענדיג דער־ריוף, לענען זיי ארויף זייער שטעמפעל אויף די טעטיגקייט און דעם טעגליכען קאמף פון דעם פּראָלעטאריאט אין די פערשיידענע לענדער ביי די פערשיידענע פעלקער. זיי שרייבען פאָר, וועלכע אוממיטעלבארע אויפגאבען מען דארף זיך שטעלען, וועלכע קאמף־מעטאָדען אַנווענדען, פון וועלכע אויפגאבען און קאמף־מעטאָדען זיך אָבזאָגען.

עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, ווען אַ וועלכע עס איז פּארטיי וויל בשום אופן ניט אָננעהמען יענע אויפגאבען און מע־טאָדען, וואָס שטייגען אריבער איהרע כוחות, אָדער וואָס גע־העז להיפך צו איהר יאָהרענלאנג אויסגעפּרואווטער טאקטיק. עס איז קיין וואונדער ניט, ווען זי וויל זיך ניט אָבזאָגען פון אויפ־גאבען און מעטאָדען, וועלכע האָבען איהר ניט איינמאָל ארויס־געהאָלפען אין קאמף און שטימען איין, לויט איהר טיעפסטער איבערצייגונג, מיט די גרונד־פּרינציפּען פון'ם סאָציאַליזם.

אָט פאָר וואָס עס איז אזוי שווער אויסצואַרבייטען אזא רעזאָלוציע, וואָס זאָל קאָנען בעפריעדיגען אַלע פּארטייען, אָדער לפחות דעם גרעסטען רוב פון זיי.

דעם אינטערנאציאָנאל הויבט אָן קלאָר ווערען זיין אייגענע קראַפט און דער היסטאָרישער בעדייט פון זיינע רעזאָלוציעס. מיט שטאָלץ קאָן ער קאָנסטאטירען, צ. ב., דעם פאקט, אז אויף דער אינוועניגסטער פּאָליטיק פון פראנקרייך, אין וועלכער די סאָציאַ־ליסטישע פּארטיי שפּיעלט אַ געהויבענע ראָליע, גאָר ניט לפי ערך צו איהר סכום מיטגליעדער, האָט געוויס געווירקט די בעקאנטע רעזאָלוציע פון דעם אמסטערדאמער קאָנגרעס, וואָס האָט גע־פיהרט צו דער פעראייניגונג פון די צוויי קעמפענדע ריכטונגען.

און ניט נאָר אויף דעם אינוועניגסטען לעבען פון פראנקרייך האָט זיך אָבגערופען די ווירקונג פון'ם אינטערנאציאָנאל, נאָר אויך אויף דעם גאנצען גאנג פון דער יעצטיגער וועלט־פּאָליטיק. זעהר ריכטיג האָט ו ו א ל י א ן בעמערקט אין איינער פון זיינע רעדען אויף דעם קאָנגרעס, אז, אין דער צייט פון דעם רוסיש־יאפּאנישען קריעג, איז די בורזשואזיע אין פראנקרייך שוין גע־ווען אָנגעגרייט, אַ ווארף צו טהאָן זיך העלפען רוסלאנד. און זי־

וואָלט זיך געוויס אריינגעפּלאָנטערט אין דעם געשלעג, אויב דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט ניט ארוים מיט זיין העפטיגען פּראָטעסט אונטער דער פיהרונג פון דער פעראייניגטער פּאַרטיי.*)

ביי אזא היסטאָרישער בעדייטונג, וואָס די מ אָ ר א ל י ש ע רעזאָלוציעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל האָבען, איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער קאָנגרעס בענעהט זיך זעהר פאָרזיכטיג מיט זיי און אָפטמאָל מוזען זיי אונפערמיידליך ארויסקומען בלאָסליך און אפילו אָפּאָרטוניסטיש.

3.

לאָמיר אָבער איבערגעהן צו אונזער „קאַפּיטעל.“

די נאַציאָנאַלע פראַגע איז ניט געשטאַנען אויף דעם סדר היום פון דעם קאָנגרעס. אָבער איהר גייסט האָט געשוועבט איבער אַלע זיינע ארבייטען. אין תוך גענומען, איז נאָך ניט געוועזען קיין איינציגער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, וואָס זאָל האָבען זיך אַזוי פיעל פערנומען מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע און וואָס זאָל האָבען זיך ארויסגעזאָגט וועגען איהר אַזוי קלאָר און שאַרף, ווי דאָס האָט געטהאָן דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס.

און קיין חדוש ניט. פון די פינף פראַגען, מיט וועלכע דער קאָנגרעס האָט זיך בעדאַרפט בעשעפטיגען, זענען דריי אוממיטעלבאַר צונויפגעבונדען מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע און קאָנען פערענטפערט ווערען נאָר יעמאָלט, ווען מען האָט לכתחילה א בע־

*) די מיינונג, וואָס ווערט דאָ ארויסגעזאָגט וועגען דער ראָליע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין דער וועלט־פּאָליטיק, דאַרף איצטער, אין דער צייט פון דעם גרויסען וועלט־קריעג, געוויס איבערגעקוקט ווערען. אָבער אַז די הערשענדע מעכטען האָבען געהאַט אין זינען דעם אינטערנאַציאָנאַל, איידער זיי האָבען זיך גענומען פאַר'ן קריעג, קאָן קלאָר ווערען פון צוויי פאַקטען: וואָס גראָד ערב קריעג האָט מען אָבגעראַמט פון וועג ז ש אָ ר ע ס'ן און וואָס דער קריעג איז דערקלעהרט געוואָרען אין דער גרעסטער אייל, נאָך איידער דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט צייט צונויפצורופען אַן אויסעראָרדענטליכען צונויפפאָהר. די קומענדיגע געשיכטע וועט געוויס ברענגען אויפקלעהרענדע דאָקומענטען וועגען אָט די צוויי פאַקטען. (1917).

שטימטע פּרינציפּיעלע שטעלונג צו דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. דאָס זענען: „דער מיליטאַריזם און די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־פליקטען", „די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק" און די פראַגע וועגען „עמי־גראַציע און אימיגראַציע". נאָר די פראַגען „וועגען פּרויזען־וואַהל־רעכט" און „וועגען דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די פּראָפּע־סיאָנעלע פעראַיינען" האָבען געקאָנט בעהאַנדעלט ווערען אָהן אַ ווע־לכע עס איז שייכות צו אונזער ענין.

עס איז דעריבער געווען ניט קיין צופאַל, וואָס ב ע ב ע ל האָט פאַר דער יום־טוב־נומער פון דער „שוואַבישער טאַגוואַכט", וואָס איז אַרויס לכבוד דעם קאָנגרעס, געשריבען זיין אַרטיקעל אויף דער טהעמע: „זענען נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל היפכים?" („זינד נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל געגענזעצע?")

בעבעל רעזומירט אין די פאָלגענדע ווערטער יענע רעזולטאַטען, צו וועלכע ער איז געקומען בנוגע צו דער שאלה פון נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם.

„די אויפגאַבע פון דעם אַרבייטער־קלאַס אין אַלע לענדער איז אין דערזעלביגער צייט אַ נאַציאָנאַלע און אַן אינטערנאַציאָ־נאַלע. ווען די אַרבייטער־קלאַסען קעמפען אין דעם גבול פון דער איי־גענער נאַציע, פון דעם ענגערען אייגענעם לאַנד פאַר דורכפיה־רען אין לעבען מאַסרעגעלן און אינסטיטוציעס, וואָס גיעבען דעם אַרבייטער די מעגליכקייט פאַרבעסערען זיין לעבענס־לאַגע, בע־פריעדיגען זיינע העכערע קולטורעלע בעדערפעניסען און, לסוף, אויסקעמפען רעכטליכע און סאָציאַלע גלייכהייט פאַר אַלעמען, דאַרפען זיי זעהען, אויך אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען פעלד דורכצופיהרען דיזעלביגע שטרעבונגען, ווייל נאָר אויף אַזאַ'ן אופן קאָן מען גאַראַנטירען די זיכערקייט פון יענע פערבעסערונגען, וואָס מען דערגרייכט אין דער אייגענער היים".

„נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל זענען אויף אַזאַ'ן אופן דורכאויס קיין בעגריפען און שטרעבונגען, וואָס שליעסען איינע די אַנדערע אויס; אדרבה, זיי ד ע ר ג א נ צ ע ן איינע די אַנ־דערע. אַקוראַט אַזוי, ווי אין דעם גבול פון דעם אייגענעם פאָלק איז דער אמת'ער וואויל־לעבען פון זיינע קינדער אַבהענגיג פון דעם, צי עס לעבט זיך וואויל יעדען איינצעלנעם יחיד, אַזוי איז

אויך אין די גרעניצען פון דער גרויסער פעלקער־משפחה דער וואויל־שטאנד פון פאלק אבהענגיג פון דעם וואוילשטאנד פון אלע אנ־דערע."*)

די געדאנקען אין בעבעל'ס ארטיקעל זענען געווען ווי דער קאמערטאן, וואס האט אנגעשטימט דעם גאנצען קאנגרעס אויף א בעשטימטען טאן. מיט דעם גייסט פון דיזעלביגע געדאנקען איז געווען דורכגעדרונגען דאס רוב פון אלע וויכטיגסטע דערקלעהרונ־גען אויף דעם קאנגרעס, וואס זענען געמאכט געווארען וועגען דער נאציאנאלער פראגע. און דער ווערטה פון די אלע דערקלעהרונ־גען שטייגט אויף אזוי פיעל מעהר, ווען מען דערמאהנט זיך, אז זיי זענען ארויסגעזאגט געווארען לגמרי אונאבהענגיג פון בע־בעל'ס מיינונגען.

די פראגע וועגען נאציאנאליזם און אינטערנאציאנאליזם האט געמוזט שפיעלען א בעדייטענדע ראליע אין דער דיסקוסיע וועגען „מיליטאריזם און אינטערנאציאנאלע קאנפליקטען."

דער הויפט־פונקט, ארום וועלכען עס האבען זיך געדרעהט די ויכוחים, איז אין קורצען געווען אזא:

דער קאנגרעס האט זיך בשום אופן ניט גענויטיגט אין נאך אמאל איבערקוקען די שטעלונג פון דעם אינטערנאציאנאלען סא־ציאליזם בנוגע צו דעם מיליטאריזם, וואס פאלט מיט אזא שווערער לאסט אויף די אקסלען פון די ארבייטארישע קלאסען, און ניט צו־ליעב דעם ציעל איז דער פונקט אוועק געשטעלט געווארען אויפ'ן סדר היום.

פאר דעם קאנגרעס איז געשטאנען א ספעציעלע אויפגאבע — בעשטימען זיין שטעלונג צו יענער אנטי־מיליטאריסטישער און אנטי־פאטריאטישער אגיטאציע, וועלכע ע ר ו ו ע האט אויפ־געהויבען אין פראנקרייך, און ניט נאר ארויסזאגען זיך, צי ער איז מסכים מיט איהר אדער ער לייקענט זי אב, נאר אויך ארויסטראגען און אפענעם און קלארען בעשלוס, צי ער פערלאנגט, אז אזא אגיטא־ציע זאל אויפגעהויבען ווערען אין אלע אנדערע לענדער.

---

*) „שוועבישע טאגוואכט" פון דעם 17־טען אויגוסט, 1907.

ערווע׳ס אַגיטאַציע האָט זיך אָנגעהויבען אין אַן ענגען צוזאַ־מענהאַנג מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען אין רוסלאַנד. אין אַ געוויסער צייט האָבען געגומען צירקולירען קלאַנגען, אַז דייטש־לאַנד איז בדעה אַריבער צו טרעטען דעם רוסישען גרעניץ, כדי מיט בעוואָפענטער מאַכט צו פערטיידיגען דעם אָבגעלעבטען רעזשים.

דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט האָט געמוזט פון אַזעלכע קלאַנגען אויפגערודערט ווערן און זיך אַליין פרעגען: און וואָס איז מכח דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? נישיים וועלען די מיליאָנען סאָציאַליסטען דאָס דערלאָזען? וואָס רעכענען זיי צו טהאָן, כדי צו צושטערען זייער קיסר׳ס פּלאַן?

אויף אַלע אָט די פראַגען האָט דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַ־ריאַט ניט געפונען קיין ענטפער. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע האָט מיט קיין זאַך ניט געדראָהט אויף דעם פאַל, ווען די קלאַנ־גען זאָלען זיך אַרויסווייזען פאַר ריכטיג. מען האָט געמוזט אַליין פערטראַכטען זיך וועגען דעם גרויסען פּראָבלעם, ווי אַזוי אָנצו־הייבען אַ דירעקטען קאַמף אַנטגעגען דעם מיליטאַריזם.

און דאָ האָט זיך ערווע׳ן אויסגעדוכט, אַז ער האָט געפונען דעם גליקליכען ענטפער אויף דער פיין־פולער שאלה. מען דאַרף זיך אָבזאָגען פון מיליטער־דיענסט, מען מוז אין דער אַרמעע פּראָפּאַ־גאַנדירען דעזערטירענטום און אינסובאָרדינאַציע און אויב דער קריעג וועט דערקלערט ווערן, ענטפּערען אויף איהם מיט אַן אַלגע־מיינעם סטרייק.

היות אָבער, ווי אויף דעם גרונט פון יעדער בעוואָפענטער מאַכט ליעגט די אידעאָלאָגיע פון דעם „פּאַטריאָטיזם“, די נויטווענדיגקייט צו בעשיצען „דאָס פּאַטערלאַנד“ פון דעם „שונא׳ס“ אָנפאַל, איז דער איינזייטיגער שכל ערווע׳ס לאָגיש דערגאַנגען ביז צום סוף. ער האָט גענומען אַבסאָלוט אָבלייקענען יעדען פּאַטריאָטיזם און יעדען נאַציאָנאַליזם.

מען דאַרף, — האָט ער געפאָדערט, — מאַכען אַ סוף צו די פּאַטערלענדער מיט די נאַציעס; מען מוז, צום ווענינגסטען, אַרויס־שלאָגען די דאָזיגע נאַרישקייטען פון דעם פּראָלעטאַריאַט׳ס קעפּ, און יעמאָלט ערשט וועט מען קאָנען אָנהויבען אַן אַלוועלטליכע אַגיטאַציע ניט נאָר צוליעב פאָלקס־בעוואָפענונג אַנשטאָט שטענדיגע

שטעהענדע ארמעע, נאר אויך גאנץ ווייטער און פאדערען די אב־שאפונג פון א וועלכער עס איז בעוואפענטער מאכט.

את אזעלכע ראדיקאלע פאסטולאטען האט ערווע ארויס־געשטעלט.

די פראנצויזישע דעלעגאציע האט אריינגעטראגען אין דער קאמיסיע א רעזאלוציע אנטגעגען דעם מיליטאריזם, אבער אהן ערווע'ס קאסמאפאליטישע „אני־מאמין'ס. זי האט זיך בענוגענט מיט רײן אנטי־מיליטאריסטישע טעזען, — און אויך דאס, אין זעהר אן אבגעשוואכטער פארם, — און וועגען את די טעזען האט זיך דער קאנגרעס גענדארפט ארויסזאגען.

מען האט בעדארפט בעשטימען, צי קאנען די איינצעלנע נא־ציאנאלע פארטייען אויפהויבען אין זייערע לענדער צווישען זייערע פעלקער א דירעקטען קאמף אנטגעגען דעם מיליטאריזם. דאס הייסט, ניט נאר א קאמף מיט די מיטלען פון אגיטאציע און פרא־פאגאנדע צווישען דער גאנצער בעפעלקערונג אנטגעגען די מיליטא־ריסטישע אידעען, — דאס געהט שוין אויך אזוי אריין אין דעם טעטיגקייטס־פראגראם פון יעדער סאציאליסטישער פארטיי; ניט נאר א קאמף דורך אבווארפען די מיליטאריסטישע ביודזשעטען, — דאס איז שוין געווארען די אלגעמיין־פערבינדענדע טאקטיק פון אלע סאציאליסטישע פראקציעס אין די פארלאמענטען: עס ווערט גע־רעדט וועגען פ ר א ק ט י ש ע ר קאמף־טעטיגקייט מחוץ לפאר־לאמענט, וועגען דער פראפאגאנדע און דער אגיטאציע אין דער ארמעע, וועגען אויפרופען צו די סאלדאטען, זיי זאלען זיך אבזא־גען פון דער מיליטערישער דיסציפלין, וועגען דערקלערען אן אלגע־מיינעם סטרייק אין דעם פאל פון א קריעג.

דער קאנגרעס האט גענדארפט בעטראכטען און בעשליסען, אויף וויפיעל צוועקמעסיג עס זענען די מיטלען, וואס די פראנצויזישע דעלעגאציע שלאגט פאר, און וועלכע אנדערע מיטלען קאן מען פאר־שלאגען יענע פארטייען, וואס קאנען עפעס אויפטהאן.

את פאר וואס אין דער רעזאלוציע גופא איז מיט קיין ווארט ניט דערמאהנט געווארען די נאציאנאלע פראגע. דערפאר אבער האבען די דיסקוסיעס זיך ניט געקאנט בענוגענען מיט דער רײן פראקטישער זייט פון דער זאך. מען איז געצוואונגען געווען אריין

קוקען טיעפער אין יענעם אידעאָלאָגישען באזיס, אויף וועלכען ערווע האָט אויפגעבויט זיין אנטי־מיליטאריזם. מען האָט זיך געמוזט ארויסזאָגען וועגען דעם תוך פון נאציאָנאליזם.

און די קאָמפּעטענטע פיהרער פון דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליזם האָבען זיך ארויסגעזאָגט.

שוין אין זיין ערשטער רעדע אנטגעגען ערווע האָט בעבעל געדרעבענט פאר נויטיג אויפצוהויבען א פּאָלעמיק אנטגעגען יענעם'ס „אנטי־פּאטריאָטיזם".

„ערווע", — זאָגט ער, — „מיינט, אז א פּאטערלאנד איז נאָר א פּאטערלאנד פאר די הערשענדע קלאסען און ממילא איז דאָס א גלייכגילטיגע זאך פאר'ן פּראָלעטאריאט... עס איז אָבער נאָך א גרויסע שאלה, וועמען עס געהערט דאָס פּאטערלאנד. ענטוויקעלט זיך דאָך דאָס גאנצע קולטורעלע לעבען נאָר אויף דעם באָדען פון דער נאציע. טהוט א קוק אויף עסטרייך, אויף דעם קאמף פון די פּוילען פאר זייער נאציאָנאלער ווידערערלעבונג. אויך אין רוס־לאנד וועט זיך בלי ספק אויפהויבען די נאציאָנאלע פראגע" (ראָזע ליוקסעמבורג איז ניט מסכים). „יעדעס פאלק, וואָס ליידט אונטער א פרעמדער הערשאפט, אפילו ווען זי ברענגט איהם גוטס, הויבט זיך אויף אין זיין גאנצער מאסע צו קעמפען פאר פרייהייט און רוקט אָב אלע אנדערע ציעלען אויפ'ן הינטערשטען פּלאן".

ערווע ענטפערט בעבעל'ן און בעגרינדעט זיינע קאָסמאָפּאָלי־טישע טעזען. ער חזר'ט איבער נאָך א מאָל זיין ליעבלינגס־געדאנק, אז עס זענען ניטאָ קיין פעלקער און קיין פּאטערלענדער, נאָר עס איז דאָ א בורזשואזיע און א פּראָלעטאריאט, די וועלף און די שעפּסען.

„יעדעס פּאטערלאנד", — זאָגט ערווע, — „איז נאָר א מעל־קיגע בהמה פאר די קאפּיטאליסטען; דאָס איז א שטיף־מוטער פאר אלע פּראָלעטאריער, און צוליעב אזא זאך לוינט זיך, כלעבען, ניט, זיי זאָלען איינער דעם אנדערן צוברעכען די קעפּ. די וועלף הינטער די פערשיידענע צאמען האָבען זיך פעראייניגט; אונזער אויפגאבע איז איצטער — צונויפצופיהרען אין איינעם אלע שעפּסען, און ניט קוקען אויף די פערשיידען אָבגעפּארבטע גרעניץ־קלעצער".

דער קאָנסעקווענטער קאָסמאָפּאָליט ערווע איז אָבער אין דעם

משך פון זיינע רעיד אַ פּאָר מאָל גאָר מיאוס אַרויסגעפאַלען פון זיין ראָלע. װעגן בעלגיען האָט ער גערעדט פון אויבען אַראָב און האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אַז זי מעג זיך ניט רוקען אין פראַגען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטען. מיט גרויס בטול האָט ער גערעדט וועגן דעם פאָלק־כאַראַקטער פון די דייטשען, — אין וועמעס אָדערן „עס פליעסט ניט קיין בלוט, נאָר ביער“, — און זעהר האָפּערדיג האָט ער זיך געבריהמט מיט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון דעם פראַנצויזישען פאָלק.

דאָס האָט געגעבען די מעגליכקייט דעם בעלגיער ט ר אָ ק ל ע אַריינצושיעסען אַ פייל אין דעם אַכילעס־פּונקט, וואָס ערווע האָט אַזוי אונפאָרזיכטיג אָבגעדעקט. „ביי דעם אולטראַ־אינטערנאַציאָנאַליסט ערווע האָט זיך שוין גאָר אומדערוואַרטעט אַרויסגעריסען דער שטאָלץ מיט זיין פראַנקרייך׳ס באַרריקאַדען און רעוואָלוציעס!“ דער טעות, וואָס ערווע מאַכט, בעשטעהט, לויט טראָקלע, אין דעם, וואָס ער זעהט ניט איין, אַז עס זענען דאַ צוויי אַרטען פון פּאַטריאָטיזם: איינער אַ בורזשואַזער, דער אַנדערער אַ פּראָלעטאַרישער. דעם פּראָלעטאַרישען פּאַטריאָטיזם האָט ערווע אין גאַנצען אַרויסגעלאָזען פון אויג. (אגב אורחא וועל איך בעמערקען, אַז דער געדאַנק וועגען די צוויי אַרטען פּאַטריאָטיזם ווערט ענטוויקעלט אויך אין ק. קויטסקי׳ס בראָשורע: „דער פּאַטריאָטיזם און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע“. די בראָשורע האָט יעדער דעלעגאַט צום קאָנגרעס בעקומען במתנה).

די איבעריגע רעדנער אין דער דיסקוסיע האָבען ניט דורכגעלאָזען די געלעגענהייט, אָבצוגרעניצען זיך אויפ׳ן שאַרפסטען אופן פון ערווע׳ס קאָסמאָפּאָליטיזם. ליידער האָבען מיר ניט קיין פולע סטענאָגראַפישע בעריכטען וועגען אַט די העכסט בעלעהרענדע ויכוחים. אָבער אויך דאָס וואָס איז אויפגענומען פון די בעריכטען, כאַראַקטעריזירט גענוג די אנשויאונגען, וואָס הערשען ביי די איצטיגע פיהרער פון דעם צווישען־פעלקערליכען סאָציאַליזם.

ו ו אַ ל י אַ ן, וואָס האָט גענומען דאָס וואָרט נאָך טראָקלע, האָט אויפגעוויזען אויף דעם אומשטאַנד, אַז די נאַציעס זענען ניט נאָר ניצליכע, נאָר אויך נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע עלעמענטען פון דער מענשליכער ענטוויקעלונג. און ער איז ניט געבליבען ביי דעם

פשוט׳ען אַרויסזאָגען דעם געדאַנק: ער האָט איהם אין אַ לענגע־רער רעדע ענטוויקעלט און בעגרינדעט. נאָך אַמאָל: אַ שאָד, וואָס פונקט וועגען דער נאַציאָנאַליטעטען פראַגע זענען די קאָנגרעס־בע־ריכטען אַזוי קאַרג.

זשאָרעס שטימט איין מיט ערווע׳ס אַנטי־מיליטאַריזם, אָבער איז בשום אופן נישט מסכים מיט זיין אַנטי־פאַטריאָטיזם.

„ערווע“, — זאָגט ער, — „וויל פערניכטען די פאָטערלענדער, ווי דער נאַר וואָס אויפגעוואַכטער פראָלעטאַריאַט האָט אַמאָל גע־וואָלט פערניכטען די מאַשינען. מיר ווילען סאָציאַליזירען פאַר דעם פראָלעטאַריאַט סיי די פראָדוקציאָנס־מיטלען, סיי דאָס פאָטערלאַנד. ווייל אַ נאַציע, — דאָס איז אַן אוצר פון מענשליכען זשעני און פראָגרעס, און עס וואָלט גאָר נישט געפאַסט פאַר׳ן פראָלעטאַריאַט, ער זאָל צושלאָגען אויף פיצלעך אָט די טייערע געפעס פון דער מענשליכער קולטור“.

פאָלמאַר זאָגט: „ס׳איז נישט אמת, אַז מיר האָבען נישט קיין פאָטערלאַנד. מיר האָבען אַ פאָטערלאַנד. איך זאָג דאָס און וויל זיך נישט אַריינלאָזען אין דעם שאַרפען אַנאַליז, וואָס מען זאָל פערשטעהן אונטער דעם וואָרט. די גאַנצע ליעבע צו דער מענש־הייט קאָן אונז נישט שטערען צו זיין גוטע דייטשען. ווי ווייט מיר זאָלען נישט געהן אין דעם הסכם, אַז עס זענען דאָ אַלגעמיינע קול־טורעלע אינטערעסען פאַר אַלע פעלקער, אַקוראַט אַזוי ווייט מוזען מיר זיך אָבזאָגען צוצושטעהן צו יענעם אוטאָפּיסטישען בליק, וואָס מיינט, אַז עס וואָלט כלומר׳שט געוועזן ווינשענסווערט, אַלע נאַציעס זאָלען פערשווינדען און אויף זייער אָרט זאָל אַריין טרעטען אין לעבען אַ גלייכאַרטיגער אַלפעלקערליכער צימעס“.

קאָסטאַ: „אויב מיר זענען נישט קיין פאַטריאָטען אין דעם בורזשואַזען זין פון דעם וואָרט, זענען מיר פאָרט פאַטריאָטען אין דעם בעסערען, סאָציאַליסטישען זין פון דעם וואָרט: מיר קאָנען נישט און ווילען זיך נישט אָבזאָגען פון די פרעכטיגע און ערהאַבענע ווערטהען פון אונזער אייגענער היים“.

בראַנטינג מיינט, מען דאַרף דאַנקען ערווע „פאַר דער

געלעגענהייט, וואָס ער האָט אונז געגעבן אַרויסצואווייזן אונזער גאַנצע איינִיגקייט בנוגע דעם געדאַנק, אַז נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם זענען נִיט קיין היפּכים, נאָר אדרבה! זיי דערגאַנצען איינער דעם אַנדערן".

ו. ו אַ נ ד ע ר ו ו ע ל ד ע איז דעריבער געווען פֿאָלקאָם גערעכט, ווען ער האָט דערנאָך פֿאַר'ן פּלענאַר פֿונ'ם קאָנגרעס אַזוי געשילדערט דעם רעזולטאַט פֿון די דעבאַטען מכח נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם.

„מיר זענען אַלע געווען איין האַרץ און איין נשמה בנוגע צו דעם פּונקט, וואָס איז אַזוי גלענצענד בעלויכטען געוואָרען אין די רעדעס פֿון בעבעל און וואַליאַן און וואָס זאָגט, אַז דער ערשטער פֿאָרבעדינג פֿאַר אונזער אינטערנאַציאָנאַל איז די עקזיסטענץ פֿון פֿרייע און אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס. דער אַרבייטער־אינטערנאַציאָנאַל איז נִיט קיין מאַסע אָהן אַ שום פֿאָרם, גרופּירונג און פֿאַנאַנדערגלידערונג. ער איז אַ פֿרייע פֿעראייניגונג פֿון לעבעדיגע אָרגאַניזאַציעס, אַ בונד נִיט נאָר פֿון זעלבסטשטענדיגע מדינות, נאָר אויך פֿון נאַציעס, ווענען דער אינטערנאַציאָנאַל האָט צוריקגעגעבען זייער זעלבסטשטענדיגקייט, ווי צ. ב. פּוילען (שטורעמדיגע צושטימונג.)"

„מיר האָבען אָנגענומען דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלע פֿאַנאַנדערגלידערונג עהרליכער און קאָנסעקוועַנטער, איידער דאָס האָט געקאָנט טהאָן אַ וואָסער־עס־איז בורזשואַזע פּאַרטיי. אונזער רעזאָליוציע בעפֿעסטיגט נאָך אַ מאָל דעם פֿאַקט, אַז מען קאָן האַלטען פֿאַר נויטיג די עקזיסטענץ פֿון נאַציעס און אין דערזעלביגער צייט נִיט אָבשוואַכען די צווישען־פֿעלקערליכע פֿערבינדונג פֿון די אַרבייטער".

„דער פּועל־יוצא פֿון דער איבערצייגונג אונזערער האָט געמוזט זיין דער הסכם, אַז יעדע נאַציע האָט אַ רעכט, וואָס קיינער קאָן ביי איהר נִיט אָבנעהמען, צו פֿערטיידיגען איהר אומאָבהענגיגקייט אַנטקעגען אַ וואָס פֿאַר אַן איבערפֿאַל נִיט איז פֿון דרויסען".

ווי ווייט איז איצטער דער סאָציאַליזם פֿון יענער צייט, ווען אויף שריט און טריט פּלעגט מען הערען די ווערטער פֿונ'ם „קאָ־

מוניסטישען מאַניפעסט", אַז „דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין פאַטערלאַנד", און ווען אין די ווערטער פלעגט מען אַריינלעגען דעם זין, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך לגמרי ניט קימערן וועגען די אינטערעסען פון דער נאַציאָנאַלער אומאָבהענגיגקייט, אָדער אַז ער דאַרף גאָר זיין פיינדליך צו זיי!

יענע ווערטער פון'ם מאַניפעסט בעקומען איצטער נאָר אַן אַנדער טייטש. „דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין פאַטערלאַנד", ווייל די בורזשואַזיע האָט אין איהרע הענד אַריינגעכאַפּט דאָס פאַטערלאַנד און עקספּלואַטירט עס צוליעב דעם אייגענעם נוצען. „דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין פאַטערלאַנד" איז דער טייטש: ער דאַרף דאָס פאַטערלאַנד ערָאָבערן. אָדער, ווי דאַשינסקי האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק אין זיין רעדע אויף דעם קאָנשטאַטער פּלעין: „דעם פאָלק, וואָס האָט ניט קיין היים, עראָבערן אַ פאַטערלאַנד, אַן אָרט, וואו ער זאָל קאָנען אַרויסווייזען זיין מענשליכע חשיבות און זיינע מענשליבע גריידען, — אין דעם בעשטעהט די אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליזם".

דער בעריכט וועגען דאַשינסקי'ס רעדע בעמערקט, אַז די ווערטער האָבען אַרויסגערופען אַ „שטורעמדיגע, אָפט ווידערהאָלטע, לאַנג־אָנהאַלטענדע צושטימונג".

עס איז דעם פויל דאַשינסקי געווען לייכטער פאַר אַלעמען צו געפינען די פּאַסיגע פאָרמעל פאַר אָט דער סאָציאַליסטישער אויפגאַבע, ווייל ער איז אַ פערטרעטער פון אַן אונטערדריקטען פאָלק. אָבער אפילו די פוילען האָבען, דוכט מיר, נאָך ניט קיין רעכט צו רעדען וועגען זייער היימאַטלאָזיגקייט אין אַ נאַציאָנאַלען זין. אַ פאָלק, וואָס האָט זיין טעריטאָריע, איז נאָך ניט אָהן אַ פאַטערלאַנד.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס מיט די עקסטעריטאָריאַלע פעלקער, און צווישען זיי די אידען, דעם אמת'ען נע־ונד'ניק אין דער פעלקער־משפחה פון דער מענשהייט. אויף דאָס אידישע פאָלק פּאַסט אות באות דער אויסדרוק „אַ פאָלק אָהן אַ היים". דאַשינסקי'ס ווערטער פאָרמולירען די אַלגעמיינע שטעלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם צו דער פראַגע וועגען פאַטריאָ־

טיזם אין פּאַטערלאַנד. אָבער אויף קיינעם זענען זיי ניט אַזוי אָנגעמאַרטען, ווי אויף דאָס אידישע פאָלק.

יע, עראָבערן פאַר זיך אַ פּאַטערלאַנד! וואָס דאָס זאָל ניט קאָסטען! דאָס איז ניט נאָר דער בעפעהל פון דער אידישער נאַציאָנאַלער לעבענס־נויט. דאָס איז אויך אַ נויטוועגדיגער טייל פון אַ ריכטיג פערשטאַנענעם סאָציאַליסטישען פּראָגראַם.

די דעבאַטען וועגען פּאַטריאָטיזם, וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מי־ליטאַריסטישער פראַגע, וועלען צוגעבען נאָך מעהר מוטה יענע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבען נאָך, איידער דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס, קלאָר איינגעזעהען, ווי נויטיג עס איז אַוועקצושטעלען פאַר דער אידישער ארבייטערשאַפט און דעם אידישען סאָציאַליזם די אויפגאַבע — עראָבערן אַ פּאַטערלאַנד פאַר דאָס אידשע פאָלק.

4

די נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע שטעלונג פון׳ם אינטערנאַציאָ־נאַל צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט געמוזט זיך אָבשפּיעגלען אויך אין די דעבאַטען וועגען דער ק אָ ל אָ נ י אַ ל ־ פּ אָ ל י ט י ק.

עס איז זעהר לייכט צו פערשטעהן די אינעוועניגסטע שיכות צווישען דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און דער נאַציאָנאַלער פּראַגע. קויטסקי האָט זעהר ריכטיג פאָרמולירט דעם גרונד־פּרינציפּ פון דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, וואָס ווערט געפיהרט פון די קאַפּיטאַליס־טישע רעגיערונגען. דאָס איז — „עראָבערן אַ פרעמד לאַנד אויף יענעם זייט ים און מיט בעוואָפּענטער מאַכט האַלטען דאָס אין דער אייגענער געוואַלט“.

אויב עס איז אַזוי, — און דאָס איז אַזוי, — איז יעדע קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, אין וועלכע קולטורעלע מאָנט־לען זי זאָל זיך ניט דראַפּירען, אַ שרייענדער ווידערשפּרוך צו די גרונד־פּרינציפּען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, צו דעם ר ע כ ט פ ו ן י ע ד ע ם פ אָ ל ק א ו י ף ז ע ל ב ס ט־ ב ע ש ט י מ ו נ ג.

אין די דעבאַטען וועגען דער קאָלאָניאַל־פראַגע האָבען זיך אויפ'ן קאָנגרעס צונויפגעשטויסען צוויי ריכטונגען:

איין ריכטונג גלויבט ניט אומבעדינגט אין דעם אויבען־דער־מאָהנטען גרונד־פרינציפּ און איז דעריבער נוטה צו פערענטפערען די שאלה אויפ'ן אַלט־מאַרקסיסטישען אופן און גערעכטפערטיגען די פערברעכען אַנטקעגען דעם סאָציאַליסטישען פעלקער־רעכט דורך די אינטערעסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג און פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען.

די אַלט־מאַרקסיסטישע ריכטונג איז, פערשטעהט זיך, געגען די אַנווענדונג פון געוואַלט אין דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. אָבער זי לאָזט דאָרט צו די „אַפּוטרופּסות" פון „העכער"־שטעהענדע פעל־קער איבער די „נידעריגערע" און רעדט וועגען עפּעס א „סאָציאַ־ליסטישער" קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, וואָס זאָל אַנגעווענדעט ווערען אין יענע מרחקים־לענדער, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען האָבען אריין געכאַפּט אין זייערע הענד.

די צווייטע ריכטונג שטעלט זיך שוין אביסעל אַנדערש צו דעם גרונד־געדאַנק פון דעם מאַרקסיזם, אַז אַלץ דאַרף געשעהן לויט די אינטערעסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, — דעם געדאַנק, וואָס האָט אין די פריהערדיגע צייטען געשפּיעלט די ראָליע פון דעם וויכטיגסטען, דעם איינציג־מעגליכען שטאַנד־פּונקט. אויף דעם קאָנגרעס איז זי בעשטאַנען אויף דעם, אַז די איצטיגע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק טראָגט בלי שום ספק דעם כאַראַק־טער פון פערגוואַלטיגונג און צושטערונג פון פרעמדע נאַציאָנאַלע רעכט.

די ערשטע ריכטונג, — די וואָס שטיצט זיך מאַרקסיסטיש אויף די אינטערעסען פון דעם קאַפּיטאַליזם, — איז אויפ'ן קאָנ־גרעס פערטיידיגט געוואָרען פון אַזעלכע בעקאַנטע „רעוויזיאָניס־טען", ווי עדואַרד בערנשטיין, עדואַרד דאַוויד און דער האָלענדער וואַן־קאָל, וואָס האָט זיך נאָך אויף דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס איינגעשטעלט פאַר דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. שוין יעמאָלט האָט ער גע'טענה'ט, אַז די ענטוויקעלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם נויטיגט זיך אין דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, ווי די ענטוויקלונג פון דעם סאָציאַליזם נויטיגט זיך אין דעם קאַפּיטאַליזם. פאַר דער צווייטער

ריכטונג האָט גערעדט, דער עיקר, דער „אָרטאָדאָקסער" מאַרקסיסט ל ע ד ע ב ו ר, בעקאַנט אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווי אַ העפטיגער געגנער פון דעם רעוויזיאָניזם און ווי אַ הייסער אָנהענגער פון אַ פּאָליטיש־אומאָבהענגיגען פּוילען. איהם האָט קרעפטיג אונטערשטיצט אויף'ן קאָנגרעס ק. קויטסקי.

לײדער איז דער בעריכט וועגען די דעבאַטען אין דער קאָמיסיע אַרויסגעקומען צו סומאַריש. אָבער אפילו שוין פון דעם אַליין, וואָס עס איז גערעדט געוואָרען אויף דעם פּלענום, קאָן מען זיך אויסמאָלען דעם כאַראַקטער פון די צוויי שטרייטענדע ריכטונגען.

וואַן־קאָל איז געוועזן דער רעפערענט פון דער קאָמיסיע. ער קאָן גאָר ניט פערשטעהן, ווי אַזוי אַזאַ דענקענדער און טעאָרעטיש געבילדעטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, ווי לעדעבור, זאָל קאָנען זיין געגען דער קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. „ער דאַרף זיין איבערצייגט", האָט ער אויסגעשריען, „אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אין אייראָפּאַ אַ נויטיגע און אונפערמיידליך שטופע פון ענטוויקעלונג. איז דאָס אייגענע אויך ניט אמת פאַר די קאָלאָניעס?... וואו וועט ער אַהין טהאָן די איבערבעפעלקערונג פון אייראָפּאַ?.. וואָס וועט ער אָנהויבען טהאָן מיט דער אַלץ וואַקסענדער מאַסע פּראָדוקטען פון אונזער אינדוסטריע, אויב ער וועט זיין געגען נייע מערק, וואָס דאַרפען בעשאַפען ווערן אין די קאָלאָניעס?"

בערנשטיין סעקונדירט וואַן־קאָל'ן: „מען מוז זיך אָבזאָגען פון דעם אוטאָפּיסטישען געדאַנק, אַז מען קאָן כלומרשט אין גאַנצען פטור ווערן פון קאָלאָניעס. דער לעצטער פועל־יוצא פון אַזאַ געדאַנק וואָלט געווען, אַז מען זאָל די פעראייניגטע שטאַאטען צוריק אַוועקגעבען די אינדיאַנער. אַ געוויסע אַפּוטרופּסות פון די קולטורעל פעלקער איבער די ניט־קולטורעלע איז נויטווענדיג און זי וועט ניט אויפהערען צו זיין נויטווענדיג אויך אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס האָבען אָנערקענט אי לאַסאַל, אי מאַרקס. אין דעם דריטען באַנד פון „קאַפּיטאַל" שרייבט מאַרקס: „דער באָדען קאָן ניט געהערען צו קיין פאָלק; ער געהערט צו דער מענשהייט, און יעדעס פאָלק דאַרף פערוואַלטען איהם פאַר דעם וואויל פון דער מענשהייט". און לאַסאַל האָט

ערגעץ־וואו געזאָגט: „דאָס רעכט פון יעדען פאָלק אויף אַן אייגע־נער ענטוויקעלונג קאָן ניט זיין קיין אבסאָליוטעם רעכט. דאָס העננט אָב פון דעם בעדינג, אַז אזא אייגענע ענטוויקעלונג זאָל אויפגעוויזען ווערן בפועל. פעלקער, וואָס ענטוויקלען זיך ניט, קאָנען אונטער געוויסע אומשטענדען מיט פולען רעכט אונטער־וואָרפען ווערן אונטער פעלקער, וואָס האָבען אַ קולטורעלע ענט־וויקעלונג".

ד א ו ו י ד ווידערהאָלט די געדאַנקען, וואָס זענען שוין ארויס געזאָגט געוואָרען פאַר איהם: „אויך די קאָלאָניעס מוזען דורכגעהן דורכ'ן קאַפּיטאַליזם, אויך דאָרטען איז אונמעגליך צו מאַכען אַ שפּרונג פון ווילדקייט צו סאָציאַליזם. דער וועג פון יסורים, וואָס ליעגט דורכ'ן קאַפּיטאַליזם, קאָן ערגעץ ניט פערשפּאָרט ווערן פאַר דער מענשהייט און לויט דער טעאָריע פון דעם וויסענ־שאַפטליכען סאָציאַליזם, איז ער דער נויטווענדיגער פאָרבעדינג פאַר דער סאָציאַליסטישער באַלעבאַטישקייט".

בערנשטיין, דאוויד און וואן־קאָל האָבען דערלאַנגט דעם קאָנ־גרעס אַ שיילאָק־וועקסעל אין דעם נאָמען פונ'ם מאַרקסיזם. ניט קוקענדיג דערויף האָט דער איצטיגער כהן־גדול פון דעם מאַרקסיזם, דער קאָמפּעטענטסטער קענער פון דער דאָקטרין און איהר טרייער פאָר־קעמפער, קאַרל קויטסקי, דעם וועקסעל ניט אַקצעפּטירט. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם שטאַנדפּונקט, וועלכען לערעבור פערטרעט.

קויטסקי לייקענט, אַז דעמאָקראַטיע און סאָציאַלע פּאָליטיק זאָלען קאָנען ווען עס איז געהן האַנד אין האַנד מיט עראָבערונגען און פרעמדען־הערשאַפט. מען דערמאַהנט אונז, זאָגט ער, אַז מיר מוזען געהן צו די ווילדע פעלקער, ווי אַ ציוויליזאַטאָרישע קראַפט, ווי לעהרער און ראַטה־געבער. יע, דאָס דאַרפען מיר. מיר זענען פעראינטערעסירט אין דעם, אַז דער קולטור־ניוואָ פון די ווילדע פעלקער זאָל אויפגעהויבען ווערן. אָבער די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק מיט איהרע עראָבערונגען און פערגוואַלטיגונגען דער־גרייכט פונקט די היפך'דיגע רעזולטאַטען. עס איז זעהר פער־שפּרייט די פאַלשע מיינונג, אַז די ווילדע שטעלען זיך פיינדליך צו יענע מיטלען פון דער ציוויליזאַציע, וואָס די קולטור־פעלקער

ברענגען זיי. די ערפאַהרונג בעווייזט אָבער פונקט פערקעהרט. די ווילדע נעהמען גערן איבער די מיטלען פון דער ציוויליזאַציע אומעטום, וואו מען קומט צו זיי מיט פריעדליכע אבזיכטען. קומט מען אָבער צו זיי מיט דעם ציעל צו אונטערדריקען זיי, צו אונטעריאָכען זיי און צו ווערן זייערע אפּוטרופּסים, לאָז זיין מיט די בעסטע אבזיכטען אין דער וועלט, איז יעמאָלט ווערען זיי מיסטרויאיש און פערוואָרפען, אין איינעם מיט דער פרעמדלענדישער הערשאַפט, אויך די פרעמדלענדישע קולטור. ווילען מיר דעריבער ווירקען ציוויליזאַטאָריש אויף די ניעדעריגערע פעלקער, איז קודם כל נויטווענדיג, מיר זאָלען געווינען זייער צוטרוי. און דאָס קאָנען מיר דערגרייכען נאָר דורך דעם, וואָס מיר וועלען פערזיכערען זיי זייער פרייהייט. בערנשטיין האָט דאָ גאָר אומזיסט ציטירט מאַרקסען. ס'איז אמת, מאַרקס האָט געזאָגט, אז „די ערד געהערט דער מענשהייט". אָבער די מענשהייט בעשעפטיגט זיך איצטער ניט מיט קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. מאַרקס האָט קיינמאָל ניט געזאָגט: „די ערד געהערט צו די קאַפּיטאַליסטישע נאַציעס".

ס י י מ אָ נ ס פון די פעראייניגטע שטאַאטען דערמאָהנט דעם קאָנגרעס, אז „דאָס סאָציאַליסטישע סיסטעם מוזען מיר זיך פאָרשטעלען ווי אַ ברידערליכען פערבאַנד פון נאַציעס און ראַסען, אָבער בשום אופן ניט אזוי, אז איין טייל פון דער מענשהייט זאָל הערשען און דער אַנדערער זאָל זיין אונטעריאָכט".

אויף די אַלע אָנפאַלען האָט דער רעפערענט פון דער קאָמיסיע, וואַן־קאָל, געענטפערט מיט אַ פייעריגער, שאַרפזיניג־וויציגער רעדע. דערהויפּט האָט ער געוואַשען דעם פעלץ קויטסקי'ן. ס'איז אומאָפּיש צו גלויבען אין איינעם מיט קויטסקי'ן אין אַ פריעדליכע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון די קאָלאָניעס. געהן קיין אפריקאַ מיט מאַשינען און אינסטרומענטען און אויף אַזאַ'ן אופן ציוויליזירען דאָס לאַנד, — וואָס פאַר אַ בוך־סברא! שיקט אַ מאַשין קיין אפריקע. וואָס וועלען די ווילדע אָנהויבען צו טהאָן מיט איהר? זיי וועלען גאָר אפשר אָנהויבען צו טאַנצען אַרום איהר, ווי אַרום אַ געץ, און זיי וועלען בערייכערען מיט איהר די צאָהל פון זייערע פעטישען.

אָדער אפשר שיקען אַהין אייראָפּעער אין איינעם מיט די

מאַשינען? „וואָס זיי וועלען מהאָן מיט די אייראָפּעער, — דאָס ווייס איך שוין ניט. לאָמיר ביידע, קוויטסקי און איך, מאַכען אַ פּרואוו. לאָמיר ביידע, ער און איך, די טעאָריע און די פּראַקטיקע, זיך אַ לאָז טהאָן האַנד אין האַנד צו די ווילדע מיט מאַשינעס און אינסטרומענטען. וואָס וועט דערפון אַרויס? אָדער זיי וועלען צוברעכען אונזערע מאַשינעס, אָדער זיי וועלען גאָר הרגה'נען אונז און אויפרעסען און יעמאָלט", — דאָ האָט וואַן־קאָל' גענומען גלעטען זיין גאָר ניש'קשה'דיגען בייכעל, — „און יעמאָלט וועל איך ביי זיי זיין אַ ספק אַ גרעסערער מיוחס, איידער קוויטסקי".

די אייראָפּעער קאָנען דאָרטען גאָר נישט ניט אויפטהאָן מיט זייערע מאַשינעס, אויב זיי וועלען זיין אומבעוואָפענט. הייסט עס, אַז מיר וועלען זיי מוזען פערטיידיגען מיט כלי־זין אין די הענד. אָבער יעמאָלט — יעמאָלט ווערט אויך קוטסקי מגולגל אין אַן אימפּעריאַליסט.

„ניין!" — שרייט וואַן־קאָל' אויס צום סוף פון זיינע רעיד. „ס'איז אוממיגליך, ס'איז נאַריש איינצופלאַנצען ציוויליזאַציע מיט די מעטאָדען, וואָס קוויטסקי שלאָגט פאָר; ס'איז נאַריש צו גלויבען אין אַזעלכע מעטאָדען פאַר אַ לאַנד, וואו עס איז נאָך ניטאָ קיין רעכטליכער שוץ ניט פאַר דער היימישער, ניט פאַר דער אָנגעפאָהרענער בעפעלקערונג". ווי געפעהרליך עס איז פאַר אַ געלערנטען זיך צו דערווייטערען פון דעם לעבען, האָבען מיר היינט דערלעבט אַ ביישפּיעל אויף קוויטסקי'ן, וואָס איז אין דער קאָלאָניאַל־פראַגע געוואָרען אַ רעוויזיאָניסט, אַן אימפּעריאַליסט און אַן אוטאָפּיסט.

אַזוי האָט גערעדט וואַן־קאָל'.

עס קומט אונז ניט אַריין אין זין צו בעהויפּטען, אַז די פראַגע וועגען קאָלאָניאַל פּאָליטיק, איז, אין איהר שיכות צו נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם, אַרומגענומען געוואָרען און בעלויכטען געוואָרען אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס פון אַלע איהרע זייטען. אויך איז די אָנגענומענע רעזאָלוציע, וועלכע מיר ברענגען אונטען, דורכאויס נאָך ניט דאָס לעצטע וואָרט פון סאָציאַליזם.

די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, ווי די נאַציאָנאַל־פראַגע בכלל, — ד. ה. די פראַגע וועגען אַ פריעדליכען, בריעדערליכען לעבען צווישען

די פעלקער אויף דער וועלט, — האט ערשט ניט לאנג פעראינטער־עסירט דעם סאציאליזם פון איהר פראקטישער זייט, ווייל זי האט זיך גענומען נעוואלטיג אריין רייסען אין דעם לעבען פון דעם ארבייטער־קלאס.

דער געדאנק פון דעם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם וועט נאך ניט איינמאל זיך מוזען אומקעהרען אט צו די אלע פראגען. טריי צו זיינע גרונד־פרינציפען, וועט ער דארפען אויסארבייטען קאנקרעטע פארמען, ווי אזוי דורכצופיהרען אין לעבען יענעם ענט־פער, וועלכען דער נביא ישעיהו האט שוין געפונען פאר דעם פראבלעם.

פאר דער איצטיגער צייט אבער, איז געוועזן בעזונדערס וויכ־טיג פאר דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט צו בעשטעהן אויף דער פרינציפיעלער זייט פון דער זאך, וואס זאל איהם דיענען ווי א קאמפאס אין זיינע לעבענס־נויטען. מען האט געמוזט פעסט אוועק־שטעלען *די יסודות פון דעם סאציאליס־טישען רעכטס־בעוואוסטזיין* אויף דעם פעלד פון צווישען־פעלקערליכע בעציהונגען.

און דעריבער האבען ניט די וויסענשאפטליכע ציטאטען פון די דאווידס און די בערנשטיינס, ניט דער פראקטישער רעאליזם און דער לעבענספולער וויץ פון א וואן־קאל ניט געקאנט איבער־קעהרען דעם סאציאליסטישען *רעכטס־פרינציפ*, מיט'ן דעק ארויף, דעם רעכטס־פרינציפ, וואס איז אויסגעדריקט געווארען אין די פאלגענדע ווערטער פון *לעדעבור'ס* רעדע.

„מיר פערווארפען אומבעדינגט דאס אפטרופסות־רעכט פון איין פאלק איבער אן אנדער פאלק און מיר האלטען פאר אוממיגליך, אז דער קאנגרעס זאל גוט היימען אזא מין אפטרופסות".

אין דעם זין פון אט דעם פרינציפ איז איבערגעארבייט געווא־רען די רעזאלוציע, וואס די מאיאריטעט פון דער קאלאניאל־קאמי־סיע האט פארגעשלאגען.

מיר ברענגען דא אין גאנצען די רעזאלוציע, ווי זי איז אנגע־נומען געווארען פון דעם קאנגרעס, ווייל די קאלאניאל־פראגע איז

שוין ביז צו אַ געוויסען גראַד געוואָרען אַ פּ ר אַ ק ט י ש ע פראַגע פאַר דעם אידישען סאָציאַליזם מיט דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

„דער קאָנגרעס האַלט מיט דער מיינונג, אַז די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, מוז, לויט איהר אינוועניגסטען תוך נאָך, פיהרען צו דער פערשקלאַפונג, דער צוואַנגס־ארבייט אָדער דעם אויסשטאַרבען פון דער איינגעבאָרענער בעפעלקערונג אין דעם קאָלאָניאַל־געביעט".

„די ציוויליזאַטאָרישע מיסיע, אויף וועלכע עס בערופט זיך די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, דיענט איהר נאָר ווי אַ מאַנטעל, וואָס זאָל פערדעקען איהרע עראָבערישע, עקספּלאָאַטאָרישע געלוסטען. נאָר די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט געבען אַלע פעלקער די מעגליכקייט זיך צו דערענטוויקלען ביז צו דער פולער קולטור".

„אנשטאָט צו פערגרעסערען די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, רואינירט די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק דעם נאַטור־רייכטום פון יענע לענדער, וואוהין זי טראָגט אריין איהרע מעטאָדען, סיי דורך די פערשקלאַפונג און די פערעלענדונג פון די איינגעבאָרענע, סיי דורך מערדערישע און חרוב־מאַכענדע קריגען. דורך דעם גופא פערלאַנגזאַמט זי אָדער מאַכט גאַנץ אוממיגליך די ענטוויקלונג פון האַנדעל און דעם אָבזאַץ פון אינדוסטרי־פּראָדוקטען פון די ציוויליזירטע מדינות".

„דער קאָנגרעס פעראורטיילט די באַרבאַרישע מעטאָדען פון דער קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע און פאָדערט, אין די אינטערעסען פון דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, אַז אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל גאַראַנטירען אַ פריעדליכע קולטורעלע ענטוויקלונג און וואָס זאָל די אוצרות פון דער ערד אַוועק שטעלען אין דיענסט פון דער העכערער ענטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט".

„ער בעשטעטיגט נאָך אַ מאָל די פּאַריזער (1900) און אַמסטערדאַמער (1904) רעזאָלוציע וועגען דער קאָלאָניאַל־פראַגע און פערוואַרפט אויף דאָס ניי דעם איצטיגען קאָלאָניזאַציאָנס־מעטאָד, וועלכער מוז, לויט זיין קאַפּיטאַליסטישען תוך, ניט האָבען קיין

אַנדערע ציעלען, אַ חוץ די עראָבערונג פון פרעמדע לענדער און די פערשקלאַוואונג פון פרעמדע פעלקער, כדי שווינונגסלאָז צו עקספּלאָאטירען זיי צוליעב אַן אומבעדייטענדער מינאָריטעט, בעת אין דעם אייגענעם לאַנד ווערט אַלץ שווערער די לאַסט, וואָס ליגט אויף דעם פּראָלעטאַריאַט“.

„אַ פיינד פון יעדער עקספּלאָאטאַציע צווישען מענש און מענש און אַ פערטיידיגער פון אַלע אונטערדריקטע אָהן אַן אונטערשייד פון ראַסע, פערארורטיילט דער קאָנגרעס אָט די פּאָליטיק פון גזילה און עראָבערונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר בלויז די אומפערשעהמטע אַנווענדונג פון דעם שטאַרקערען׳ס רעכט און טרעט מיט די פיס דאָס רעכט פון די בעזיעגטע פעלקער“.

„די קאָלאָניאַל־פּאָליטיק מאַכט גרעסער די געפאַהר פון מיליטערישע קאָמפּליקאַציעס ביי די שטאַאַטען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט קאָלאָניזאַציע, ווי זי פערגרעסערט אויך זייער שטייער־לאַסט אויף אויפצוהאַלטען אַן אַרמעע און אַ פלאָט“.

„אַלע הוצאות צוליעב קאָלאָניזאַציע, ווי אויך די, וואָס ווערען אַרויסגערופען פון דעם אימפּעריאַליזם, אַזוי אויך די, וואָס ווערען געמאַכט אין די אינטערעסען פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג אין די קאָלאָניעס, האָבען, פון אַ פינאַנציעלען שטאַנדפּונקט, בעדאַרפט ליעגען אויף די אַקסלען פון די, וואָס בעקומען אַליין דעם נוצען פון בע׳גזלנ׳ען פרעמדע לענדער און וועמעס עשירות פערדאַנקען זייער עקזיסטענץ אָט יענע פרעמדע לענדער“.

„צום סוף דערקלערט דער קאָנגרעס, אַז די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען זענען מחויב אין אַלע פּאַרלאַמענטען דערקלערען אַן אומפּריעדפּאַרטיגען קאַמף אַנטגעגען אָט דער מעטאָדע פון שווינונגסלאָזער עקספּלאָאטאַציע און פערשקלאַוואונג, וואָס הערשט אין אַלע עקזיסטירענדע קאָלאָניעס“.

„צוליעב אָט דעם צוועק מוזען זיי אונטערשטיצען רעפאָרמען, וואָס זאָלען פערבעסערן דעם גורל פון די איינגעבאָרענע, מוזען שטערען יעדע פערלעצונג פון זייערע רעכט, זיי טאָרן ניט דערלאָזען זייער עקספּלאָאטאַציע און פערשקלאַוואונג; זיי מוזען, אַ חוץ דעם, מיט אַלע מיטלען אין זייער געבאָט, ווירקען אויף די ערציעהונג פון די איינגעבאָרענע צו זעלבסטשטענדיגקייט“.

5.

קיין איין פראַגע איז אַפשר ניט אַזוי ענג פערבונדען מיט דעם פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליזם, מיט דעם רעכט פון יעדען פאָלק אויף אַ זעלבסטשטענדיגע ענטוויקעלונג און מיט דער גלייכבערעכטיגונג פון פעלקער, וואו זיי זאָלען ניט וואוינען, ווי די פראַגע וועגען עמיגראַציע און אימיגראַציע.

אונטער דעם דרוק פון געוויסע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָליטישע אומשטענדען רייסט זיך אַ טייל פון איין פאָלק אַריין אין דער טעריטאָריע פון אַן אַנדערן. ניט גערעכענט זיך מיט דער לאַגע אויף דעם אַרבייטס־מאַרק, מיט דעם צושטאַנד פון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, מיט דעם זיך בייטענדען גורל אין דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, וואַרפט זיך יענער טייל אַרויף, מיט ־ער בלינדקייט פון אַ הונגעריגען אויף דעם אַרבייטס־מאַרק, רייסט פאַנאַנדער די אויך אָהן דעם שוואַך־געשלאָסענע קעיט, וואָס די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס פון יענע לענדער האָבען מיט אַזוי פיעל מיה אַרום געשטעלט אַרום זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

מוז דער אַרבייטער־קלאַס דולדען אָט דעם געפעהרליכען אַנפאַל פון פרעמדלינגע, אַריבערטראָגען איהם אין דעם נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלער קלאַסען־סאָלידאַריטעט? האָט ניט אַ רעכט דער סאָציאַליסטישער פערטיידיגער פון דעם היימישען אַרבייטער צו דערקלערען די אימיגראַנטען:

דאָס לאַנד געהערט ניט צו אייך, נאָר צו זיי. ז י י פיהרען דאָ אָן דעם קאַמף, כדי צו צערברעכען די מאַכט פון דעם קאַפּיטאַל און צו דערנעהענטערן די ממשלה פון סאָציאַליזם. אַלץ, וואָס שוואַכט אָב זייער קראַפט אין אָט דעם קאַמף, געהט להיפך ניט נאָר צו זייער רעכט אויף זייער אייגען פאָטערלאַנד, נאָר אויך להיפך צו די אינטערעסען פון דעם סאָציאַליזם גופא.

האָבען זיי דען קיין רעכט ניט צו פערמאַכען די טהיר פון זייער לאַנד פאַר דעם נאָז פון דעם איינדרינגלער, דערהויפּט, ווען זיי זעהען, אַז דער איינדרינגלער קומט ניט מיט קיין אַנדער צוועק, ווי נאָר אַרויסצורייסען דאָס שטיקעל ברויט פון זייער מויל?

פון דער אַנדער זייט האָבען אפשר די אימיגראַנטען אַ רעכט צו ענטפערן אויף די טענות מיט אַזעלכע מיני רעיד:

ס׳איז אמת, אַז דער סאָציאַליזם פאַרטיידיגט היים די רעכט פון יעדן פאָלק אויף זיין פאָטערלאַנד. אָבער ער קאָן בשום אופן ניט אָנדערקענען, אַז אַ וועלכעס עס איז פאָלק זאָל האָבן אַן א י י ג ע נ ט ו מ ס־ר ע כ ט אויף זיין טעריטאָריע.

ווי ווינשענסווערטה עס זאָל ניט זיין, אַז יעדעס פאָלק זאָל האָבן אַן אונפאַרלעשבאַרען רעכט אויף זיין לאַנד, קאָן אָבער יענעס רעכט פערווירקליכט ווערן נאָר אין אַזעלכע גרעניצען, וואָס גהען ניט להיפך צו דעם אונפאַרלעשבאַרען רעכט פון יעדן מענשען, צו וואוינען דאָרטען, וואו איהם פערוועלט זיך, וואו ער פיהלט זיך אַם בעסטען.

דער סאָציאַליסטישער רעכטס־בעוואוסטזיין קאָן ניט מאַכען קיין חלוק צווישען „אייגענע" און „פרעמדע". דער פאַטריאָטיזם און דער טעריטאָריאַליזם זענען, אמת, פאָסטולאַטען פון סאָציאַליזם, אָבער זיי שליעסען ניט אויס, נאָר אדרבא, זיי פאָרדערן, ווי אַ דערגענצונג, דאָס רעכט פאַר יעדן פאָלק אויף אַ זעלבסטשטענדיגע ענטוויקעלונג אפילו דאָרטען, וואו דעם פאָלק פעהלט אַ טעריטאָריע.

דער איינציגער באַלאַבאָס אויף דעם גאַנצען ערד־באַל איז די גאַנצע מענשהייט. און די מענשהייט גיט אַוועק אַ טייל פון איהר בעזיץ, אַ בעזונדער לאַנד, צו איין פאָלק אָדער צו אַ גרופּע פון פעלקער, ניט אין אייגענטום, נאָר אין אויסנוטץ. אויסגענוצט דאַרף אָבער ווערן אַ לאַנד פון אַלע זיינע איינוואוינער, מיט גלייכע רעכט פאַר יעדען, אָהן אַ שום אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און אָבשטאַם.

האָבען אַן אייגען פאָטערלאַנד, — דאָס איז דעם פאָלק׳ס אַ ר ע כ ט; בעזיצען עס איז אַ ג ל י ק. אָבער ניט האָבען עס, אָדער זיין געצוואונגען צו פערלאָזען עס איז ניט קיין פערברעך, נאָר אַן אומגליק. קיינער האָט קיין רעכט צו לאָזען אַ היימלאָזען אויפ׳ן גאַס. אמת, יעדער זאָל טייער האַלטען זיין אייגען היים, אָבער — „יהי ביתך פתוח לרוחה", — „דיין היים דאַרף זיין אָפען פאַר אַלעמען".

און דער היימלאָזער דאַרף אריינגעהן אַהין ניט ווי אַ גאַסט, פון וועלכען מען דערוואַרט, ער זאָל נושא חן זיין אין די אויגען

פון דעם באַלאַבאָס, נאָר ווי אַ פול בערעכטיגטער בן־בית, וואָס מעג זיך בענוצען מיט אַלע בעקוועמליכקייטען, וועלכע די באַלאַבאַטים האָבען בעשאַפען פאַר זיך אַליין. ווייל — „חוקה אחת תהיה לכם ולגר הגר בתוכיכם", „דערזעלביגער געזעץ, וואָס פאַר איך, דאַרף אויך זיין פאַר דעם פרעמדען, וואָס וואוינט צווישען איך".

און פרעגען טאָרסטו איהם ניט: ביסטו אויף אַ ווײַלע געקומען צו אונז, אָדער ווילסטו דיין לעבען אָבלעבען ביי אונז? אפשר איז ער אויס נויט געקומען צו דיר; מיט זיין אייגענעם ווילען קאָן ער אוועק געהן פון דיר. איין זאַך נאָר זאָלסטו פון איהם פערלאַנגען און דורכפיהרען: אַז ער זאָל דאָס לאַנד דיינס, וואָס די מענשהייט האָט דיר געגעבען, אַכטען און וועגען דעם וואויל־און־גוט פאַר דעם לאַנד דאַגה'ן, אַקוראַט אַזוי ווי דו.

עס פערשטעהט זיך, אַז די אימיגראַנטען רעדען נאָך ניט אַזוינע רעיד און וועניגער פאַר אַלץ ליעגט זיי אין זינען, צו בערופען זיך אויף אַלט־העברעאישע פסוקים און מימרא'ס. זיי, די הונגעריגע און אויסגעצעהרטע, קאָנען ניט טראַכטען וועגען פרינציפען אָדער וועגען דעם סאָציאַליסטישען רעכטס־בעוואוסטזיין.

אָבער אין דעם געזעלשאַפטליכען און היסטאָרישען לעבען קומט כמעט אַלע מאָל פאָר אַזוי, אַז איידער די מענשען הויבען אָן רעדען, שרייען פאַר זיי צום הימעל יענע אומשטענדען, אין וועלכע זיי זענען געצוואונגען צו לעבען. און אין אונזער פאַל זענען די אומשטענדען אַזעלכע, אַז זיי ווילט זיך אַלע ווײַלע ציטירען דעם חומש, די נביאים, און די הומאַנערע שפרוכען פון אונזערע „פרקי אבות"...

אָט דאָס איז דער תוך פון דער פראַגע וועגען עמיגראַציע און אימיגראַציע, ווען מען שטעלט זי אוועק אין דעם ליכט פון דעם סאָציאַליסטישען נאַציאָנאַליזם. בעהאַנדלען זי אָהן אַ שום שייכות צו דעם פראָבלעם פון נאַציאָנאַליטעט הייסט — זיך גליטשען איבער איהר אויבערפלאַך, און ניט אַריינדרינגען אין איהר טיעף.

די אידישע סאָציאַלסטשע ארבייטער־פאַרטיי (דער „סערפ") האָט דורך איהרע דעלעגאַטען געוואָלט פאָרשלאָגען דעם קאָנגרעס אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט אין איהר פראַקטישען טייל אָבגעגעבען

זעם נויטיגען פלאץ דעם נאציאנאלען מאמענט. צווישען די איבער־ריגע פאָרדערונגען, וואס האבען צונויפגעשטימט בדרך כלל מיט די פאָרדערונגען פון אלע אנדערע עמיגראנטען־פריינדליכע רעזאָ־לוציעס, האט זי ארויסגעשטעלט די פאלגענדע פונקטען:

א) די עמיגראנטען זאל געגעבען ווערן דאס רעכט אויף נאַ־ציאנאלע זעלבסט־פערוואלטונג אין שוהל־אנגעלעגענהייטען, קולטור־רעלע אונטערנעהמונגען און אלע ענינים, וואס האבען א שיכות צו זיי, ווי צו מיטגליעדער פון א בעשטימטער נאציאנאליטעט און ניט ווי צו איינוואוינער פון א בעשטימטען ארט אדער ווי צו ביר־גער פון א בעשטימטען לאנד;

ב) די גאנצע אנגעלעגענהייט פון עמיגראציע זאל איבער־געגעבען ווערן אין די הענד פון דער נאציאנאלער זעלבסט־פער־וואלטונג און דארטען וואו עס פעהלען אזעלכע ארגאנען, זאלען זיך מיט איהר בעשעפטיגען די ארגאנען פון דער לאקאלער זעלבסט־פערוואלטונג אונטער דער קאנטראליע און דער אבאכט פון די אָר־גאניזירטע ארבייטער ביי יענע פעלקער, וואס פון זייער מיטע רעך־קרוטירט זיך די עמיגרירענדע מאסע.

ליידער, זענען די ארבייטער פון דער קאמיסיע פאר דער פראַ־גע, — אויף וויפיעל מען קאן אורטיילען לויט די קורצע בעריכטען, וואס זענען פאראן, — ניט געשטאנען אויף דער ערפאָרדערליכער הויך. די אידישע סאציאליסטישע ארבייטער־פארטיי האט זיך ניט געקאנט בעטייליגען אין די דעבאטען פון דער קאמיסיע. זי האט געמוזט קעמפען פאר איהר רעכט אנצוגעהערען צו דעם אינ־טערנאציאנאל און אין יענע טעג, ווען איהרע דעלעגאטען האבען נאך געמוזט שטעהן אויף׳ן שוועל, זענען אין דער קאמיסיע פער־ענדיגט געווארען אלע גענעראל־דעבאטען, אויסגעהערט געווארען אלע רעזאלוציעס און פאנאנדערגעטיילט געווארען צווישען די סוב־קאמיסיעס.

און אז די טהירען פון דעם אינטערנאציאנאל האבען זיך ענד־ליך אויפגעעפענט פאר דעם „סערפ", איז פאר יענע מיטגליעדער פון זיין דעלעגאציע, וועלכע די סאציאל־רעוואלוציאנערע רוסישע פארטיי האט קאמאנדירט אין דער עמיגראנטען־קאמיסיע, ניט גע־בליעבען קיין אנדער זאך, ווי נאר אריינצוטראגען אויסבעסערונ־

גען אין דעם פּראַקטישען טייל פון דער שוין פאַרטיג געוואָרענער רעזאָליוציע, אריין טראָגען ריין אויס פּרינציפּ, אָהן אַ וועלכער עס איז מאָטיווירונג, פאַרשלאָגען איין מאָסרעגעל נאָך דער אַנדערער, לכתחילה וויסענדיג, אַז זיי קאָנען ניט אָנגענומען ווערן, ווייל זיי זענען נאָך גאָר ניט דיסקוטירט געוואָרען.

פון דעסטוועגען קאָן מען שוין פון דעם קורצען בעריכט וועגען די גענעראַל־דעבאַטען זעהען, אַז עס איז געוועזען אוממיגליך פאַר דער קאָמיסיע, אין גאַנצען צו איגנאָרירען די נאַציאָנאַלע פראַגע. דערהויפּט דערפאַר, וואָס זי איז אַזוי בולט אַרויסגעטרעטען אין דער פאָרם פון דער ר אַ ס ע ן ־ פ ר אַ ג ע.

די דעלעגאַטען פון אויסטראַליע האָט אריינגעטראָגען אַ רעזאָליוציע, וואָס האָט, לויט איהר אינווענינסטען תוך, אויב ניט לויט דער פאָרם, געוואָלט פערוועהרען דעם אריינפאָהר פון דער געלער ראַסע אין די אימיגראַציאָנס־לענדער. דער טעם? — די געלע ראַסע איז כלומרשט פון נאַטור אויף בעשטימט צו שפּיעלען די ראָליע פון „סטרייק־ברעכערס".

אַ געוויסער טייל פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע איז אויך געוועזען פּרינציפּיעל גענייגט אויסצושליעסען די געלע ראַסע פון דער גלייכבערעכטיגטער משפּחה פון דער אַרבייטענדער מענשהייט. נאָר די פראַנצויזישע רעזאָליוציע האָט מיטגעקעמפט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּרינציפּ אין זיין גאַנצער ריינקייט.

די רעזאָליוציע, וואָס די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבייט און וואָס איז דערנאָך אָנגענומען געוואָרען פון דעם קאָנגרעס, שטעלט מיט זיך פאָר אַ טריאומף פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם איבער דעם ענגען שאָוויניזם און איבער די עגאָאיסטישע אינטערעסען פון איינצעלנע אַרבייטער פּאַרטייען. אָבער אין איהר פעהלט דער טריאומף פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם איבער זיין געגנער פון ל י נ ק ס, איבער דעם קאָסמאָפּאָליטיזם.

די קאָמיסיע האָט גערן אריינגעבראַכט אין דער רעזאָליוציע אַלע מאָסרעגעלן, וואָס זענען גינסטיג פאַר די אימיגראַנטען, ווי מענשען און בירגער; זי האָט אָבער ניט אויפגענומען קיין איין פּונקט, וואָס זאָל פערטיידיגען זייער נאַציאָנאַליטעט. פון אַלע אויסבעסערונגען, וואָס די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט

פאַרנעשלאָגען איז אריינגעגאַנגען גאָר איינע: לייכטער מאַכען די נאַטוראַליזאַציע פאַר דעם אימיגראַנט.

ניט קוקענדיג דערויף האָט דער קאָנגרעס אויף אין דער עמיג־ראַציאָנס־פראַגע זיך ניט געקאָנט בעגעהן גאָר אָהן דערקלערונגען צוגונסטען דעם נאַציאָנאַליזם.

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען אונטער דעם דרוק פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק, וואָס איז אַזוי מערקווירדיג קלאָר געוואָרען אין דער לעצטער צייט בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אָדער אפשר אונטער דעם איינדרוק פון יענע נאַציאָנאַליסטישע אויס־בעסערונגען, וואָס די פערטרעטער פונ'ם „סערפּ" האָבען אריין גע־טראָגען אין דער קאָמיסיע, — אַזוי, צי אַזוי, — אָבער גענאָסע ע ל ל ע נ ב ו י ג ע ן, דער רעפּערענט פון דער קאָמיסיע פאַר דעם פּלענום, האָט געפונען פאַר נויטיג צו מאַכען די פאָלגענדע דערקלערונג:

„די ארבייטער פון יעדער (איינגעוואַנדערטער) נאַציע דאַרפען ניט פערשטעהן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט אין אַזאַ זין, אַז דאָס זאָל זיי צווינגען איבערצוגעבען זיך דעם אָהן־פּאַרבינגען אינטערנאַציאָנאַליזם און אָבצוזאָגען זיך פון זייער נאַציאָנאַליטעט. אדרבא! די ארבייטער פון אַלע נאַציעס האָבען אַ רעכט און אַ פליכט צו זיין צוגעבונדען מיט ליעבע און בעגייסטערונג צו די קולטורעלע אוצרות פון זייער אייגענער נאַציע. (בראַוואָ!) זיי זועלען דאָס מעהר שטרעבען אָבצוהיטען זייערע אייגענטימליכ־קייטען, וואָס מעהר זיי וועלען איינזעהן, אַז גראָד מיט דעם אָבהי־טען זייערע אייגענטימליכקייטען קאָנען די נאַציעס ברענגען דעם גרעסטען נוצען דער אַלגעמיינער קולטור."

דער וואָס איז בעקאַנט מיט דער פריהערדיגער שטעלונג עללענבויגענס צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט געמוזט, אויס־הערענדיג אָט די רעיד זיינע, אַ טראַכט טהאָן:

„אויך דו, ברוט!... איז ווער וועט דען, אויף אַזאַ אופן, נאָך ווייטער זיך איינשפּאַרען אַנטגעגען דעם טריאומף פון דעם אמת? איז אונז אפשר גאָר בעשערט אויף דעם קומענדיגען קאָנגרעס אויסצוהערען אַזוינע רעיד פון ראָזע לוקסעמבורג אַליין?!"

אונזער בעריכט וועגען דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס — פון

דעם ספעציעלען שטאנדפונקט, פון וועלכען מיר בעטראכטען איהם דא, — וואלט געוועזן ניט פאהסול, אויב מיר וואלטען ניט בעריהרט, לאז זיין בקיצור, די זיצונגען פון דעם אינטערנאציאנאלען ביורא גופא פאר דער צייט פון קאנגרעס.

דאס רעכט פון יעדען פאלק אויף זעלבסט־בעשטימונג און די גלייכבערעכטיגונג פון אלע פעלקער, — אט די צוויי פונדאמענטאל־פרינציפען פון דעם סאציאליסטישען רעכטס־בעוואוסטזיין אין צווישען־פעלקערליכע בעציעהונגען, — וואלטען געבליעבען א לעדיגער קלאנג פאר׳ן אינטערנאציאנאל, אויב ער וואלט ניט געשטרעבט צו פערווירקליכען זיי אין דער פולסטער מאס קודם כל, וואו ער איז אליין דער באלעבאס: אין דער ספערע פון זיין אייגענער ארגאניזאציע.

אין דעם אלטען אינטערנאציאנאל, — אין דער „אינטערנאציאנאלער ארבייטער אססאציאציע“, — איז אט דער ארגאניזאציאנס־אידעאל דערגרייכט געווארען אין גאנצען, און זי פלעגט אנווייזען אויף איהר אייגענעם ארגאניזאטארישען פרינציפ ווי אויף א פארבילד פאר די קינפטיגע בעציעהונגען פון די פעלקער אין דער פעדעראציע פון דער מענשהייט.

אבער דער אלטער אינטערנאציאנאל האט, לויט זיין היסטארישען בעדייט, פארגעשטעלט מיט זיך נאר א מאדעל פון א בנין, ניט דעם בנין אליין, — א מאדעל, אויפגעבויט פון א געניאלער האנד.

דער בנין אליין ווערט ערשט איצטער ג ע ב ו י ט, און ניט אלע טיילען ווערען אויסגעפיהרט מיט דערזעלבינער רעגעלמעסיגקייט און דערזעלביגער ארכיטעקטורעלער עלעגאנץ. אייניגע טיילען מוזען צייטווייליג לאז זיין ווי עס איז פערענדיגט ווערן, כדי מען זאל קאנען וואוינען און ארבייטען אין זיי. צו דער צאהל פון די נאך ניט פערענדיגטע, נאר אויף גיך צום וואוינען פערפארטיגטע טיילען, געהערען אויך יענע פרינציפען, וואס דארפען בעשטימען דאס רעכט פון א וועלכען עס איז פאלק צו בעטייליגען זיך אינ׳ם אינטערנאציאנאל, ווי א בעזונדער, זעלבסטשטענדיגע סעקציע.

דער אינטערנאציאנאל האט זיך אבגעזאגט פון דעם ריין־שטאאטליכען פרינציפ: עס בעטייליגען זיך אין איהם, מיט דעם

רעכט פון בעזונדערע סעקציעס, סיי פּוילען, סיי בעהמען, וואָס האָבעןביידע ניט קיין אייגענע שטאַאַטען. אָבער צו דעם ריין פ ע ל ק ע ר ל י כ ע ן פּרינציפּ, אויף וועלכען דער אַלטער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען אויפגעבויט, איז דער נייער אינטערנאַציאָנאַל נאָך ניט דערגאַנגען. פאָרהערשענד אין איהם איז דער ט ע ר י ט אָ ר י ע ל ע ר יסוד, דער פּרינציפּ פון לענדער. אָבער אויך אָט דער „סטיל“ איז ניט אינגאַנצען אויסגעהאַלטען.

אַ ביישפּיעל. די אינזעל קובאַ, אַ לאַנד, וואָס האָט ניט לאַנג געהערט צו שפּאַניע, געהערט איצטער צו די פּעראייניגטע שטאַאַטען, ווייל זיי האָבען זי פערכאַפּט אין קריעג*). די קובאַנער דעלעגאַטען האָבען ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלען ביוראָ געבעטען די ערלויבניס, זיך צו־צוצעהלען צו דער שפּאַנישער סעקציע. דער ביוראָ האָט ניט איינגעוויליגט. מען האָט דאָך געזאָלט מיינען, אַז „דאָס רעכט פון יעדען פאָלק אויף זעלבסט־בעשטימונג האָט בעדאַרפט גאַראַנטירען די קובאַנער די מעגליכקייט, זיי זאָלען זיך זעלבסטבעשטימען אויף דעם קאָנגרעס, ווי ז י י געפעלט. אָבער דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ האָט, ווער ווייס פאַר וואָס, אַוועק געשטעלט העכער דעם ווילען פון דעם קריעגס־גאָט איבער דעם ווילען פונ׳ם פאָלק.

נאָר, משמעות, אַז דער ווילען פון די קובאַנער, זיך צו בעשטימען ווי שפּאַניער, איז געווען ניט בעזונדערס שטאַרק. ווייל אויב זיי וואָלטען בעשטעהן אויף זייער רעכט און וואָלטען אריבערגעטראָגען זייער סכסוך צו דעם פּלענום פונ׳ם קאָנגרעס, וואָלט די לעצטע ניט דורכגעלאָזען די געלעגענהייט צו פּראָטעסטירען אַנטקעגען קריגערישע אַננעקסיעס.

אַ חוץ דעם פאַל האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ, בנוגע אריינגעהמען נייע אָרגאַניזאַציעס און פעלקער אינ׳ם אינטערנאַציאָנאַל, אויפגעפיהרט העכסט קאָרעקט און אַנשטענדיג.

די פערטרעטער פון דער אַרמענישער דעלעגאַציע „דאַשנאַקצוטיון“ האָבען אַריינגעבראַכט אַ פאָרשלאַג: מען זאָל בעשאַפען

---

*) איצטער איז זי אַ בלומר׳שע זעלבסטשטענדיגע רעפּובליק (1917).

אַ נייע אַ ר מ ע נ י ש ע סעקציע אינ'ם אינטערנאַציאָנאַל, זואוהין עס זאָלען אריינגעהן אויף די פערטרעטער פון דער טערקי־שער אַרמעניע.

דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ האָט גאָרנישט ניט געהאַט געגען דעם, נאָר האָט אָבגעלעגט די פראַגע, ביז עס וועט קלאָר ווערן דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר כאַראַקטער פון יענער אַרבייט, וואָס ווערט אָנגעפיהרט אין אַרמעניע. דורך דעם בע־שלוס האָט דער ביוראָ זעהר דערלייכטערט די אויפגאַבע פון דעם „דאַשנאַקצוטיון". וואָס ער האָט צו טהאָן, איז נאָר קלאָרער מאַכען פאַר דער סאָציאַליסטישער וועלט דעם ווירקליכען כאַראַקטער פון זיין אָרגאַניזאַציע אין דער טערקיי, און מיר קאָנען לכתחילה גראַטו־לירען אונזערע אַרמענישע חברים מיט זייער ערפאָלג. דער אינטער־נאַציאָנאַלער ביוראָ וועט פאָרשלאָגען — גרינדען אַ בעזונדער אַר־מענישע סעקציע לויט דעמזעלבען רעכט און לויט דיזעלבע מאָטי־ווען, לויט וועלכע עס עקזיסטירט אין אינטערנאַציאָנאַל די פּוילישע סעקציע. דער קאָנגרעס וועט גאַנץ געוויס גוטהייסען אַזאַ בעשלוס.*)

די „אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי" (סערפּ) און די „ציוניסטען־סאָציאַליסטען" זענען, לויט דעם בעשלוס פון דעם ביוראָ אויפגענומען געוואָרען אין דעם אינטערנאַציאָנאַל: די לעצ־טערע מיט אַ בעראַטענדער שטים, די ערשטערע מיט אַ בעשלי־סענדער, פערבונדען מיט דעם רעכט צו שיקען אַן אייגענעם פער־טרעטער אין ביוראָ, מיט אַ בעראַטענדער שטים.

געגען צולאָזען די צוויי אידישע אָרגאַניזאַציעס צום אינטער־נאַציאָנאַל האָט שטאַרק געקעמפּט די „רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע" מיט דעם „בונד" בראש. די הויפּט־טענה זייערע איז געווען — דער טעריטאָריאַליזם פון יענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס געהט כלומר'שט להיפך צו דעם סאָציאַליזם.**)

*) אין אַ יאָהר אַרום איז די אַרמענישע סעקציע געגרינדעט גע־וואָרען (1917).

**) ביי די „ציוניסטען־סאָציאַליסטען", (די איצטערדיגע ס. ס. און ס. ט.) האָט דער ביוראָ ווידער צוגענומען דאָס רעכט זיך צו בעטיי־ליגען אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, ווייל די רוסלענדישע ס. ד.־סעקציע האָט זיי ניט געוואָלט צולאָזען צו זיך. די ס. ר. האָבען געקעמפּט פאַר זייער רעכט צו פערבלייבען אינ'ם אינטערנאַציאָנאַל (1917).

מיט דעם אַריינטרעטען פון דעם „סערף“ און די ס. ס. אין דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט דער אידישער טעריטאָריאַליזם בעקו־מען די סאָציאַליסטישע סאַנקציע פון דער העכסטער און קאָמפּעטענטעסטער אינסטאַנץ אין די פראַגען פון דעם צווישען־פעלקער־ליכען סאָציאַליזם: פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ביורא.

6.

ווארפען מיר א בליק אויף אַלץ, וואָס מיר האָבען אויבען גע־זאָגט וועגען דער איצטיגער שטעלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, — אויף וויפיעל די שטע־לונג האָט זיך אויסגעדריקט אין די אַרבייטען פון דעם שטוטגאַר־טער קאָנגרעס, — קאָנען מיר האָפּערדיג נאָך אַ מאָל בעשטעטיגען האָס, אין וואָס מיר זענען אַלע מאָל געווען טיעף איבערצייגט: אַז אין דער איצטיגער וועלט איז נאָר דאָ איין קראַפט, וואָס נעהמט נאָהענט צום האַרצען דעם גורל פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַ־ליטעטען, וואָס סימפּאַטיזירט טיעף מיט זייער פולער און ראַדי־קאַלער בעפרייאונג, ביז צו דער עראָבערונג פון דער פולסטער פּאָליטישער אונאָבהענגיגקייט.

די קראַפט איז — דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל פון דעם אַרבייטער־קלאַס, דיזעלביגע קראַפט, וואָס האָט זיך אוועק־געשטעלט צום ציעל די פולע און אַלזייטיגע בעפרייאונג פון דער אונטערדריקטער מענשהייט.

יענע קראַפט איז נאָך ניט אַזוי מעכטיג, זי זאָל קאָנען נעה־מען אויף זיך די אויפגאַבען פון בעפרייען די אונטערדריקטע פעל־קער. אחוץ דעם מוז די נאַציאָנאַלע בעפרייאונג פון אַ פאָלק זיין קודם כל די זאַך פון דעם אונטערדריקטען פאָלק גופא.

אָבער אַז די אַלץ מעהר וואַקסענדע קראַפט איז אפילו אין דער איצטיגער צייט שוין ניט אַזוי שוואַך, אַז איהרע סימפּאַטיען זאָלען ניט שפּיעלען גאָר קיין שום ראָליע אין אויסגלייכען די שאַלען פון דער וואָג בעת די געשיכטע וועגט אָב די היסטאָרישע שיקזאַלען פון אַ פאָלק. אַט פאַר וואָס די אונטערדריקטע פעלקער האָבען ערגעץ ניט און זאָלען ערגעץ ניט זוכען קיין אַנדערע פער־

בינדעטע, אחוץ די סימפּאַטיען און די מיטהילף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט.

און זעלבסטפערשטענדליך בעשטעהען די אויפגאַבען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ביי יענע פעלקער אין דעם — אָנצוזאָפּען דאָס לעבען און דעם בעוואוסטזיין פון זייער פאָלק מיט די פּרינציפּען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם; שטרעבען דערצו, אַז זיין נאַציאָנאַלער קאַמף זאָל געפיהרט ווערן אונטער דער פאָהן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען אמת און אַז זיין טריאומף אין דעם קאַמף זאָל פערגרעסערן די שאַנסען פון אַן ענדליכען זיעג פאַר יענעם אמת.

צושריפט פון 1917. דער איצטיגער וועלטקריעג האָט געוויס זעהר פיעל געענדערט אין דער לאַגע די בעשטרעבונגען, אין דער בעדייטונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. זאָגען נביאות איז קיין מאָל ניט געווען מיין פאַך, און איך מוז מיך איצטער אָבזאָגען פון דער אויפגאַבע, אויסצופּאַנטאַזירען, וואָס עס וועט ווערן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל און ווי ער וועט זיך אין דער צוקונפט שטעלען צו דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם.

גלויבען גלויב איך, אַז ער וועט פון דעם איצטיגען קריעג ארויס ניט נאָר ניט קיין אָבגעשוואַכטער, נאָר גראַד אַ פערשטאַרקטער, ווייל די בעדייטונג פון די אַרבייטער־קלאַסען איז מאוים׳דיג אויסגעוואַקסען אין דעם קריעג און די לאַגע וועט זיי צופלירען, זיי זאָלען אויסנוצען זייער געוואַקסענע מאַכט אין פערשיעדענע האַנדלונגען.

דאָס וועט אָבער אויך פיהרען דערצו, אַז זייער שטעלונג צו דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם וועט ווערן נאָך פּאָזיטיווער און אינטימער, ווייל זייער נייע פּאָליטישע מאַכט וועט זיין דער רעזולטאַט פון זייער קלאָרען און קרעפטיגען נאַציאָנאַלזם אין די צייטען פון קריעג.

פון דעסטוועגען מוז איך אין אַ גרויסער מאָס אָבשוואַכען מיין אָפּטימיסטישע און קאַטעגאָרישע פאָדערונג, אַז די סאָציאַליס־

פישע פאַרטייען פון אַן אונטערדריקטען פאָלק, זאָלען בויען זייערע האָפענונגען נאָר אויף דער מיטהילף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט.

פאַר אַן אונטערדריקטען פאָלק, וואָס וויל באמת און מיט'ן גאַנצען הארצען קעמפען פאַר זיין זעלבסטשטענדיגקייט, איז אָפט מאָל ניטאָ קיין אַנדערע ברירה, ווי זוכען פערבינדעטע, ו ו א ג נ א ה ע ר פ א ן. דאָס האָט איצטער געלערנט דער קריעג.

הערץ דובנאָוו'ס „גייסטיגער" נאַציאָנאַליזם

העררן דובנאָוו'ס „גייסטיגער" נאַציאָנאַליזם *)

(אַ קריטישע נאָטיץ)

[ס. מ. דובנאָוו. פּיס'מאַ אָ סטאַראָם אי נאָוואָם יעווריייסט־וויע. (1897—1907) — (בריעף וועגען דעם אַלטען און דעם נייעם יודענטום) דערגענצטע אויסגאַבע. ס. פּעטערבורג, 1907. 8 און 370.]

לויט העררן דובנאָוו, זענען האַ אויף דער וועלט דריי פערשיי־דענע טיפּען פון נאַציעס: „1) דער ראַסען־טיפּ, 2) דער טעריטאָ־ריעל־פּאָליטישער אָדער דער סאָציאַל־אויטאָנאָמער, 3) דער קולטור־היסטאָרישער אָדער גייסטיגער".**) דער גייסטיגער טיפּ פון אַ נאַציע, רעכענט ער, איז „אַ העכערע שטופע אין דער עוואָליוציע פון די פעלקער איידער דער טעריטאָריעלער".***)

אַ שאָד נאָר, וואָס דער אויטאָר גיט ערגעץ ניט קיין שאַרפע דעפיניציע פון יענעם חלוק, וואָס דאַרף עקזיסטירען צווישען אַט די פערשיידענע טיפּען. אויך שטעלט ער זיך ערגעץ ניט אָב, כדי צו געבען אונז אַלע טעאָרעטישע פּרטים, פאַר וואָס מיר זאָלען דעם גייסטיגען טיפּ העכער שעצען פאַר דעם טעריטאָריעל־פּאָלי־טישען אָדער דעם סאָציאַל־אויטאָנאָמען.

פון איינינע געדאַנקען אָבער, וואָס זענען צוזעיט איבער דעם גאַנצען בוך, דערווייסען מיר זיך, וואָס אַזוינס אַ גייסטיגער טיפּ פון אַ נאַציע איז. דאָס איז אַזאַ, וואָס שטעלט זיך איין פאַר זיין עקזיסטענץ און ענטוויקעלט זיין געשיכטליכען לעבען אָהן דער הילף פון וועלכע עס איז דרויסענדיגע מיטלען, וואָס קאָנען בעוואָהרענען

*) סערפּ ב. 2. ז. 300—310 (1908).
**) ז. 1.
***) ז. 367.

די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט און די נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג.

אַזאַ נאַציע ווערט פאַרטיג מיט איהר אויפגאַבע אָהן אַ לאַנד, אָהן אַ געמיינשאַפטליכער נאַציאָנאַלער שפּראַך און אָהן פּאָליטישע אונאָבהענגיגקייט. נאָר אַ דאַנק דער קראַפט פון זיין נאַציאָנאַלען ווילען, דער קראַפט פון זיין גייסט; אַ דאַנק דער צוגעפּאַסטער ערציעהונג פון זיין יונגען דור און דער בעשטימטער אָרגאַניזאַציע פון זיין אינווענינסטען קהילה־לעבען, ברעכט דורך אַזאַ נאַציע איהר וועג אין דער געשיכטע און בלייבט טריי צו אָט דעם וועג.

אַ צווייטער סימן פון דעם גייסטיגען טיפּ, — אַ סימן, וואָס קאָן ניט אָבגעטיילט ווערן פון דעם ערשטען, — בעשטעהט אין דעם, וואָס ער, דער גייסטיגער טיפּ, טרעט ארויס ווי אַ בעוואוסטזיניגער טרעגער פון בעשטימטע אידעען־טראַדיציעס, פון בעשטימטע קולטור־אידעאַלען, וואָס צוליעב זייער דערהאַלטונג און ענטוויקלונג טהוט ער אָן אויף זיך דעם יאָך פון אַ מחוץ־טעריטאָריעלער, ריין־גייסטיגער עקזיסטענץ.

לויט דעם אויטאָר'ס מיינונג, בעשטעהט דער אמת'ער נאַציאָנאַליזם גראָד אין אַזאַ מין נאַציאָנאַל־גייסטיגער בעשאַפערישקייט, וואָס איז בעפרייט פון אַלע מיני סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

אין דער מאָדערנער מענשליכער געשיכטע געפינט זיך דערווייל נאָר איין איינציגער פאָלק, וואָס איז ארויפגעקלעטערט אויף דעם העכסטען שפּיץ באַרג פון דער נאַציאָנאַלער עוואָליוציע: דאָס אידישע פאָלק! אין זיינע „בריעף" וויל דאָ דער מחבר דערקלעהרען דעם תוך פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע, בעשטימען סיי די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס פליעסט פון איהר אַרויס, סיי די פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאָס אידישע פאָלק דאַרף אָננעהמען. דורך דער קריטיק פון די פערשיידענע שטרעמונגען אין דעם אידישען עפענטליכען געדאַנק וויל ער אויספעכטען דעם טריאומף פאַר דער אידעע פון יענעם „אמת'ען נאַציאָנאַליזם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָריגינעלען שטריך פונ'ם יודענטום"*), פון יענער „העכערער וועלט־אַנשויאונג", יע־

*) ז. 176.

נעם „גײסטיגען נאַציאָנאַליזם", װעלכען די אידענשאַפט האָט אויסגעאַרבײט אין איהר פּיעל־הונדערטיעהריגער עוואָלוציע."*)

דאָס אַלטע אידענטום האָט געקוקט אויף דאָס אידישע פאָלק, װי אויף אַ רעליגיעזער נאַציע. דאָס אַסימילאַטאָרישע אידענטום האָט געזעהען אין איהם נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע מענשען. דער אמת'ער אידישער נאַציאָנאַליזם דערנעהנטערט זיך אין דער פראַגע, לויט זײן אינעװעניגסטען מהות, צו דעם קוק פון דעם אַלטען אידענטום.

„דער שטאַנדפּונקט פון דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַסע קאָן מען", זאָגט דער מחבר, „פאָרמולירען אַזוי: די אידענשאַפט איז אַ רעליגיעזע נאַציע. איהרע מיטגליעדער זענען צוזופגעבונדען צװישען זיך דורך דער קראַפט פון דעם רעליגיעזען אימפּעראַטיװ אָדער פון דעם „שלחן־ערוך"־דיסציפּלין, און יעדער אײנער, װאָס טרעט ערנסט אַריבער די דיסציפּלין, געהט אַרויס פון דעם פאָלקס פערבאַנד. אַזאַ שטאַנדפּונקט געהט ניט להיפך, לויט זײן תוך, צו דעם בעגריף פון אַ „גײסטיגער (אָדער קולטורעלער) נאַציע": ער מאַכט נאָר אַ פעהלער, װען ער אידענטיפּיצירט די טערמינעם „גײסטיג" און „קולטורעל" מיט „רעליגיעז"."**)

דער גײסטיג־קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון דעם אידישען פאָלק דאַרף זײן אַ פאָרטזעצונג און אַ װײטערע ענטװיקעלונג (אין דעם גײסט פון אַלגעמײן־מענשליכע שטרעבונגען) פון דעם זעלביגען נאַציאָנאַליזם — דעם רעליגיעזען.

„די הויפּט־קרעפטען אונזערע", זאָגט דער מחבר, „דאַרפען אָנגעװענדט װערען אויף די פערשטאַרקונג פון יענע לעבענס־האַפטע גרונד־זײלען פון דעם אידענטום, פאַר װעלכע מיר האָבען געקעמפּט און געליטען אין אַ משך פון יאָהר־טויזענטער."***)

נעװיס באַרדערן די אינטערעסען פון דעם אַלגעמײן־מענשליכען פּראָגרעס און פון דער װײטערדיגער נאַציאָנאַלער ענטװיקעלונג, מען זאָל ס ע ק ו ל י אַ ר י ז י ר ע ן די נאַציאָנאַלע אידעע, מען זאָל אָבטײלען די נאַציאָנאַליטעט פון דער רעליגיע.

*) ד. ג.

**) ז. 15.

***) ז. 200.

אבער אַט די סעקוליאַריזאַציע דאַרף ניט פערשטאַנען ווערן אַזוי, אַז מען זאָל פּערמעל אָבלייקענען דעם יודאַאיזם און זיך אין גאַנצען אָבזאָגען פון איהם: „מיר ווילען נאָר, אַז די רעליגיע זאָל ניט הערשען און ניט, אַז זי זאָל אין גאַנצען אויסגעשלאָסען ווערן פון דער נאַציע'ס גייסטיגען קאַפּיטאַל.“*)

דער יודאַאיזם איז ניט נאָר אַ רעליגיע; ער איז אַן אַלץ־אַרומנעהמענדע וועלט־אַנשויאונג, „וואוהין עס געהען אריין עלעמענטען רעליגיעזע, עטישע, געזעלשאַפטליכע, מעסיאַנישע, פּאָליטישע, פילאָסאָפישע. די גרונד־אידעען פון דעם יודאַאיזם דאַרפען אוועקגעלעגט ווערן אויך אין דעם פונדאַמענט פון דער גייסטיג־קולטורעלער נאַציאָנאַל־אידישער אידעע. דאָס דערנעהנטערט אונז צו דעם אַלטען אידענטום, אָבער אין דערזעלבינער צייט דערווייטערט עס אויך אונז פון איהם“.

„דער חלוק צווישען אונז און די אָרטאָדאָקסען“, זאָגט הער מחבר, „בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי אָנדערקענען אַ טראַדיציאָנעלען יודאַאיזם, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פעסט געוואָרען אין זיינע פאָרמען, בעת מיר אָנדערקענען אַן עוואָלוציאָנערען יודאַאיזם, וואָס האָט בעביעטען און ביים זיינע פאָרמען, אָהן אויפהער זיך צופּאַסענדיג צו די בעדינגונגען פון אַ נייער קולטור“.**)

און אויך דאָס איז ממילא מובן, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום איז ניט קיין חוב פאַר דעם אידישען נאַציאָנאַליזם. „מען קאָן זיין אַ איד“, זאָגט ער, „לויט די נביאים אָדער לויט'ן תלמוד, לויט מאַימאָניד אָדער לויט'ן „שלחן ערוך“, לויט מענדעלסאָן אָדער לויט דעם בעל־שם, אפילו לויט ספינאָזאַ אָדער גייגער, אויב נאָר דיביידע לעצטערע וואָלטען דערגאַנגען ביז צו דעם אָנדערקענען די אידישע נאַציאָנאַלע אידעע אין איהר מאָדערנעם זין“.***)

הערן דובנאָוו'ס געדאַנק קאָן מען דעריבער פאָרמולירען אויף אַזאַ'ן אופן: דאָס אידישע פאָלק, דאָס איז אַ נאַציע, וואָס אַרביים אויס יודאַאיזם. אין דערינען

---

*) ז. 17.

**) ד. ג.

***) ז. 18.

ליענט דער זין און די בערעכטיגונג פון איהר אויסנאַמען לעבען, פון איהר קאמף פאר א בעזונדערע נאציאנאלע עקסיסטענץ.

די אויסארבייטונג פון יודאאיזם גיט ארויס אין פערשיידענע צייטען פערשיידענע פראָדוקטען, אָבער אלע זענען זיי דורכגעדרונגען מיט איין און דערזעלביגער אייגענשאַפט: זיי געהערען צום יודאאיזם אָדער, לפּחות, געהערען זיי ניט צו א וועלכער עס איז אַנדערער רעליגיעזער ספערע.

הערר דובנאָוו געהט ניט אַזוי ווייט, ער זאָל פאָרדערן, אַז יעדער איד זאָל פאָרמעל געהערען צו דער אידישער אמונה. ער פערשטעהט, אַז אין דער איצטיגער צייט דאַרף מען זיך רעכענען מיט די תביעות פון דעם פרייען געדאנק, און דעריבער מאַכט ער גאַנץ בעדייטענדע הנחות צו דער מאָדערנער „וועלטליכער“ ציוויליזאציע, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט זיין נאציאָנאַליזם א נאָמען געגעבען „גייסטיג“-קולטורעלער.

נאָר איין זאַך פאָרדערט ער: אידען זאָלען ניט אַריבערגעהן צו אַן אַנדערער גלויבען. „א איד“, זאָגט ער, „קאָן זיין רעליגיעז אַן „איזראעליט“ אקטיוו אָדער פאסיוו, רעעל אָדער נאָמינעל. ער קאָן אפילו זיין א „בלא“ אָדער „קאָנפעסיאָנסלאָז“, — אָבער זיך אָבזאָגען פון אידענטום און פאָרמעל אַריבערגעהן אין קריסטענטום איז שוין גלייך ווי ער וואָלט אין גאַנצען ארויסגעגאַנגען פון דער אידישער נאציע“.

„מחמת דער אָפיציעלער איבערגאַנג אין אַן אַנדער אמונה בעדייט פאקטיש, פאר אונזער לאַגע אין גלות, ארויסגעהן פון דער אידישער נאציע, אויב ניט פאר דעם משומד אליין, איז פאר זיין נאָכקום, וואָס וועט מוזען זיך צונויפגיעסען מיט דער ארומיגער ניט אידישער בעפעלקערונג אויך לויט דער נאציאָנאַליטעט“*).

„דער יודאאיזם“, זאָגט ער נאָך א מאָל אין אַן אַנדער אָרט, „ווי א טייל פון דער אידישער נאציאָנאַלער קולטור, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אטריבוט פון דער אידישער נאציאָנאַלער אידעע, ווי אַן עוואָליוציאָנערער פרינציפ און ניט קיין טראַדיציאָנערער. אָבזאָגען זיך פון

*) ז. 19.

איהם אין זיין בעווע־ליכער פארם איז פאקטיש גלייך צו דעם ארויסגאנג פון דער אידישער נאציאנאלער ארגאניזאציע".*)

דערפאר אבער, ווען דאס אידישע פאלק בלייבט אין דעם גבול פון דעם ברייט־פערשטאנענעם און זיך ענטוויקלענדעם יודאאיזם, וועט עס קאנען געהן אין איין טריט מיט זיין יאהרהונדערט, איבערארבייטען און אריינגעהמען אין זיך די אייראפעאישע קולטור אהן א ברעקעל נעפאהר פאר די נרונד־פרינציפען פון דעם יודאאיזם.

„מיר שטרעבען איצטער", זאגט ער, „צונויפצופארען אין איינעם די בעסערע זייטען פון דער אלגעמיינער און דער אידישער אויפקלעהרונג; מיר נעהמען אריין אין זיך די אייראפעאישע קולטור און אין דערזעלבינער צייט ווילען מיר אבהיטען אל׳ דאס בעסטע אין אונזער נאציאנאלער קולטור; מיר דערוועגען זיך צו קריטיקירען דעם יודאאיזם, אהן מורא, טאמער צושטערען מיר איהם, וויל מיר גלויבען אין דער ניט בייצוקומענער מאכט פון זיינע העכערע רעליגיעזע און עטישע אידעאלען".**)

די פערענדערטע שטעלונג צו דעם „אלטען" יודענטום אין דער פראגע וועגען דער אידישער טראדיציע, איז ביי הערן דובנאוו׳ן צונויפגעבונדען מיט א נאך מעהר ראדיקאלערע שטעלונג צו די אייבינע האפנונגען פון דעם פאלק — ווען עס איז אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות, ווען עס איז אנהויבען צו לעבען אין דעם אייגענעם לאנד.

הערר דובנאוו איז טיעף איבערצייגט, — און ער זאגט דאס אפט ארויס אין זיינע בריעף, — אז „דער גלות וועט קיין מאל ניט פערשווינדען, סיידען מען זאל אריין רעכענען אין חשבון דעם „אחרית הימים" פון דער משיח צייט".***)

דערפון ווערט ארויסגעדרונגען דער לאגיש דורכאויס קארעקטער און אויך אין דער אמת׳ען זעהר ריכטינער שלום, אז דער ציעל פון דער נאציאנאל־קולטורעלער ארבייט פאר דער איצטינער צייט דארף זיין „די אינוועניגסטע ווידערבעלעבונג פון די אידען אין

---

*) ז. 27, אונטערגעשטראכען פון אונז.

**) ז. 225.

***) ז. 320.

אלע ערטער, וואוהין די געשיכטע האָט זיי פערוואָרפען"*). מחמת „אלע צוזעיטע טיילען פון דער אידישער דיאספאָרא שטעלען מיט זיך פאָר אן איינהייטליכען אונטיילבארען פאָלק, צונויפגעבונדען דורך אלגעמיינע אינטערעסען"**).

אין דער פראגע, ווי אבצושעצען דעם גלות געהט זיך הערר דובנאָוו אויף דעם ראדיקאלסטען אופן פאנאנדער מיט כמעט אלע נאציאָנאליסטישע שטרעמונגען אין דער אלטער און דער נייער אידענשאפט. פיעל אויפמערקזאמקייט שענקט ער דער רעהאביליטירונג פון דעם גלות. און אייגענטליך קאָן דאָס אנדערש ניט זיין פאר איינעם, וואָס רעכענט דעם „גייסטיגען טיפּ פון נאציאָנאליטעט" העכער פאר'ן „טעריטאָריעלען".

דאָס הייסט ניט, אז הערר דובנאָוו שטעלט זיך דורכאויס פיינדליך צו דעם שטרעבען פון דעם ציוניזם אריבערצוטראָגען דעם צענטער פון קולטורעלע שעפּפונגען פון דעם אידישען פאָלק קיין פאלעסטינע. אבער אפילו אט דעם אם וועניגסטען „טעריטאָריאלען" און אם מעהרסטען „גייסטיגען" ציוניזם פון אחד העם'ס ארט לאָזט ער צו נאָר, ווי א ניצליכע נעבען-הילף פאר דער פונדאמענטאלער אויפגאבע — דער דערהאלטונג און דער ענטוויקלונג פון דער אידישער נאציע אין גלות גופא.

„די קראפט פון א היסטאָרישען פאקטאָר", בעהויפּטעט ער, „וועט בלייבען ניט ביי יענעם ציוניזם, וואָס לייקענט אב דעם גלות און לעבט מיט דעם פאנטאסטישען טרוים וועגען אבשאפען איהם, נאָר יענער, וואָס שטעלט זיך, אין איינעם מיט די אנדערע אויפגאבען פון דער אידישער נאציאָנאלער וויעדערבעלעבונג אין דער גאנצער וועלט, אויך דעם ציעל: בעשאפען נאָך אן אקומוליאטאָר פון אריגינעלער גייסטיגער ענערגיע אויף שפּייזען דעם גלות, וואָס קעמפט מיט אלע קרעפטען פאר זיין נאציאָנאלע עקזיסטענץ"***).

אט דער עקסיסטענץ-קאמף פון דעם אידישען פאָלק אין גלות האָט גראָד אין אונזער צייט אלע שאנסען אויף אן ערפאָלג. „דער-

---

*) ז. 111.

**) ז. 98.

***) ז. 320

האַלטען און פערפאָלקאָמענען אונזער נאַציאָנאַלען טיפּ אין דעם גייסט פון אונזער היסטאָרישער עוואָלוציע איז מעגליך מיט דער הילף פון יענע מיטלען, וועלכע די מאָדערנע קולטור גיט אַלע נאַציעס, וואָס קעמפען פאַר זייער עקסיסטענץ".*)

פיעלע שטאַאטען, וואָס בעשטעהען פון פערשיידענע פעלקער, זענען שוין לאַנג פעראינטערעסירט אין אָבהיטען די נאַציאָנאַלע רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען. די אידען, ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, דאַרפען אויך קעמפען פאַר זייערע, ניט אָוועקצו־רויבענדע נאַציאָנאַלע רעכט און זיך דערשלאָגען צו אַ פולער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

אָבער — וואָס פאַר אַן ארט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף זיך דערשלאָגען דאָס אידישע פאָלק? — הערר דובנאָוו ענט־פערט אויף דער פראַגע אין די פאָלגענדע ווערטער, וואָס זענען כולל אין זיך די קווינט־עסענץ פון יענע פראַקטישע נאַציאָנאַלע פאָרדערונגען, וועלכע ער שטעלט ארויס צו דעם מאָדערנעם שטאַאט.

„מיר מוזען פאַנאַנדערשיידען", זאָגט ער, „צוויי מינים נאַציאָנאַלע מינאָריטעטען אין אַ פערשיידענפאָלקליכען שטאַאט אָדער אַ נאַציאָנאַליטעטען־שטאַאט"; 1) אַ טעריטאָריאַלע פאָלקשאַפט, וואָס איז אַ מינאָריטעט אין דעם אַלגעמיינעם צונויפשטעל פון דער מדינה און איז אַ מאַיאָריטעט אין איהר היסטאָרישען ראַיאָן אָדער פראָווינץ (די פוילען אין דריי אימפעריעס, די טשעכען אין עסטרייך וכדומה); 2) אַ ניט־טעריטאָריאַלע פאָלקשאַפט אָדער אַ פאָלקס־תשבורת, וואָס שטעלט ניט פאָר מיט זיך קיין מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג אין דער געגעבענער פראָווינץ (אידען אין אַלע לענדער, פוילען און ליטאַ א. אַז. וו.) פאַר די נאַציעס פון דעם ערשטען טיפּ דאַרף מען האָבען די אויטאָנאָמיע אין דער פאָרם פון אַ ראַיאָננעם סיים, פאַר די נאַציעס פון דעם צווייטען טיפּ — די אויטאָנאָמיע פון קולטורעלע קהילות".**)

ליידער דערקלעהרט אונז הערר דובנאָוו ערגעץ ניט, פאַר וואָס די טעריטאָריעלע פעלקער נויטינען זיך אין אַ סיים און פאַר וואָס

*) ז. 110.
**) ז. 83.

די עקסטעריטאָריעלע זאָלען קאָנען אויסקומען מיט דער אויטאָנאָמיע פון קולטורעלע קהילות. אין פלוג, דאַרף אויסקומען פונקט פערקעהרט. א טעריטאָריעלע פאָלקשאַפט, וואָס קאָן, אין איהר קאַמף פאַר עקסיסטענץ, זיך שטיצען אויף אַזעלכע מעכטיגע דערהאַלטונגס־פאַקטאָרען, ווי אַן אייגענע טעריטאָריע און אַן אייגענע שפּראַך, וואָלטען אויף דעם עקסטען פאַל געקאָנט אויסקומען לגמרי אָהן א צענטראַלען סיים, ווי באַלד זיי האָבען נאָר אין זייער ראַיאָן אויטאָנאָמע קהלות.

צוריק די נאַציעס פון דעם צווייטען טיפּ, גראָד דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט קיין אייגענע לאַנד און קיין אייגענע שפּראַך (הערר דובנאָוו ווייזט מעהרמאָל אָן, אַז אידען פעהלט די שפּראַכליכע איינהייט), — אַזוינע פעלקער נויטיגען זיך אויף דעם העכסטען גראַד אין א צענטראַלען, פעראייניגענדען אָרגאַן פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און קאָנען זיך בשום אופן ניט בענוגענען בלויז מיט די אָרגאַנען פון אַ קהילה־זעלבסט־פערוואַלטונג. דעריבער וואָלט הערר דובנאָוו, אפילו בלייבענדיג אין דעם גבול פון זיין „גייסטיגען“ נאַציאָנאַליזם, געדאַרפט פאָסטולירען פאַר זיי אַ קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין דער פאָרם פון א סיים.

פאַקטיש טהוט ער עס טאַקי. אין זיין פּלאַן, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען דאָס אידישע פאָלק אין גלות, נעהמט ער אָן, א חוץ דער אידישער נאַציאָנאַלער קהילה, אויך דעם „ועד“, ד. ה. אין תוך אריין א „ס י י ם“ מיט גאַנץ ברייטע פולמאַכטען און פונקציעס. אין זייער צאָהל געהט אריין ניט נאָר זאָרגען וועגען אינסטיטוציעס, וואָס האַלטען אויף די נאַציאָנאַלע קולטור, נאָר אויך איינווירקען אויף דאָס עקאָנאָמישע לעבען, כדי אויפצוהויבען די מדרגה פון דעם פאָלקס וואוילשטאַנד, אויפמונטערן קאָאָפּעראַציעס, פּראָפעסיאָנעלע פערזיינען, רעגולירען די עמיגראַציע און דערגלייכען.*)

דער שוואַר־פּונקט פון הערן דובנאָוו׳ס בעטראַכטונגען ליעגט אָבער ניט דערין, אין וועלכער פ אָ ר ם דאָס אידישע פאָלק דאַרף האָבען זיין אויטאָנאָמיע, און די קליינע אינקאָנסעקווענץ אין דער פערענטפערונג פון אָט דער פראַגע, — ווי אויך אין נאָך

*) ז. 315.

אַנדערע פֿראַגען, — שטערט להלוטין ניט דער אויסגעהאַלטענקייט און צוגויפּגעשטימטקייט פון זיינע גרונד־פרינציפּען.

די אָביעקטיוו־רעכטליכע בעדינגונגען פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זענען ווענינ אויף צו דערהאַלטען אַ „גייסטיג־קולטור־רעלע" נאַציאָנאַליטעט, אַ נאַציע פון אַ „העכערען טיפּ". דאָס פעהלען פון נאַטירליכע דערהאַלטונגס־פאַקטאָרען שאַפט ניט אָב די געפאַהר אויך פאַר דער נאַציע פון אַזאַ טיפּ, זי זאָל אונטער־פאַלען אונטער דער אַסימילירענדער ווירקונג פון דער אַרומיגער סביבה. עס איז פאַר איהר נויטינ שטענדיג צו שטעהן אויף דער וואַך. זי מוז פערשטאַרקערען די „אינוועניגסטע שומרים", כדי דורך דעם אויסצוגלייכען דעם שאַדען פון די פעהלענדע „דרויסענ־דינע אָבהיטערס פון דעם נאַציאָנאַלען טיפּ". זי מוז אַנשטרענגען איהר נאַציאָנאַלען ווילען צו אַן אויטאָנאָם־קולטורעלער ענטוויקלונג, ענערגיש אָבשטויסען די אַסימילירענדע ווירקונג פון דער אַרומיגער סביבה, — אַ פּראָצעס, וואָס איז בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק אין גלות".*)

„דער נאַציאָנאַלער ווילען", זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט, „דער ווילען צום לעבען פון אַ קאָלעקטיווער פערזענליכקייט, אַ רעזול־טאַט סיי פון דער בירושה אָנגעזאַמעלטער ענערגיע, סיי פון די אימפּולסען, וועלכע מיר בעקומען אין דער ערציעהונג, — אַט אין וואָס עס ליענט אונזער לעבענס קראַפט. די אַנשטרענגונג פון אַט דעם נאַציאָנאַלען ווילען דאַרף זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו דער סכנה פון דער „אינוועניגסטער עראָבערונג" (ד. ה. דער אַסימילאַ־ציע. — ח. זש.). כדי אָבער צו שפּייזען אַט דעם סוביעקטיווען ווילענס־פאַקטאָר, מוז מען אין אַלע לעבענס־צווייגען אויפהאַלטען אונזער היסטאָרישע עוואָלוציע, כדי ניט אָבצורייסען די יונגע צווייגען פון דעם אַלטען שטאַם; מען מוז פערשטאַרקען די נאַציאָ־נאַלע עלעמענטען אין דער ערציעהונג, פערטיידיגען אונזער אויטאָ־נאָמיע פון דער קהילה און אין אַ נאָרמאַלען שטאַאט פיהרען אַן אַקטיווע פּאָליטיק"**).

*) ז. II.

**) ז. 327.

די נאַציאָנאַליסטען, וואָס ווייסען, אַז אין גלות האַלטען מיר זיך נאָר אַ דאַנק דעם אָנגעשטרענגטען נאַציאָנאַלען ווילען, „וועלען שטרעבען שטענדיג שטאַרקער מאַכען יענעם ווילען, דערנעהרען איהם מיט דער געזונדער שפּייז פון אונזער מעכטיגער, יאָהרהונדערטען אַלטער קולטור, וואָס שאַפט אין זיך איבער אַלע עלעמענטען פון דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור, און לאָזען איהם“ (דעם נאַציאָנאַלען ווילען) „אַרויסווייזען זיך אין אַ סואווערענער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס פאַר איהר בעפעהל דאַרפען זיך בויגען אַלע קלאַסען־אינטערעסען, אַלע פּאַרטיי־ און גרופען־אינטערעסען. . . אָט די סואווערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז דער דירעקטער אויסדרוק פון דעם פאָלקס סואווערעניטעט, פון זיין נאַציאָנאַלען ווילען, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אין דעם גאַנצען גאַנג פון אונזער געשיכטע. די סואווערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז אַ סוראָגאַט אנשטאָט דער טעריטאָריאַלער איינהייט אין גלות, וועלכער שטעלט זיך אַנטגעגען דער דרויענדער געפאַהר פון דער „אינוועניגסטער עראָבערונג“. די אַנדערע פעלקער, אפילו די אונטערדריקטע, נאָר וואָס זענען פעראייניגט דורך אַ טעריטאָריע און אַ געמיינשאַפטליכער שפּראַך, נויטיגען זיך ניט אַזוי אין יענעם סוראָגאַט, אָדער נויטיגען זיך נאָר אין די מאָמענטען פון געפעהרליכע קריזיסען. פאַר די הערשענדע פעלקער איז „די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק“ אַ שמאַכפולער כלי־זיין צו אונטערדריקען די אָבהענגיגע נאַציעס; פאַר דער אידענשאַפט אָבער האָט דער לאָזונג אַ גאַנץ אַנדער זין, אַן אַנדער אינהאַלט: דאָס איז דער איינהייטס־סימבאָל פון דעם צושטרעיטען פאָלק, דער סימבאָל פון קולטורעלען און גייסטיגען זעלבסט־שוץ; דאָס איז — דער עהרליכער וועג פון קאַמף פאַר דער איינענער פאָלקס אינדיווידואַליטעט, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט אַרומגעצאַמט, אַ חוץ די גייסטיגע פאַקטאָרען און דעם אינוועניג־אויטאָנאָמען סדר פון לעבען“.*)

דעם מחבר׳ס גרונד־שטאַנדפּונקט, וואָס זאָגט, אַז דער תוך פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט בעשטעהט אין דעם בעשאַפען אַן איינענע „גייסטיגע“ קולטור, פיהרט צו דעם רעזולטאַט, אַז

*) ז. 336.

דער בעוואוסטזיניגער נאַציאָנאַלער ווילען צום לעבען אין גלות מוז אָנגעווענדט ווערן הויפּטזעכליך אָדער נאָר אין גאַנצען אויף די בעפריעדיגונג פון דעם פאָלק'ס גייסטיג־קולטורעלע בעדערפניסען און ניט אויף די בעפריעדיגונג פון זיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויטען.

דער פּאַלעסטינישער בעוועגונג מאַכט דער מחבר פאָרוואורפען דערפאַר, וואָס זי האָט געשטרעבט צו פערענטפערן ניט אזוי די נאַציאָנאַל־קולטורעלע, ווי די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראַגע",*) און אויף די ציוניסטען, וואָס האָבען זיך ניט געקאָנט דערהויבען צו די הויכען פון דעם גייסטיג־קולטורעלען נאַציאָנאַליזם, קוקט ער ווי אויף די „בני־נח" („יאַזיטשניקי") פון דער נאַציאָנאַלער אידעע".**) הערן דובנאָוו'ס גייסטיג־קולטורעלער נאַציאָנאַליזם זאָגט זיך אָב, אריינצוטראָגען וועלכע עס איז נייע ענטפערס אויף דעם פעלד פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען לעבען פון דעם אידישען פאָלק.

די פראַגע, פ ו ן   ו ו אָ ס לעבט דאָס אידישע פאָלק, ווי לעבט ער, צי איז נאָרמאַל די גאַנצע אטמאָספערע פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישען לעבען, ווי שפּיגעלט זי זיך אָב אין אַלע זייטען פון זיין לעבענס־פירה, אין אַלע שיכות'ען צו די ארומיגע פעלקער אין גלות, אין די בעציהונגען פון די אַרומיגע פעלקער צו איהם, — אַלע די און נאָך פיעלע אַנדערע ברענענדע פראַגען פון דער אידישער מאַטעריעלער ווירקליכקייט פערשווינדען לגמרי, — און מוזען לאַגיש לגמרי פערשווינדען פון דעם גייסטיגען אויג פון דעם גייסטיג־קולטורעלען נאַציאָנאַליזם.

צווישען איבער פערשיידענע לענדער אין גלות, אָהן אַ א י י ג ע נ ע ם באָדען אונטער די פיס, דאַרף דאָס אידישע פאָלק זיך נאַטירליך אָבזאָגען פון אַ וועלכער עס איז זעלבסטשטענדיגקייט אין די וויכטיגסטע לעבענס־פראַגען: אין דעם ענין פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ער מוז זיך אויסאיינען מיט דעם געדאַנק, אז „די סאָציאַל־עקאָנאָמישע צרות זענען אויסגעפאַלען אויף דעם גורל אויך פון אַ סך טעריטאָריאַלע פעלקער און אין

*) ז. 175.
**) ז. 158.

־עם געגעבענעם פאַל בלייבט פאַר אונז נאָר צו וואַרטען אויף אַ
דערלייכטערונג פון יענעם קאַמף פאַר אַ נייעם פּאָליטישען און
סאָציאַלען סדר, אין וועלכען אויך די אידען מוזען נעהמען אַן אַקטי־
ווען אַנטייל צוגלייך מיט אַלע פעלקער, די אידען נאָך דערצו —
ווי דער העכסט געקריוודעטער מיטגליעד פון דער אינטערנאַציאָנאַ־
נאַלער משפחה.*)

אָבער — אויף דעם באָדען פון וועלכער פּלאַטפאָרם, פון
וועלכען סאָציאַל־עקאָנאָמישען פּראָגראַם, דאַרפען די אידען, זיין
אייניג מיט די אַנדערע, קעמפען פאַר אַ נייעם פּאָליטישען און סאָ־
ציאַלען סדר?

פון דעם מחבר'ס גאַנצער טעאָרעטישער קאָנצעפּציע, וואָס
שטרעבט צו פעראייניגען דעם ווילען פון דער גאַנצער נאַציע אויף
דעם קאַמף פאַר אַ ריין־גייסטיגע עקסיסטענץ, פּליעסט קודם־כל
אַרויס יענער רעזולטאַט, אַז אַ סאָציאַל־פּאָליטישער פּראָגראַם, וואָס
נעהמט אַן דעם קלאַסען־קאַמף פון אַרבייט
אַנטגעגען קאַפּיטאַל פאַר דעם גרונד־פּרינציפּ פון
זיין טאַקטיק, איז אַן אומגליק פאַר די געשיכטליכע שיקזאַלען פון
דעם גייסטיג־קולטורעלען אידענטום.

„אַנשטאַט דער פּאָליטיק פון אַלגעמיינע פאָלקס־אינטערעסען,
וואָס שטעהען אין דער העכסטער געפאַהר", — בייזערט זיך הערר
דובנאָוו, — „שלעפּט מען אונז אויף דעם וועג פון קלאַסען־פּאָלי־
טיק, וואָס שפּאַלט פאַנאַנדער יענע אַלגעמיינע אינטערעסען און
שטעלט אוועק אויף זייער אָרט פּריוואַטע אינטערעסען, עקאָנאָ־
מישע! דער קריעגס־געשריי: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער
פעראייניגט אייך!" הערט מען פון אידישע לעפּצען אין יענעם
מאָמענט, ווען די רעטונג פון פאָלק פאָדערט, מען זאָל אָהן אַן
אויפהער שרייען: „אידען פון אַלע קלאַסען און פּאַרטייען, פעראיי־
ניגט אייך!"**)

„ווען די פּאָליטיק פון קלאַסען־צושיידונג", זאָגט ער ווייטער,
„פיהרט די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי פון אַ פאָלק, וואָס איז פער־

*) ז. 175.
**) ז. 307.

איינינגט נאָר אין זיינע קולטור־נאַציאָנאַלע אינטערעסען און וואָס שטעהט אויף יעדען שריט אין דער סכנה איינגעשלונגען צו ווערן פון די אַרומיגע פעלקער, איז דאָס שוין ניט קיין פעהלער, ניט קיין איינזייטיגקייט, נאָר אַ פערברעך, ווייל דאָס פיהרט צו דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער נאַציע".*)

אַ נאַציע פון דעם העכערען, ד. ה. דעם גייסטיג־קולטורעלען טיפּ, דאַרף פיהרען ניט קיין קלאַסען־פּאָליטיק, נאָר אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק.

„אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, ד. ה. אַזאַ, וואָס האָט צו איהר ציעל אַרום צאַמען דעם פאָלק'ס גאַנצקייט און די זעלבסטשטענדיגקייט פון זיין קולטורעלער ענטוויקעלונג", — זאָגט ער, — „איז דער העכסטער קריטעריום אומעטום, וואו יענע גאַנצקייט און אינוועבינסטע פרייהייט שטעהט אין געפאַהר. די אידישע נאַציע אין גלות, אָהן לאַנד און צוברעקעלט, אומעטום מיט אַ סך מעהר פיינד (בעוואוסטזיניגע אָדער סטיכישע) איידער פריינד און, מחמת זיין לאַגע, אונטערגעוואָרפען דעם אסימילירענדען איינפלוס פון פרעמדע קולטורען — געפינט זיך אין דעם אויבען אָנגעצייגטען פּרט אין דעם צושטאַנד פון אַ פערמאַנענטער געפאַהר. ממילא מוז פאַר דער אידענשאַפט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק שטענדיג זיין דער העכסטער קריטעריום פאַר אַלע פּאַרטייען און קלאַסען, וואָס נעהמען ניט אָן דעם פּרינציפּ פון „צונויפמישונג" אָדער פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פערלייקענונג. אין דעם פאָלק קאָנען און זאָלען עקסיסטירען פערשיידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע, גייסטיגע און קלאַסען־גרופּען, אָבער זיי אַלע מוזען זיך אונטערוואַרפען דער העכסטער פיהרערשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. די פאָרמעל "סאַליוס פּאָפּולי סופּרעמאַ ליעקס" קאָן אויף דער אידענשאַפט אָנגעווענדט ווערן אות באות: דאָס העכסטע געזעץ אָדער קריטעריום איז גראָד די „רעטונג" (די אומבעשעדליכקייט) פון דעם פאָלק, וועמעס גאַנצער וועג אין גלות איז בעזעיט מיט געפאַהרען".

„די גאַנצע אידישע געשיכטע אין גלות איז די געשיכטע פון אַן ניט־איבערגעריסענעם פערטיידיגונגס־קריעג, וועלכען די נאַציע

---

*) ז. 308.

האט געפיהרט פאר איהר עקסיסטענץ, ווי א נאציע, פאר איהר אינווענינגסטער אײנהײט און אויטאנאמיע, בײ דער דרויסענדיגער פאליטישער און טעריטאריאלער צוברעקעלטקײט. אין דערינען בעשטעהט דער טראגיזם און דער הויכער העראאיזם פון אונזער געשיכטע: דער טראגיזם פון א שטענדיגען קריעגס־צושטאנד, וואס פארדערט פון דער נאציע די אנשטרענגונג פון אלע איהרע כחות פאר׳ן זעלבסטשוץ און דער העראאיזם פון בײקומען די גרעסטע שטערונגען אין א משך פון צוויי טויזענד יאהר“.

„שאפט אב אדער מאכט בעדײטענד שוואכער אט די אנשטרענגונג פון דער נאציאנאלער פערטײדיגונגס־ענערגיע — און די אידענשאפט ווערט זיך פלוצלונג געפינען אין דעם פאנטעאן פון די געשטארבענע פעלקערשאפטען אדער היסטארישע מומיעס. אבער צו אזא רעזולטאט ווערט מען קומען, ווען מען זאל די נאציאנאלע אדער אלגעמײן־פאלקליכע (איבער־קלאסען־) פאליטיק פערבײטען אויף אן אנדער העכערען אדער גלײכווערטיגען קריטעריום, ווי צום בײשפיעל די קלאסען־פאליטיק“.*)

אבער אויב די פראגראמען, וואס רוהען אויף דעם פרינציפ פון קלאסען־קאמף דארפען פעריאגט ווערן פון דער אידישער נאציאנאלער פאליטיק, איז יעמאלט — „וואס זאל אין דעם איצטיגען מאמענט זײן יענע פאליטישע פלאטפארם, אויף וועלכער די מעהרהײט פון די אקטיווע קרעפטען אין דער אידענשאפט וואלטען געקאנט, נעהמענדיג אנטײל אין דער אלגעמײנער מלוכה־טהעטיגקײט, — א רעוואלוציאנערער און אויפקומענדער, — סיסטעמאטיש פיהרען זײער פאלקס־פאליטיק?“**)

עס איז פאר דעם לעזער ניט שווער צו טרעפען דעם ענטפער, וואס הערר דובנאוו גיט אויף דער שאלה.

„דאס איז“, — ענטפערט ער, — „די פלאטפארם פון דער פאליטישער דעמאקראטיע אדער, פינקטליכער, יענער קאנסטיטוציאנעל־דעמאקראטישער פארטײ, צו וועלכער עס שטעהען צו אלע

*) ז. 322—323.

**) ז. 308—309.

געזונטע, פאליטיש־רייפע עלעמענטען פון דער רוסישער געזעלשאפט." *)

אויף אזא'ן אופן איז דער לאגישער אבשלוס, די קרוין פון העררן דובנאוו'ס „גייסטיג־קולטורעל־נאציאנאלען" בנין ניט קיין אנדער זאך ווי דער נאציאנאל־אידישער קאדעטיזם מיט אן „עוואלוציאנער־יודאאיסטישען" אונטערשלאג.

אט דאס איז אין אלגעמיינע שטריכען דער תוך פון העררן דובנאוו'ס לעהרע. מיר ווייסען ניט, צי זי פערדיענט, מען זאל זי איבערגעבען אין אלע איהרע פרטים, דערקלערען זי און קריטיקירען זי. מיר ווילען זיך דא בענוגענען נאר מיט א פאר בעמערקונגען. פיעלע רעכענען הערר'ן דובנאוו'ן פאר דעם פאטער פון דעם אידישען „אווטאנאמיזם", דעם בעשאפער פון יענער נאציאנאלער טעאריע, וואס זאגט, אז דאס אידישע פאלק איז אויף אייביג פער'משפט צו לעבען אין גלות, און דארף דא, אין די גלות־לענדער, דערשלאגען זיך צו נאציאנאלע רעכט, איינשטעלען זיך פאר זיין נאציאנאלער קולטור און ענטוויקלען זי.

אין איינעם פון העררן זש.'ס**) ארטיקלען האבען מיר געפונען א דירעקטען אנווייז, אז דער נאציאנאלער פראגראם פון דעם „בונד" איז בעשאפען געווארען אונטער דעם איינפלוס פון העררן דובנאוו'ס „בריעף".

דאס איז ניט ריכטיג. די אידעע פון א זעלבסטשטענדיגער נאציאנאלער עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאלק אין די גלות־לענדער איז אויסגעוואקסען אונטער דעם איינפלוס פון דעם סאציאליסטישען געדאנק אין די מיטלערע אכציגער יאהרען, ווי א סינטעז פון דעם ציוניזם, וואס האט געקעמפט פאר דער נאציאנאלער ווידערבעלעבונג פון דעם אידישען פאלק, און דעם צווישען־פעלקערליכען סאציאליזם, וועלכען מען האט פאר דעם אידישען פאלק פערשטאנען א ביסעל צופיעל אות באות: אין דער פארם פון א זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ „צווישען די פעלקער".

---

*) דארטען גופא.

**) וו. זשאבאטינסקי'ס. (1916.)

אַרבייטען, אמת ניט צאָהלרייכע, אָבער דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון יענעם נאַציאָנאַליזם, זענען ערשיענען אין דעם סוף אַכציגער און דעם אָנהויב נייענציגער יאָהרען*).

אין 1896, הייסט עס, מיט א יאָהר פריהער, איידער עס זענען ערשיענען הערץ דובנאָוו'ס בריעף, איז צו די אנשויאונגען פון דעם „גלות־נאַציאָנאַליזם" צוגעשטאַנען די יעמאָלט'דיגע רעדאַקציע פון דעם אויסלענדישען בונדיסטישען אָרגאַן „דער אידישער אַרבייטער". דער זעקסטער נומער פון אָט דעם צענטראַל־אָרגאַן איז אינגאַנצען געווען דורכגעדרונגען מיט די גרונד־אידעען פון דעם „אויטאָנאָמיזם". אין דעמזעלביגען נומער האָט דער בונדיסטישער נאַציאָנאַליזם זיך געפּרואווט טעאָרעטיש שאַרף אָבגרעניצען פון דעם ציוניזם. ער פיהרט דאָרטען דורך דעם געדאַנק, אַז פאַר דעם נייעם נאַציאָנאַליזם, אין זיין אונטערשייד פון דעם אַלטען, איז דער ענטשיידענער פּרינציפּ ניט דאָס פאָטערלאַנד, ניט די טעריטאָריע, נאָר די זעלבסטשטענדיגע קולטור פון דעם פאָלק**).

נאָר אויב די טעאָרעטיקער, וואָס האָבען יעמאָלט זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם „בונד", קאָנען מיט א געוויסען רעכט פּרעטענדירען אויף דעם נאָמען די „פאָטערס" פון דעם קולטורעלען נאַציאָנאַליזם, אין זיין אונטערשייד פון דעם טעריטאָריעלען, וועלען זיי אין דער פראַגע וועגען דעם גייסטיגען נאַציאָנאַליזם זעהר גערן איבערלאָזען הערץ דובנאָוו'ן ניט נאָר די ערשטלינגס־פּאַלמע, נאָר אויך א פּאַטענט אויף אַליין־בעזיץ.

אין דער קולטור־נאַציאָנאַלער קאָנצעפּציע פון די „בונדיסטען"

---

*) איך וויל מיך דאָ בערופען אויף מיינע „מיסלי אָב איסטאָרישעסקיך סוד'באַך יעווריסטוואַ" פון 1887 און „יעווריי ק' יעווריאַך" פון 1892. (1916.)

**) בנוגע דעם „אידישען אַרבייטער" האָב איך געמאַכט אַ שטיקעל טעות. דער זעקסטער נומער איז אַרויס ניט אין 1906, נאָר אין 1908. אָבער אַזוי ווי די אַרטיקלען, וועגען וועלכע איך רעד דאָ, זענען געווען געשריעבען פון מיר, (אונטער דעם פּסעוודאָנים „בן־אהוד"), בלייבט מעהר גאָר נישט צו פערריכטען אין טעקסט. און בכלל קאָן מען היסטאָריש בעווייזען, אַז דעם „בונד'ס" אויטאָנאָמיזם האָט געשטאַמט פון אַ סאָציאַליסטישען מקור און האָט גאָר ניט צו פערדאַנקען הערץ דובנאָוו'ס טעאָריען. (1916.)

און די „בונדיזירענדע“ איז נים אריין אפילו קיין שאָטען פון יענעם „גייסטיגען“ נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך ביי הערן דובנאָוו׳ן קאַניש צונויפגעבונדען מיט דעם יודאאיזם, קאַרעטיזם און דער אַבלייקענונג פון דעם קלאַסען־קאַמפף. האַרטען איז קיין רעד ניט געווען וועגען דעם, אַז דאָס פאָלק איז מחויב אָבצוהיטען און צו ענטוויקלען די אָדער יענע רעליגיעזע, פילאָסאָפישע אָדער אפילו סאָציאַל־עטישע „טראַדיציעס“, די אָדער יענע זיילען פון א „פיעל־הונדערט־יעהריגער קולטור“.

איינגעגלויבטע אָנהענגער פון דעם פרינציפּ פון דער פרייער פערזענליכקייט און דעם פרייען קריטישען געדאַנק, האָבען זיי געוואָלט אויסקעמפען פאַר זייער פאָלק אַזעלכע פאָרמען פון דעם נאַציאָנאַלען לעבען אין גלות, וואָס זאָלען גאַראַנטירען יעדען יחיד די מעגליכקייט צו בלייבען אין דעם גבול פון זיין פאָלק און דעם פאָלק די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיין נאַציאָנאַליטעט, אפילו אויך יעמאָלט, ווען זיי ביידען, סיי דעם יחיד, סיי דעם פאָלק, וואָלט אויסגעקומען אַרויס צו וואַרפען איבער׳ן באָרט, — ווייל ער האָט אויפגעהערט צו טויגען, — דעם גאַנצען (אות באות: ד עם ג אַ נ־צ ע ן) גייסטיגען באַגאַזש, וועלכען אונזער פאָלק האָט געשלעפּט מיט זיך אין א משך פון יאָהרהונדערטען: דעם ג אַ נ צ ע ן י ו ד אַ־א י ז ם, מיט זיין גאַנצער רעליגיע, פילאָסאָפיע און מאָראַל.

דאָס הייסט ניט, אַז זיי האָבען זיך פרינציפּיעל און לגמרי נעגאַטיוו בעצויגען צו יענער גאַנצער קולטורעלער ירושה, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון דעם אידישען פאָלק. דער שרייבער פון די ציילען, וואָס האָט זיך בעטייליגט אין אויסאַרבייטען די טעאָריע פון׳ם קולטורעלען נאַציאָנאַליזם, איז שוין אויך יעמאָלט געווען איבערצייגט, — און איז עד היום געבליבען ביי זיין איבערצייגונג, — אַז ניט אַלץ איז צופוילט אין די אַלטע אוצרות פון אונזער פאָלק. ער גלויבט, אַז א קריטישע דורכמוסטערונג פון אונזער קולטורעלער ירושה וועט אַרויסברענגען אומגעהויערע אוצרות פון אַזוינע גייסטיגע רייכטימער, וואָס ניט נאָר וועלען מיר זיך ניט דאַרפען שעהמען פאַר זיי, נאָר וואָס וועלען אַרויפלעגען א חוב אויף אונזער אינטעליגענץ, פיינאַנדעראַרבייטען זיי און מאַכען זיי פאַר דעם איינענטום בון דער גאַנצער מענשהייט.

אָבער אויך פאַר אונז וועט זייער ווערטה בעשטעהן ניט אין דעם, וואָס זיי זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען פון אונזערע אבות, נאָר אין יענע טיפע אַלגעמיין־מענשליכע יסודות, וואָס געפינען זיך אין זיי. פאַר אונז זענען יענע אוצרות ענג צונויפגעוועבט מיט געוויסע שאַטירונגען פון אונזער ריין אידישער פסיכיק. אָבער זיי קאָנען גאַנץ זיכער אַריבערגענאָמען ווערן אין אַנדערע נאַציאָנאַלע פורעמס און ווערן אַ טייל פון דער זיך ענטוויקלענדער מענשליכער קולטור.

פון דעסטוועגען, ווי רויזענפאַרביג מיר זאָלען ניט קוקען אויף דעם ווערטה פון געוויסע עלעמענטען אין דעם אַלט־אידישען שאַפען, קאָנען מיר זיי קיינעם ניט אָנהענגען, ניט נאָר ניט דער מענשהייט, נאָר אפילו ניט דעם אייגענעם פאָלק. זייער טריאומף אין דעם קאַמף פון מענשליכע געדאַנקען קאָן און זאָל, אפילו ביי דעם אידישען פאָלק, דערגרייכט ווערן נאָר אויף איין איינציגען אופן: דורך דעם קאַמף פון אידעען.

און אפילו יעמאָלט, ווען זיי זאָלען האָבען געזיעגט, טאָהרען זיי ניט ווערן קיין צענז, וואָס בעשטימט די צוגעהעריגקייט צו דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. די דאָזיגע צוגעהעריגקייט דאַרף אויך ביי אונז זיין, ווי ביי אַלע פעלקער, לחלוטין אומאָבהענגיג פון וועלכע עס איז מיינונגען און גלויבונגען.

מען קאָן זיין אַ איד ניט נאָר „לויט דעם בעל־שם אָדער לויט ספינאָזאַ". מען קאָן זיין אַ איד אויך לויט ישו, דעם קריסט. איך קאָן זיין אַן אָנהענגער פון דעם „מיסטישען עראָטיזם", לאָמיר זאָגען, לויט שבתי־צבי, אָבער אויב אין דעם פונקט געפעלט מיר בעסער הערר וויאַטשעסלאַוו איוואַנאָוו, הער איך דערפון ניט אויף צו זיין אַ איד.

אַלע שאַטירונגען פון דעם פילאָסאָפישען, רעליגיעזען און סאָציאַל־פּאָליטישען געדאַנק, די גאַנצע גאַמע פון דעם מענשליכען אמת־זוכען און פון מענשליכע פעראירונגען טאָהרען ניט אויסגעשלאָסען ווערן פון דער אידישער בעשאַפונגס־ספערע. אַזאַ אָדער אַן אַנדער געדאַנקען־קרייז, וואָס זאָל זיין אָבליגאַטאָריש פאַר דעם אידישען פאָלק, וועט, ווי ברייט ער זאָל ניט זיין, אומבעדינגט

בעשאַפען אַ ווייטע ספערע פון פ ע ר ב אָ ט ע נ ע ג ע ד א נ ־ ק ע ן ־ פ ר ו כ ט ע ן, וואָס ליגען דרויסען פון איהם. און מיט דעם וואָלט געמוזט געהן האנד אין האנד אַן אינקוויזיטאָריש גראָ־בען זיך אין דעם אנדערנ'ס געוויסען, אַן אומגעזעצליך אריין רייַ־סען זיך פון דער נאציע אין די העכסט אינטימע עולמות פון דעם יחיד'ס לעבען.

אַן אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג, ווען אפילו זי וואָלט בעשטאַנען נאָר אין דעם, מען זאָל ניט צולאָזען קיין אַנשויאונגען, וואָס זענען „שעדליך" פאר'ן פאָלק, וואָלט אויפגעהאלטען און פער־איבינגט דעם אנטאַגאָניזם צווישען די אָפיציעלע אַנשויאונגען פון דעם פאָלק און די פרייהייטליעבענדע שטרעבונגען פון דעם יחיד, — אַן אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט ביז אהער כמעט אומעטום געהערשט אין דער אידישער געשיכטע און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איהר העכסט טראַגישע און אם ווענינסטען סימפּאַטישע זייט.

די אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויאונג וואָלט בלי־ספק פער־משפט דאָס פאָלק צו אַ שטיל־שטאַנד אָדער אפילו צו אַ גייסטיגען רעגרעס, ווען עס זאָל זיך ארויסווייזען, אַז דער פּראָגרעס פון דעם אַלגעמיין־מענשליכען געדאַנק געהט ניט נאָר להיפך צו די אָדער יענע פאָרמען און ערשיינונגען פון יענער וועלט־אַנשויאונג, נאָר איז אַבסאָלוט פיינדליך צו זיינע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען.

אַזאַ אָדער אַן אַנדערער ארויפגעצוואונגענער געדאַנקען־גאַנג, אפילו דער אָדער יענער קרייז פון גייסטיגע אינטערעסען, וואָס זאָל לכתחילה דיקטירט ווערן דעם פאָלק, וועט אומפערמיידליך מוזען פיהרען דערצו, אַז די מעהר רעוואָלוציאָנערע פערזענליכ־קייטען, די וואָס נעהען זיך אָם ראַדיקאַלסטען פאַנאַנדער מיט זייער סביבה, וועלען זיין געצוואונגען צו פ ע ר ל אָ ז ע ן דאָס אייגענע פאָלק און זעהען צושטעהן צו אַנדערע, פרייערע פעלקער און קולטורען.

יענע פערזענליכקייטען זענען אָבער גראָד דער פערמענט, וואָס לאָזט ניט רוהען דעם קולטורעלען פּראָגרעס. זיי דריקען אויס אַלע יענע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּען, וואָס זענען אַנגעוואַקסען אין אַלע צווייגען פון דעם פאָלקס־לעבען. געהען זיי אוועק, יעמאָלט וועלען בלייבען אין דער היים, ווי טרייע קינדער, נאָר די צרה'דיגע

בינוני׳ס מיט דעם ענגען, פיליסטערישען האָריזאָנט פאַר זייערע געדאַנקען און געפיהלען.

די גאַנצע געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק בעווייזט די ריכטיגקייט פון דעם נאָר וואָס געזאָגטען און שטעלט גענוג קלאָר ארויס אַט די ה ו י פ ט־צ ר ה פון דעם אידישען לעבען אין גלות.

הערן דובנאָוו׳ס פּראָגראַם שאַפט ניט אָב די צרה. ער בע־פרייט ניט דעם אידישען געדאַנק פון יענע נעצען און קעטען, וועל־כע די אידישע נאַציע האָט אַרויפגעלעגט אויף איהם, דעם געדאַנ־קען, מיין איך, אין די אינטערעסען פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־דערהאַלטונג. הערר דובנאָוו שטרעבט נאָר צו בעגילדען יענע קעי־טען, מאַכען זיי לייכטער, ניט אַזוי שניידענד און צוגעבען זיי דעם אויסזעהען פון נאַציאָנאַלע „בראַסלעטען", וועלכע יעדער איד זאָל דאַרפען טראָגען מיט שטאָלץ.

דער קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון די „בונדיזירענדע" איז ניט געוועזען שולדיג אין אַזעלכע גרייזען. אונז האָט זיך געדוכט, אז מען קאָן אין גלות גופא דערשלאָגען זיך צו גאַנץ נאָרמאַלע בעדינגונגען פאַר דער ענטוויקעלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט.

מען דאַרף נאָר אויסקעמפען נאַציאָנאַלע רעכט פאַר דעם אידישען פאָלק, מען דאַרף נאָר דורך פאַסיגע ריין־אידישע ערציע־הונגס־און קולטור־אַנשטאַלטען אויפהעיבען די גערעדטע אידישע שפּראַך (דעם אַזוי אָנגערופענעם זשאַרגאָן) צו דער מדרגה פון א ליטעראַריש־וויסענשאַפטליכער, נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר שפּראַך, און די דערהאַלטונג פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט איז פערוואָרענט אויף אַזוינע בעדינגונגען, וואָס וועלען מאַכען לחלוטין איבריג די צונעהערינקייט צו געוויסע רעליגיעז־פילאָסאָפישע טראַדיציעס.

די אידישע איינצעל־פּערזענליכקייטען וועלען זיך בעפרייען פון אַלע שטריק, וואָס די נאַציע לעגט אויף זיי אַרויף אין דעם נאָמען פון איהר דערהאַלטונג. צונויפגעבונדען אין איינעם דורך דער א י י נ ה י י ט פ ו ן ד ע ר א י ד י ש ע ר ש פּ ר אַ ך און אויך דורך יענעם נאַטירליכען שטרעבען צו זיין זעלבסטשטענ־דיג און פריי פון אַנדערע פעלקער, וואָס יעדעס פאָלק ווייזט ארויס, בעת עס פערענטפערט זיינע קולטורעלע פּראָבלעמען, וועלען אויך

די אידען, ווי אלע אנדערע פעלקער, גאנץ נאטירליך, אהן א ברעפעל „העראאיזם“ און „טראגיזם“, יוהן א בעזונדערע אנשטרענגונג פון דעם נאציאנאלען ווילען, לעבען אין איינענעם נאציאנאלען לעבען, ד. ה. איבעראַרבייטען אויף זייער אייגענעם אופן דעם גאנצען מעכטיגען אוצר פון דער אלגעמיין־מענשליכער קולטור, אפילו יענעם טייל, וואס איז ביז אהער געווען א פערבאטענע פרוכט פאר דער אידישער נאציאנאליטעט, ווייל זי האט געשטעלט אין געפאהר די זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ פון דער נאציע.

אויב די מאיאריטעט פון דעם אידישען פאלק וואלט זיך ווען עס איז פעראינטערעסירט אין קריסטענטום, וואלט זי געקאנט אננעהמען די קריסטליכע אמונה אויף פארמעל און זי וואלט דערביי גארנישט ניט געליטען אין דעם נאציאנאלען זין. א קריסטענטום, וואס וואלט געווארען די אמונה פון א בעדייטענדען צאהל אידען, וואלט אומפערמיידליך בעקומען אן איינענעם אריגינעלען כאראקטער, וואס שטימט צונויף מיט די בעשאפונגס־פארמען פון דער אידישער פסיכא־פיזישער ארגאניזאציע.

דעמזעלבינען נאציאנאלען כאראקטער וואלט אויך אנגענומען יעדער אנדער גלויבענס־סיסטעם, אויב א בעדייטענדע צאהל אידען וואלט אריבערגענומען איהם פון דער ארומיגער סביבה און אויב ער וואלט ווערן ווייטער פאנאנדערגעארבייט פון אידישע קרעפטען אין דעם גבול פון דער אידישער נאציאנאליטעט.

די אידישע סאציאליסטישע אינטעליגענץ וואלט געקאנט פריי און אהן מורא פאנאנדערוויקלען די פאהן פון דעם אלוועלטליכען סאציאליזם פאר די אידישע ארבייטענדע מאסען, אין איינעם מיט זיי ארייננעהמען אין די אייגענע הענד דעם גורל פון דער היסטארישער ענטוויקלונג פון דעם אידישען פאלק און, דורך דעם קלאסען־קאמף פון דער אידישער ארבייט אנטגעגען דעם אידישען קאפיטאל, דורך דעם אנטייל־נעהמען אין דער אלוועלטליכער בעפרייאונגס־בעוועגונג פון דעם סאציאליזם, פערזיכערן דעם טריאומף פון זיינע אידעאלען אויף אין די גרעניצען פון דער אידישער נאציאנאליטעט. אין דער משפחה פון דער בעפרייטער מענשהייט, וואלט דאס אידישע פאלק פערנומען, ווי א נ א צ י ע, יענעם גלייכבע־

רעכטיגטען פּלאַץ, וועלכען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם גאַראַנטירט אַלע פעלקער אָהן אַן אויסנאַהם.

דער קולטורעלער נאַציאָנאַליזם פון די „בונדיזירענדע" איז, לויט זיינע טעאָרעטישע אנשויאונגען און אידעאַלען, געווען אַקוראַט אַזוי ווייט פון הערץ דובנאָוו'ס „גייסטיג-קולטורעלען" נאַציאָנאַליזם, אויף וויפיעל דער סאָציאַליזם איז ווייט פון דעם קאַדעטיזם.

עס איז ניט דאָ דער אָרט אויסצורעכנען אַלע יענע פערשיידענע אַרגומענטען, וואָס האָבען געצוואונגען דעם אידישען נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישען געדאַנק זיך אָבצוזאָגען פון דעם גלות-נאַציאָנאַליזם און איינצוזעהען יענעם, אין מיינע אויגען, בעשיינפערליכען אמת, אַז עס איז אוממעגליך צו האָבען אַ פרייע קולטורעלע אונאָבהענגיגקייט דאָרטען, וואו עס איז ניטאָ קיין באָדען פון אייגענע לאַנד אונטער די פיס. אַלע צווייגען פון דער מענשליכער קולטור זענען צונויפגעוואַקסען אין איינעם און די הויפּט ראָליע אין זיי שפּיעלען די סאָציאַל-פּאָליטישע און די עקאָנאָמישע בעציעהונגען. כדי צו האָבען אַ זעלבסטשטענדיגען קולטורעלען לעבען בכלל, מוז מען דעריבער פריהער האָבען די מעגליכקייט זעלבסטשטענדיג איינצואָרדענען דאָס עקאָנאָמישע און דאָס סאָציאַל-פּאָליטישע לעבען פון דעם פאָלק. אָבער דאָס ווידער איז פון זיין זייט אוממעגליך דורכצופיהרען אָהן אַן אייגענעם לאַנד, ד. ה. אָהן אַ טעריטאָריע מיט אַ האָמאָגענער אידישער בעפעלקערונג, פערבונדען מיט דעם רעכט איינצואָרדענען די יסודות פון דעם עקאָנאָמישען לעבען אַזוי ווי דאָס שטימט צונויף מיט דעם ווילען פון דער מאַיאָריטעט.

עס איז אויך ניט דאָ דער אָרט אָבצושטעלען זיך באריכות אויף דעם בעווייז פון יענעם געדאַנק, אַז דער „דריטער אַגרעגאַט-צושטאַנד" פון אַ קולטורעלער נאַציע, — דער „גאַזפאָרמיגער" אָדער „גייסטיגער", — ווערט פּאָזיטיוו פאָדערן, מען זאָל אָנווענדען אַן אומגעהויערע מאַסע ענערגיע, כדי גובר צו זיין די אָנציעהונגס-קראַפט פון די שטאַרקערע, סאָלידערע נאַציאָנאַלע קערפּערס און כדי איינצוהאַלטען די „קינעטישערע" טיילכעלעך אין דעם גבול פון דעם „לופט-אָרטיגען" גאַנצען.

ניט קוקענדיג אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון דעם נאַציאָנאַלען

זוילען, ווערט אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק, — און דוקא פון זיינע בעסטע קינדער, — זיך אָבשפּאַלטען פון איהם, אַן אַנדער טייל וועט אומפּענדלען, ווי אַן אומרוה, צווישען צוויי פּאָליוסען פון קולטורעלער צוציעהונג, נאָך אַ טייל וועט זיך איינמאַרינירען אין הערמעטיש פערמאַכטע בלים פון דעם טראַדיציאָנאַלען יודענ־טהום, און נאָר די קאָמפּראָמיסליכע מיטעלמעסיגקייט וועט אויס־אַרבייטען אַ מין „גייסטיגען" נאַציאָנאַליזם, אָהן ברייטע פּער־ספּעקטיווען און אידעאַלען, אָהן אַ גרויסען שוואונג פון נאַציאָנאַלען שאַפען און וועט אָנשטרענגען דעם גאַנצען „נאַציאָנאַלען ווילען צום לעבען", כדי אויסצומיידען די עקסטרעמען אין דעם רעליגיעזען, פילאָסאָפישען און סאָציאַל־פּאָליטישען געדאַנק. אָם־דער־וואָכען וועט זי, אין דעם עפענטליכען און דעם פּאָליטישען לעבען, זיך נאָכשלעפען נאָך דעם עק פון אקוראַט אזא קאָמפּראָמיסליכער מי־טעלמעסיגקייט ביי די אַנדערע פעלקער און נאָר אין שבתים און יום־טובים וועט זי מיט דערזעלביגער אָבגעהיטקייט וועבען יענע „גייסטיגע" שפּינוועבס, וואָס דאַרף אָבהיטען דאָס אידישע פאָלק פון דער „פּערמאַנענטער געפאַהר" — פערשלונגען צו ווערן פון די אַנדערע פעלקער.

הערר דובנאָוו זעהט אין אזא „פּערמאַנענטען" לעבען איבער אַן אָבגרונד אַ בעזונדער „טראַגיזם און הערואיזם" און דערבליקט אין איהם דעם דערקענונגס־שטריך פון דער אידישער געשיכטע, איהר בעצויבערנדען חן. אָבער הערר דובנאָוו, ווי עס שיינט, לאָזט אַרויס פון אויג איין איינציגען, זעהר וויכטיגען אומשטאַנד. דאָס אידישע פאָלק לעבט און הערט ניט אויף צו לעבען איבער'ן אָבגרונד, בעזועלט דורך דעם ליידענשאַפטליכען גלויבען: אַז ער וועט אין גיכען אויסגעלעזט ווערן פון אזא לעבען. ער האָט אריבערגעטראָגען אַלע יסורים פון גלות, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז צו דעם גלות דאַרף קומען אַ סוף, אַז ער וועט זיך באַלד צוריק אומקעהרען אין זיין איינגען לאַנד און דאָרטען וועט ער אָנהויבען פיהרען אַ פרייען, זעלבסטשטענדיגען לעבען און וועט אַלע פעלקער בעווייזען אַ ביי־

שפּיעל, ווי אזוי מען זאָל פערווירקליכען דעם יושר בין אדם לחבירו.

אָט צו דעם נאַציאָנאַלען טרוים אונזערן ווענען אַן אַלוועלטליכער מיסיע פון אידישען פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד קאָן מען זיך אָוועקשטעלען, ווי מען וויל. אָבער נאָר אָט דער נאַציאָנאַלער טרוים, אָט דער נאַציאָנאַלער גלויבען האָט ארום געוועבט מיט העראָאישער, טראַגישער שעהנקייט די היסטאָרישע שיקזאַלען פון דעם אידישען פאָלק אין גלות.

נעהמט ארויס פון דער אידישער געשיכטע אָט די נשמה, נעהמט ביי איהר אַוועק אפילו נאָר דעם טרוים ווענען נאַציאָנאַלע אונאָבהענגיגקייט, און די גאַנצע אידישע געשיכטע בעוויזט זיך פאַר אונז יעמאָלט ניט אין אַ העראָאישער, נאָר גאָר אין אַ פּאַטאָלאָגישער בעלייכטונג, און איהר גאַנצער העראָאיזם ברענגט אונז אַקוראַט אַזוי ווייניג אריין אין התלהבות, ווי ווייניג מיר ווערן נתפּעל פון אַלע יענע העראָאישע זעלבסט־פּייניגונגען, וואָס ווערן דורכגעפיהרט פון סעקטאַנטישע פאַנאַטיקער, ווען זיי פאַלען אריין אין אַ רעליגיעזען עקסטאַז.

הערר דובנאָוו מונטערט אויף דאָס אידישע פאָלק, ער זאָל אויך אויף ווייטער ניט אויפהערען „טראַגדירען" און „העלדעווען", — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, — ניט אין דעם נאָמען פון אַ דורכאויס אונאָבהענגיגען נאַציאָנאַלען לעבען, נאָר אין דעם נאָמען „פון דעם „עוואָליוציאָנערען יודאַאיזם". דער לעזער האָט אַ רעכט צו פאָדערן פון איהם, ער זאָל דאָך אַ מאָל דערקלערען וואָס פאַר אַ מין בריאה דאָס איז, אָט דער „עוואָליוציאָנערער יודאַאיזם", וואָס צוליעב איהם זאָל זיך לוינען צו בלייבען אין אַ „פערמאַנענטער געפאַהר".

לײדער האָבען מיר אין דעם גאַנצען בוך „בריעוו" ניט געפונען קיין איין שורה, וואָס זאָל אונז אָנווייזען יענע יסודות פון דעם יודאַאיזם, וואָס זענען טהייער הערר דובנאָוו'ן; אויף יענע איבינגע שטריכען, וואָס שיידען ארויס דעם יודאַאיזם פון דעם גאַנצען סכום גייסטיגע שטרעמונגען און וואָס גיבען איהם די מעגליכקייט, עוואָליוציאָנירענדיג, איביג בלייבען יודאַאיזם.

איבער דעם גאַנצען בוך פון דעם „בריעוו" טראָגט זיך ארום

הערדן דובנאָוו׳ס „גייסטיגער נאַציאָנאַליזם“, ווי דער „רוח אלהים“ איבער׳ן אָבגרונד און, ווי, כביכול, דער רוח אלהים, פערבאָרגט ער אין עקשנות זיין פנים פון יעדען בשר־ודם. מיר האָבען קיין רעכט ניט צו צווייפלען, אז אין הערדן דובנאָוו׳ס געדאנקען האָט דער יודאאיזם אַ בעשטימטען „צלם ודמות“.. אָבער עס איז ווייניג צו האָבען איהם נאָר אין געדאַנקען !

אַ טעאָריע, וואָס פאָרדערט, אז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך דערהאַלטען צוליעב אַ בעשטימטער א י ד ע ע, האָט ק ו ד ם כ ל בעדאַרפט דערקלערן דעם אינהאַלט פון יענער אידעע, פערטיידיגען איהר רעכט אויף עקזיסטענץ און וויטערדיגע ענטוויקעלונג; גע־דאַרפט בעווייזען, אז נאָר דאָס אידישע פאָלק קאָן אויספיהרען אָט די מיסיע, און ערשט דערנאָך זיך נעהמען פאַר יענע פראַקטישע אויספיהרען, וואָס ווערן דיקטירט פון דער אידעע.

אמת, וואָס פאַר אַ שעהנעם „צלם וצמות“ דער דובנאָוו׳שער יודאאיזם זאָל ניט האָבען דערביי אַרויסגעוויזען, וואָלט ער ניט געקאָנט דיענען ניט ווי אַ ציעל פאַר רעהאַביליטרען דעם גלות און ניט ווי אַ באַזיס פאַר דעם נאַציאָנאַלען לעבען. מחמת יעדער בע־שטימטער אידעעלער אינהאַלט מאַכט זיינע אָנהענגער ניט פאַר קינדער פון איין נאַציע, נאָר פאַר גלויביגע פון איין אמונה. בע־פרייען די נאַציע פון אַן אָבליגאַטאָרישער רעליגיע און פון וועלכע עס איז אָבליגאַטאָרישע אַנשויאונגען איבערהויפט, — דאָס איז די הויפּט־בעדינגונג פאַר איהר פרייער גייסטיגער ענטוויקעלונג. נאָר דערפאַר וואָלט הערדן דובנאָוו׳ס גאַנצע טעאָריע לפחות געהאַט יעמאָלט אַ וואָסער עס איז „צלם ודמות“. איצטער אָבער איז זיין „גייסטיגער נאַציאָנאַליזם“ אַזאַ: ניט נאָר ער ראָטה דעם אידישען פאָלק ער זאָל זיך אייביג אַרומטראָגען איבער׳ן אָבגרונד, נאָר ער האָט אַליין אויך ניט קיין ברעקעל טעאָרעטישען גרונט אונטער זיינע פיס.

אין הערדן דובנאָוו׳ס גאַנצער לעהרע זענען נאָר דאָ צוויי עלע־מענטען, וואָס זענען טיעף ריכטיג און לעבענסקרעפטיג. איינער פון זיי איז דער קאַמף אַנטקעגען דער אַסימילאַציע, וואָס איהם האָט דער מחבר געווידמעט אַ סך בלעטער, פול אַזרעלען שכל און פון גרונד אמת׳ען, הייסען געפיהל. דער צווייטער עלעמענט איז די פאָרע־

רונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער ווידערבעלעבונג אין אַלע גלות־לענדער אויף די יסודות פון נאַציאָנאַל־רעכטליכע אויטאָנאָמיע.

דאָס נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע לעבען אין גלות איז, ביי געוויסע בעדינגונגען, געווים א פאָרטזעצונג פון דעם אידישען היסטאָרישען לעבען.

אונזער פאָלק האָט באמת בעוויעזען דער וועלט א וואונדער. ווי אַן אקראָבאַט אויף א שטריק, אַזוי איז ער איבער אַן אַבגרונד געגאַנגען זיין היסטאָרישען וועג מיט א באַלאַנס אין די הענד, דעם רעליגיעזען גלויבען אין משיח. כל זמן ער וועט ניט האָבען קיין באָדען אונטער זיינע פיס, וועט ער געצוואונגען זיין ווייטער צו געהן דעמזעלביגען וועג. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, ווי די פאָרטגעשריטענסטע שיכטען פון פאָלק, וועלען ניט קאָנען אויסמיידען דיזעלביגע טרויעריגע היסטאָרישע נויטווענדיגקייט. אָבער אנשטאָט דעם אַלטען, דורכאוים צופוילטען באַלאַנס, — דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזען גלויבען אין משיח, — גיעבען זיי אין די הענד פון דעם בלוט־אייגענעם פאָלק א נייעם באַלאַנס: — דעם גלויבען אין די אייגענע קרעפטען, וואָס דאַרפען ווידער אָבגעפרישט ווערען אין גלות. מיט די אייגענע כוחות, און נאָר מיט זיי אַליין דאַרף דאָס פאָלק זיך ערקעמפען „לאַנד און פרייהייט".

די אידישע סאָציאַליסטען געהען דעם זעלביגען היסטאָרישען גלות־וועג אין איינעם מיט׳ן פאָלק, אָבער זיי אידעאַליזירען איהם ניט, זיי פערוואַנדלען ניט „די נויט אין א מצוה", ווי דאָס טהוט הערר דובנאָוו. זיי פערשטעהען גאַנץ גוט זיין „טראַגישען הערואיזם", ווייל אויך אין זייער הארצען לעבט דערזעלביגער אידעאַל, וואָס ביי דעם „אַלטען יודענטום", — דער אידעאַל פון דער פולער נאַציאָנאַלער ווידערבעלעבונג אין אן אייגענעם לאַנד.

אָהן אָט דעם אידעאַל, וואָלט דער „טראַגישער הערואיזם" פערוואַנדעלט געוואָרען אין „א טראַגי־קאָמישען הערואיזם" פון א פּאָר קיינעם ניט ניט נוצליכען, אומפּרוכטבאַרען און „פערגאַנגענט־נעפעהרליכען" אקראָבאַטענטום.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

הערר דובנאָוו איז אַ מאָל געווען אַ קאָסמאָפּאָליט און ממילא אַן אַסימילאַטאָר. דאָס ווערט אויך אין זיינע „בריעוו" דערמאָהנט. איצטער זענען די בעסטע בלעטער פון זיין ווערק געווידמעט דעם קאַמף אַנטקעגען קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע.

הייסט עס, אַז ער געהערט צו דער צאָהל פון יענע מענשען, וואָס ווערען ניט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פערגליווערט אין אַ וועלכער עס איז דאָגמע. לאָמיר דעריבער האָפען, אַז אויך דער „גייסטיגער" נאַציאָנאַליזם איז ניט די לעצטע סטאַנציע אין העררן דובנאָוו'ס ענטוויקלונג.

מען קאָן זיין זיכער, אַז אויב די קראַפט פון זיין קריטישען געדאַנק וועט זיין אַקוראַט אַזוי שטאַרק, ווי טיעף עס איז זיין נאַציאָנאַלער געפיהל, ווי אויפריכטיג עס איז זיין צער איבער דער לאַגע פון אונזער פאָלק, וועט ער פריהער אָדער שפּעטער אַוועק געבען זיינע אויסעראָרדענטליכע פעהיגקייטען, כדי צו דיענען ניט דעם נאַציאָנאַלען ווילען צו לעבען איבער'ן אַבגרונד, נאָר דעם נאַציאָנאַלען ווילען צו אַ נאָרמאַלען מענשליכען לעבען אין אַן אייגענעם לאַנד.

בער. שוויץ.